STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10791

SHOLEM-ALEYKHEM, 1859-1939

Uri Finkel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אורי פינקעל

שאָלעם-אַלייכעם

1939—1859

ווי איכ זאָל ניט שטארבנ, זאָל מענ מיכ באַ=
האלטנ ניט צווישנ אריסטאָקראטנ, מעיוכאָסימ,
אָדער גווירימ, נאָר גראָד צווישנ פראָסטע יידנ
ארבעטער, מיטנ עמעסנ פאָלק, אזוי אז די מאצייווע,
וואָס מע וועט דערנאָכ אוועקשטעלנ אפ מײַנ קיי=
ווער, זאָל באשײַנענ די אײַנפאכע קוואָרימ ארומ
מיר, אונ די אײַנפאכע קוואָרימ זאָלנ באפוצנ מײַנ
מאצייווע, אזוי ווי דאָס פראָסטע ערלעכע פאָלק
האָט פאר מײַנ לעבנ באשײַנט זײַנ פאָלקס=שרײַבער.

(פונ שאָלעמ-אלייכעמס צוואָע)

צומ לעזער

דער דאָזיקער בוך וועגנ שאָלעמ-אַלייכעמע-
פּרעטענדירט ניט צו געבנ אנ אויסשעפּנדיקע ביאָ-
גראַפיע פונעמ גרויסנ יידישנ פאָלקס-שרייבער. דער
אווטאָר פונעמ בוך האָט זיך באמיט צו פארציי-
כענענ די וויכטיקסטע געשעענישנ אינ שאָלעמ-
אַלייכעמס לעבנ אונ צו שילדערנ די סוויווע, אינ
וועלכער ס'איז געוואקסנ אונ ס'האָט זיך אנטוויקלט
שאָלעמ-אַלייכעמ.

אייניקע מאָמענטנ זיינענ געגעבנ אינעמ בוך
אינ א בעלעטריזירטער פאָרמ. דאָס האָט געמוזט ברענ-
גענ צו א געוויסנ איבערפלעכט פונ „ווארהייט“
אונ „דיכטונג“. אָבער אינ טאָכ איז דער בוך גע-
בויט אפ דאָקומענטירטע מאטעריאלנ, גענומענ סיי

פונ שאָלעמ-אלייכעמס ווערק אונ זײַנע בריוו אונ סײַ פונ פארשיידענע מעמוארנ וועגנ שאָלעמ-אלייכעמענ אָדער געשיכטלעכע דאָקומענטנ.

אויב דער בוכ וועט וועקנ ליבע אונ אכטונג צו אונדזער גרויסנ פאָלקס-שרײַבער, וועט דער אווטאָר האלטנ, אז ער האָט זײַנ צוועק דערגרייכט.

קאַפּיטל איינס

דאָס יאָר טויזנט אכט הונדערט נײַנ אונ פופציק

א גאנצע וואָכ האָט א פארטונקלטער הימל געשמיצנ מיט א רעגנ איבערנ שניי אונ געטריבנ אים פונ פעלדער אונ וועלדער. דער שניי האָט צעווייקט די ערד אונ מיט א קאלעמוטנע וואסער געיאָגט זיכ אינ טײַכלעכ אונ טײַכנ. טײַכנ האָבנ זיכ צעגאָסנ ווײַט אריבער די ברעגעס אונ אפ שוימיקע כוואליעס אוועקגעטראָגנ אלצ מיטנ האָס־טיקנ שטראָמ אינ העט־ווײַט.

אָנהייב מארט פונ יאָר 1859.

הײַנט איז שוינ דער הימל אויסגעלײַטערט, אונ אצינד איז א בלויע ליכטיקע נאכט פונ אָנהייב פרילינג.

אפ דער פאָסט־סטאנציע וואָראָנקאָוואָ איז שוינ איינִי־קע טעג פוסט. עס קומענ ניט קיינ דורכפאָרנדיקע געסט, די פערד אינ סטאָדאָלע שטייענ זאט אונ אויסגערוט.

אינ דעמ צימער פאר די געסט זיצנ די אָנטרײַבער. שוינ אייניקע טעג ניט געווענ אינ וועג. זיי דערציילנ מײַ־סעס איינער דעמ אנדערנ, דערציילנ גוזמעס אָנ א שיר.

א מעשׂה, וואָס האָט זיך פֿאַרלאָפֿן מיט יאָרן צוריק מיט א ווּנדערבאַר פֿערד, וואָס האָט אין א צײַט פֿון א פֿאַר־פֿלייצונג מיט איין שפּרונג אַריבערגעשפּרונגען דעם טײַך. א מעשׂה וועגן מענטשן, וואָס זײַנען געפֿאָרן פֿון א ווײַט לאַנד, און עס האָבן זיי די כוואַליעס דער־שלונגען, און זיי זײַנען אַף אייביק אַוועק פֿון דער וועלט, און מע ווייסט ניט, ווּ זייער געביין איז אַהינגעקומען.

שוין לאַנג, קימאַט א וואָך, אַז מע הערט ניט קיין פֿרעמדן גלאָק.

די טיר פֿון דער קאָנטאָר איז פֿאַרמאַכט. דאָרט זיצט דער אָרענדאַר פֿון דער פּאָסט־סטאַנציע נאָכעם ראַבינאָ־וויטש. א לעמפּל באַלויכט דעם טיש, און ער, נאָכעם ראַ־בינאָוויטש, קוקט אין אַן אָפֿענעם בוך. דאָס לייענט ער שוין דעם וויפֿלטן מאָל איינעם פֿון די צוויי ביכער, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט פֿון פּערעיאַסלאַוו.

דאָס זײַנען יִצחק־בער לעווינזאָנס ביכער: „תּעודה בישׂראל“ און „אפֿעס דמים“ — א בוך וועגן בלוט־בילבולים.

נאָכעם ראַבינאָוויטש קוקט אַרײַן אינעם בוך, אָפֿטמאָל גיט ער זיך א שאָקל, און עס באַוועגט זיך מיט אים אויך זײַן שאָטן אַף דער וואַנט. מיט זײַן שטשופּלער ווײַסער האַנט גלעט ער זײַן נאָך גאָר קורץ שוואַרץ בערדל.

מיטאַמאָל צעזינגט ער זיך איבערן בוך מיט אַן אומע־טיקן, געקרײַזלטן ניגון און כאַזערט איבער אין דער הייך

אפ יִידיש דאָס, וואָס ער האָט געלייענט אפ העּ=
ברייִש.

— אָמאר האקוימער — דער ארציבישאָפ האָט גע=
זאָגט: זיי טוען נאָר לעכצן נאָך אונדזער בלוט, ווײַל זיי,
די יִידן, דארפן זיך רייניקן מיט דעם. אנדערש קאָנען
זיי ניט קומען אפ דער עמעסער וועלט.

ער ווערט אנשוויגן, און זײַן בלייך פּאָנעם ווערט נאָך
בלייכער, זײַנע שווארצע גלאנציקע אויגן קוקן ווידער אָנ=
געשטרענגט אין בוך. א לײַכטער ציטער טראָגט זיך
אדורך איבער זײַן לײַב, און ער כאזערט ווידער איבער
אין דער הייך שוין מיט א פרייליכערן ניגן:

— אָמאר העכאָכאָם — דער פילעסופ האָט אזוי גע=
זאָגט: דאָס זײַנען נאָר אויסטראכטענישן פון דער קאטוי=
לישער קירך. די בילבולים זײַנען בלויז זאבאָבאָנעם פונעם
גלייביקן, פינצטערן פאָלק. די אופגעקלערטע פעלקער האָבן
שוין לאנג פארגעסן אין די דאָזיקע זאבאָבאָנעם.

א וואָך צײַט אז נאָפעמ ראבינאָוויטש איז שוין אָפּגע=
ריסן פון פּערעיאסלאוו. אזוי פרי געקומען האיאָר דער
פרילינג. די געהילצן, וואָס ליגן באַם ברעג פונעם דניע=
פּער פאר צענדליקער מײַל פונדאנען, — ווער ווייסט, וואָס
עס טוט זיך מיט זיי. און אין דער היים?.. וואָס הערט
זיך אין דער היים?

עס זיצט זיך ניט אײַן באַם בוך. ער פרווט איבער=
ציילן די קאסע. שוין די קאסע אויך ניט איין מאָל גע=

ציילט — עס פעלט גאָרנישט, עס קומט נאָרנישט צו...

ער וועט ארוים אפן גאנעק. עפשער האָט זיך ווער געלאָזן אין וועג ארייַן. עפשער פאָרט עמעצער פון פערעיאסלאוו און ברענגט אים א גרוס פון דער היים.

קעגניבער דעם גאנעק איז, ווי אלעמאָל, געשטאנען דער וועג-סלופּ מיט די ווייַסע און שווארצע פּאסן באמאָלט. די לעוואָנע האָט באלויכטן דאָס ברעטל, וואָס איז געווען צוגעקלאפּט אפּ אים, און נאָכעם ראבינאָוויטש האָט ניט ווילנדיק איבערגעלייענט די אים שוין פון לאנג באקאנטע ווערטער פון דער רוסישער אויפשריפט:

פאָסט-סטאנציע וואָראָנקאָוואָ

און די אונטערשטע שורעס, וואָס זייַנען געווען אופגעשריבן אפן ברעטל, האָט ער אויך ניט ווילנדיק איבערגעלייענט:

פינף הונדערט פיר און פופציק וועפּאשעס פון טעולעכן געשלעכט. זיבן הונדערט צוויי און פופציק וועפּאשעס פון ווייַבלעכן געשלעכט

און, מיטאמאָל, עס הערט זיך א גלאָק, וואָס פארלירט זייַנע אָפּגעריסענע קלאנגען אין דער טיפקייַט פון דער

נאכט. „צי פאָרט מען ניט פון פּערעיאסלאַוו?“ — האָט ער א טראכט געטאָן. דער גלאָק ווערט אלץ נעענטער און נעענטער. עס הערט זיך אפילע, ווי עס רײַבן זיך די אקסן אָן דעם אויסגעווייקטן קלעפּיקן באָדן.

ער האָט זיך אויסגעגלײַכט און האָט איצט אויסגעזען נאָך העכער ווי אלעמאָל. די פערד זײַנען שוין געווען גאָר נאָענט, און נאָכעם ראבינאָוויטש האָט אוועקגעשפּאנט זיי אנטקעגן.

די פּאָסט-פערד זײַנען ארײַנגעפּאָרן אפן הויף פון דער סטאנציע, און אין א פּאָר מינוט ארום איז דער נאָרוואָס געקומענער הערצל שטשופּאק, די ראבינאָוויטשעס עלטסטער מעשאָרעס, געזעסן אין קאָנטאָר באם טיש אנטקעגן נאָכעם ראבינאָוויטשן. הערצל שטשופּאק האָט איצט מער ווי אלעמאָל געביסן דעם שפּיץ פון זײַן גרויער באָרד און מיט זײַנע ברעמען אלץ געפּינטלט און געצינטלט, קוקנדיק גלײַך נאָכעם ראבינאָוויטשן איבערן קאָפּ.

ער האָט געוואַרט ביז נאָכעם ראבינאָוויטש וועט אויפהייבן דעם קאָפּ פונעם אָפענעם פּאפּיר, וואָס ער, הערצל שטשופּאק, האָט אים געבראכט פון דער היים. דער אלטער „מענטש“ האָט איצט נאָך מער איבערגעלעבט דאָס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט מיט עטלעכע טעג צוריק אין פּערעיאסלאַוו בא זײַנע באלעבאטים אין שטוב. פאר זײַנע אויגן האָבן זיך געטראָגן די קלעצער פון די צעשלאָגענע פּליטן, געטראָגן זיך איבער דעם קאלעמוטנעם שוים פון

נעמ רווישנדיקנ דניעפער. ס׳איז אימ שווער געווענ, הערצל שטשופאקנ, צו מאכנ קוראזש, צו פארשטעלנ זיכ, אז ער ווייסט פונ גאָרנישט. ער האָט זיכ אָבער געמאכט ניט ווי־סנדיק אונ געווארט, דער באַלעבאָס זאָל אימ אליינ פרעגנ.

נאָכעמ ראבינאָוויטש האָט זיכ אופגעשטעלט פונ זיינ שטול, האָט אויסגעזענ ווי אופגעהאָרבעט, אונ ער האָט גענומענ לייענענ אפנ קאָל:

„...האָייצימ זיינענ אוועק מיטנ וואסער בישוויל האפא־וואָדקעס, וועהאפליטנ זיינענ צעקלאפט געוואָרנ אל הא־פּאָראָגנ...״

הערצל שטשופאק האָט זיכ אויכ אופגעשטעלט, האָט צעפירט מיט די הענט.

— הערט איר, באַלעבאָס, א פּאוואָדקע מיט סאקאָנעס, זינט די וועלט שטייט... בימערע צייטנ געקומענ. אָבער ווי זאָגט דער פּאָסוק: הארכוש קאָכ לאָכ, ווי־האנעפעש מענ לי — נעמ זיכ די קלעצער צו אלדי קאדיק אונ דאָס ווייב אונ קינד לאָז מיר איבער.

הערצלס קוויטשעדיק קעלכל האָט זיכ געקאָנט אויס־דוכטנ ווי א קינדיש געוויינ. נאָכעמ ראבינאָוויטש האָט אָבער גלייכ ווי גאָר ניט געלייגט קיינ אכט אפ הערצלס רייד, איז אנשוויגנ געוואָרנ אפ א ווייל אונ האָט באלד ווידער געלייענט:

„...האגראפ מיבאָסלאוו האָט זיכ אופגעהאנגענ טאקע בימיי האפּאוואָדקעס, אונ די אנשיי שלוימיינו פונ דעמ

טאלנער שטיבל זאָגנ, אז דערפאר זײַנענ דאָס די האיאָריקע פּאוואָדקעס מיט סאקאָנעס. פּייסעכ-עליע דער ווײַנער האָט אימ אָנגעטאָנ א פּײַנ היטל, דעמ גראפּ, געשטעלט בעדיל-האדאל. א גוטער יִמאכשמויניק! וועגנ דער אײַזנבאנ דערציילט מענ גאָר בא אונדז כידושימ, און זײַנ ליבער נאָמענ ווייסט, צי וועט עס ניט שלאָגנ אל האפּארנאָסע שעל האפּאָטשט“.

נאָכעמ ראבינאָוויטש האָט זיכ אָפּגעשטעלט, האָט זיכ א ביסל פארטראכט, און א לײַכטער שמייכל האָט זיכ געוויזנ אפ זײַנ פּאָנעמ. עפּעס האָט אימ הײַנטיקס מאָל דאָס לאָשנ פונעמ בריוו דערמאָנט אָנ יויסעפ פּערלס בוכ „מעגאלע טמירינ“ (אנטפּלעקער פונ געהיימנישנ), עפּעס שרײַבט זײַנ ברודער פּינכעס פּונקט ווי יענער פליאסק דער כאָסיד בא פּערלענ.

— נו, זאָל זײַנ אזוי! ווי האָט איר געזאָגט, רעב הערצ? נעמ זיכ די קלעצער צו אלדי שווארצע יאָר, דאכט זיכ, האָט איר געזאָגט, און דאָס ווײַב און קינד לאָז מיר איבער, אזוי זאָגט איר, רעב הערצ?

הערצל שטשופּאק האָט זיכ צעשמייכלט אינ זײַנ גרויער באָרד. עס האָט אימ האנאָע געטאָנ, וואָס זײַנ יונגער באלעבאָס האָט אימ דאָכ געהערט און האלט אפילע פונ זײַנע רייד.

— און וועגנ דער אײַזנבאנ, באלעבאָס, קאָנ איכ זאָגנ, אז דאָס איז בלאָטע, פּוסטע מײַסעס. ווער עס איז איי-

מאָל געפֿאָרנ מיטנ גלאָק, וועט זיכ ניט העצקענ מיטנ פּנימ. פּוסטע מײַסעס! א וואָלפּ קוקט אינ וואַלד...

— נו, זאָל זײַנ אזוי! — האָט נאָכעמ ראַבינאָוויטש געזאָגט אונ דורכגעלייענט די לעצטע שורעס פֿונעמ בריוו.

„...איידער אישטעכאָ כײַע-עסטער, זאָל האָבנ לאנגע יאָר, איז מיט מאזל געלעגנ געוואָרנ, איז איר געקומענ צו כאָלעמ שאָלעמ הײַסינגער, דער כאזנ פֿונ טאלנער שטיבל. ער קער אָנ אנ עלטער-פֿעטער איר מאמענ, זאָל לעבנ, אונ זי, כײַע-עסטער, זאָל געזונט זײַנ, געדענקט אָט ווי הײַנט, ווי ער האָט צו איר געזאָגט:

— וואָס מאכסטו, כײַע-עסטער סערדצע?

— נישקאָשע, — האָט זי געענטפֿערט.

— ווערסט אימירצעשעמ האָבנ א לאנג-לעבעדיק יונגל, — אונ איז טייקעפּ ניט געוואָרנ.

ס'וואָלט געווענ א יוישער-גאָדל, מ'זאָל דאָס נײַ-געבוירענע יונגל א נאָמענ געבנ נאָכ אימ: ער האָט, געבעכ, נאָכ זיכ קיינ נאָמענ ניט. אונ זאָל ער זײַנ א גוטער בעטער פֿארנ יונגל, פֿאר טאטע-מאמע, פֿאר אונדז אלעמענ, פֿאר קאָל-יִסראָעל. אָמיינ".

אפ מאָרגנ זײַנענ זיי ביידע, דער באַלעבאָס אונ זײַנ „מענטש", געקומענ אינ פּערעיאסלאוו. אונ אינ א פּאָר טעג ארומ זײַנענ אינ דער גרויסער שטוב פֿונ וועוויק ראַבינאָוויטשעס יאָרשימ געווענ צונויפֿגעשטעלט טישנ צו טישנ אונ אינמיטנ טאָג האָבנ ליכט געברענט אפ זיי. אונ

בא די טישנ זײַנענ געזעסנ באזונדער מענער אונ פרויענ, געגעסנ אונ געטרונקענ.

מענטשנ האָבנ געזונגענ אונ געטאנצט, אונ פינכעס, נאָכעמ ראבינאָוויטשעס עלטערער ברודער, האָט אָנגעטאָנ א ווײַסנ קיטל איבער זײַנ יאָנטעווודיקער זײַדענער קאפאָטע אונ האָט געטאנצט דעמ מיסטישנ „טויטנ־טאנצ“.

פרויענ אונ מענער זײַנענ געשטאנענ ארומ אימ, געהויבנ די הענט אינ דער הייכ, געמאכט טרויעריקע מינעס, אונ ער האָט געטאנצט מיט פארמאכטע אויגנ. אופגעהויבנ די הענט אינ דער הייכ, געשאָקלט מיט זײַנ שווארצער לאנגער באָרד. ער האָט געדענקט וועגנ די צעשלאָגענע פליטנ, וועגנ די רײַכטימער, וואָס זײַנענ אוועקגעשווומענ מיטנ וואסער, וועגנ דער פארפלוכטער אײַזנבאנ, וואָס שלאָגט אפ דער פארנאָסע פונ וועוויק ראבינאָוויטשעס יאָרשימ.

פינכעס האָט געענדיקט טאנצנ, אונ דער יינגסטער ברודער, ניסל ראבינאָוויטש, האָט זיכ צעזונגענ. ער האָט געזונגענ פאָלקס־לידער, אונ אלע האָבנ צוגעפליעסקעט מיט די הענט, געטופעט מיט די פיס.

אינ אָט דעמ טאָג איז אפ דעמ בלאט פונ די ראבינאָוויטשעס אינ דער פערעיאסלאווער סקאזקע צוגעקומענ א נײַער נאָמענ:

שאָלעמ נאָכימאָװ ראבינאָװיטש.

פונ פערעיאסלאוו קיינ וואָראָנקאָ

אינ איינעמ א זומערדיקנ טאָג זײַנען אינ וואָראָנקאָ אָנגעקומענ עטלעכע פורנ. פאָרויס זײַנען געגאַנגענ א פאָר פאָסט־פערד, געשפּאַנט אינ א גרינג וועגל מיט א לעדערנ בײַדל. דאָרט זײַנען געזעסנ נאָכעמ ראַבינאָוויטשעס מוטער מינדל, א הויכע, שטשופּלע, באַיאָרטע פרוי, זײַנע עלטערע קינדער אונ זײַנ ווײַב כײַע־עסטער, א קליינוווּקסיקע, א בלאָנדע, אונ איר קלענסטער זונ שאָלעמ בײַ איר אַפ די הענט. דאָס איז געווענ אומגעפער אינ יאָר 1861.

הינטער די פאָסט־פערד זײַנען נאָכגעפאָרנ א פאָר פורנ, אָנגעפּאַקטע מיט פערענעס, קישנס, פעקלעכ אונ מיט מעבל. דאָס איז נאָכעמ ראַבינאָוויטשעס פאַמיליע אַריבערגעפאָרנ פונ פערעיאסלאוו קיינ וואָראָנקאָ.

„א קליינ שטעטעלע, אָט דאָס וואָראָנקאָ, נאָר א שיינס, מאָלע כיינ. איר קאָנט דורכשפּאַצירנ דאָס גאַנצע שטעטל אינ דער לענג אונ אינ דער ברייט אינ איינ האַלב שאָ... אָנ א באַנ, אָנ א יאַמ, אָנ א ראַש, מיט צוויי יאַרידנ סאַכאַקל דורכנ יאָר". — אַזוי דערציילט שאָלעמ־אַליכעמ אינ זײַנ קינסטלערישער אויטאָביאָגראַפיע „פונעמ יאַריד".

אָט דאָ אינ וואָראָנקאָ האָט נאָכעמ ראַבינאָוויטש, דער אַרענדאַר פונ דער זעמסקער פאָסט, געהאַלטנ א פאָסטע־

סיע, געהאנדלט מיט טווּע, געשטעלט אָקסן אַפּ דער בּראהע, און זי, די פלינקע, בּלאָנדע בּעזעסטער, האָט געהאלטן א שניטקראָם.

דאָ אין וואָראָנקאָ, פּאָלטאוור גובערניע, אין אוקראינע, האָט שאָלעם-אליכעם פארבראכט זײַן קינדהײט. „קיין אנ-דער שטאָט אַפּ דער וועלט האָט זיך אים אזוי ניט אײַנ-געגעסן אין זיקאָרן, ...און קיין אנדער שטאָט אַפּ דער וועלט האָט ניט געהאט אזויפיל בּײַז אין זײַנע אויגן, אזוי אז ער קאָן עס ניט פארגעסן און וועט עס ניט פארגעסן אייבּיק און אייבּיק".

דאָס בּלאָנדע, יאָדערדיקע ייִנגל שאָלעם פלעגט דאָ ארומ-לויפן מיט די כאַווײרים פון זײַן קינדהייט איבּער דעם גרויסן בּרייטן מארק מיט זײַנע פיל ייִדישע קלייטן אין קלייטלעך, טישן, טישעלעך און שטעלעכלעך, מיט פרישע, שמעקעדיקע עפּעלעך און בּארעלעך, דיניעס און קאַווע-נעס, וואָס ציגן און כאזיירים האָבּן כיישעק צו גניסן פון זיי צו יעדער צײַט, און די מארק-ווײַבּער פירן מיט זיי שטענדיקע מילכאָמעס.

עס איז אן אלט שטעטל, וואָראָנקאָ. עס האָט אן אלטע קליינצאָליקע ייִדישע בּאפעלקערונג און איז פול מיט מײַ-סעס און לעגענדעס, וואָס מע וואָלט פון זיי אליין גע-קאָנט אָנשרײַבּן א גאנצן בּוך. און א בּארג, א הויכער בּארג, וואָס דערגרייכט בּיזן הימל, צאמט אָפּ אָט דאָס שטעטל פון פעלדער און פון דערפער. און אלע ווייסן, אז

אָפּ יענער זײַט בארג ליגט באהאלטנ אנ אויצער נאָכ פונ באַגדאנ כמעלניצקים צײַטנ.

נאָכעמ ראבינאָוויטשנ, שאָלעמ=אליײכעמס פאָטער, האָט מענ אינ וואָראָנקאָ געהאלטנ פאר א נאָגיד. דעמ דאָזיקנ נאָמענ האָט ער באקומענ דורכ יערושע פונ זײַנ פאָטער וועוויק, אָדער וואָלפ ראבינאָוויטש.

אָבער ניט אלע נעגידימ פונ פאר דער רעפאָרמע האָבנ זיכ געקאָנט צופאסנ צו די נײַע פאָדערונגענ פונעמ שטײַגנדיקנ קאפּיטאליזמ. פיל פונ זיי זײַנענ געוואָרנ פאראָרעמט אונ געבליבנ באמ אמאָליקנ ייִכעס, אונ ניט מער.

דאָ איז דאָס בלאָנדע יונגעלע שאָלעמ געוואקסנ, דאָ האָט ער באקומענ זײַנע ערשטע אײַנדרוקנ אונ באקאנט זיכ צומ ערשטנ מאָל מיט דער קאסרילעווקער קינדער=וועלט.

גאזלאָנימ באפאלנ הירשקע דעמ סינ

א גאנצנ כוידעש איז הירשקע דער סינ, ראבינאָוויטשעס שוטעפ, אָפּגעווענ אינ וועג. ער האָט אוועקגעפירט די טווּע אינ שטאָט אריינ אונ האָט אויכ באקומענ בא גאָכעמ ראבינאָוויטשנ א באפולמעכטיקונג אויסצורעכענענ זיכ אינ דעמ נאָענטנ צוקער=זאוואָד אונ באקומענ דאָס געלט.

ווענ הירשקע דער סינ איז געקומענ אינ וואָראָנקאָ צוריק, האָט ער וועגנ דעמ די ראבינאָוויטשעס ניט אָנגעזאָגט

באלד. אפ מאָרגנ נאָכ זײַנ קומענ איז ער אַװעק אינ בעסמעדרעש, געמאכט א פרומ פּענעמל, געשפּײַט אפ די שפּיצנ פונ זײַנע פינגער אונ געקײַקלט זײַנע געלע פּײעס, אװעקגעשטעלט זיכ הינטער דער בימע לעבנ דער צדאָקע-פּושקע, געקלאפּט זיכ אינ הארצנ, געװײנט אונ אַרײַנגעװאָרפנ אינ דער פּושקע א פּאָר קופּערנע מאטבײעס. ער האָט מיט קײנעמ ניט גערעדט, איז צוגעפאלנ צומ אָרנקוידעש, פּאַנאנדערגעעפנט אימ אונ האָט זיכ צעװײנט אפנ קאָל, געקושט די סײפערטוירעס אונ געשריִענ מיט א געװײנ:

— ריבוינעסעלוילעמ, װאָס האָסטו צו מיר געהאט, װאָס האָסטו אָנגעסיקט אפ מיר רעסאָיִמ אינ װעג. ניכײַ װאָלטנ זײ סוינ צוגענומענ מײַנ נעפעס אויכ.

נאָכנ אָפּשרײַענ אינ אָרנקוידעש האָט ער אלײנ פאַרמאכט די טירלעכ, אומגעקערט זיכ צומ אוילעמ, געדרײט זײַנע געלע פּײעס, אַראָפּגעלאָזנ די װיִעס פונ די אויגנ אונ איז אװעק אפ זײַנ באשטענדיק אָרט. אונ דער אוילעמ האָט דעמלט אזוי גערעדט צװישנ זיכ:

— הערט אימ, רעסאָיִמ זײַנענ אימ באפאלנ, דעמ סינ! בא נאָכעמ װעװיקס טאָגט אינ קעשענע, אונ ער האָט אויסגעבויט צװײ שטיבער. װאָס דענ, א לאנטאכ טראָגט אימ געלט? אנ אויצער האָט ער געפונענ? הערט אימ, דעמ סינ!

שוינ א שאָ צײַט, אז הירשקע דער סינ זיצט בא נאָכעמ ראבינאָװיטשנ אינ שטוב אונ גיט אָפּ כעזשבנ. הײַנטיקס מאָל זיצנ דערבײַ אויכ מיגדל ראבינאָװיטש אונ גיסל.

— ווּ איז מענ דיכ באפאלנ, ווענ איז מענ דיכ באפאלנ? אז איכ זאָג דיר די גאנצע צײַט, ער טוט דיר אָנ א ספאָדעק, — האָט ניסל געשריִענ, — זנאט ניע זשעלאיעמ, גיב אָפ דאָס געלט.

— פאָסעט איז פאָסעט, גאזלאָנימ האָבנ מיכ באפאלנ. א דאנק דעמ לעבעדיקנ, וואָס מע האָט מיכ נאָכ געלאָזנ באמ נעפעס, — האָט הירשקע א ביסל איבערגעשראָקנ געזאָגט אונ ווי אלעמאָל געכאפט זיכ דרייענ זײַנע געלע פייעס.

אינ דער צײַט האָט בא נאָכעמ ראבינאָוויטשנ אינ קיכ מער ווי אלעמאָל געשריִענ אונ געפאדעט פרומע די מויד. זי האָט ניט געזשאלעוועט קיינ בוכענצעס די קינדער, געשאָלטנ אונ געשריִענ. אונ מער ווי אפ אלעמענ האָט זי געשריִענ אפ דעמ בלאָנדנ, יאָדערדיקנ יינגל שאָלעמ. זי אליינ האָט הײַנט מיט דעמ אייניציקנ אויג באמערקט, ווי ער שטייט הינטער איר אונ קרימט זי איבער: שטעלט אויס די אונטערשטע ליפ, רײַבט מיט א הענטל איבער אנ אויג אונ שרײַט פונקט ווי מיט איר קאָל „סאמאוואָלעצ".

— אָט א סאמאוואָלעצ, ליבינקער פאָטער! אלעוויי זאָל איכ ליגנ זאָגנ, עס וועט פונ אימ קיינ גוטס ניט ארויסקומענ, אָט דער ניעדאראָסט וועט מיט זײַנ טויט ניט שטארבנ.

זי וואָלט אימ גאנצ גוט אָפגעצאָלט מיט א פאָר בוכענצעס אינ די זײַטנ ארײַנ, אָבער ווי זי האָט זיכ נאָר א

קער געטאָנ צו אימ, איז ער שוינ ארויסגעלאָפנ אפ דער גאס. עס האָט איר שטארק פארדראָסנ, פארוואָס זאָל עס א טאטנס א קינד זײַנ אזא „סאמאוואָלעצ“. עס האָט זיכ איר געוואָלט פאר עמעצנ אויסריידנ דאָס הארצ. אינ קיכ איז אָבער קיינער ניט געווענ, האָט זי זיכ צערעדט פאר זיכ:

— וואָסי, זאָל ער מיר געזונט זײַנ, זאָל אימ גאָט ניט שטראָפנ, ער גיט עפעס אכטונג אפ זײַנע קינדער? עס ארט אימ עפעס פאר א וועלט? יענע האָרעוועט נעבעכ א גאנצענעמ טאָג, שרײַט זיכ אָנ, ווי א פויק, אינ קראָמ, אונ אימ שטעלט דער סינ ארויס א צונג... אָבער מיטנ לויפער, ווידער מיטנ שאָכ. א שטאָכ, א בראָכ זאָל שוינ קומענ אפ שמול־עליע דעמ כאזנ. גאנצענע טעג ווערט אימ ניט נימעס צו זיצנ אונ שרײַענ: „א־א, מײַנ גאנג!“ גיינ זאָל ער אפ שטאָלצנ. „איר זײַט פאָר, רעב נאָכעמ!“ פאָרנ זאָל ער אפ די זײַטנ.

פרומע די מויד איז פלוצעמ צוגעלאָפנ צומ אויווּנ, א כאפ געטאָנ א טאָפ מיט הייסנ אָקרעפ אונ פליוכ אפנ הונט, וואָס איז פארקראָכנ אינ קיכ. סירקע האָט זיכ צעקוויטשעט, אונ פרומע די מויד האָט נאָכ העכער פונ אימ געשריִענ, האָט געקלאפט מיט א שטעקנ איבערנ דיל אונ אינ וואנט, אז עס איז אראָפגעפאלנ דאָס קופערנע געפעס פונ דער גראטקע. דער קלאפ פונעמ געפעס האָט אָפגעהילכט איבער דער גאנצער שטוב.

פרומע האָט אופגעהערט צו שלאָגנ מיטנ שטעקנ איבער

דער וואנט, ווענ עס האָט זיכ האסטיק אופגעעפנט ד טיר פונ קיכ אונ עס זײַנענ איבערגעשראָקענע ארײַנגעלאָפנ די באָבע מינדל, נאָכעמ ראבינאָוויטש, הירשקע דער סינ, ניסל, נאָכעמס יִנגערער ברודער, אונ שאָלעמ, וועלכער איז געשטאנענ הינטער אלעמענ אונ האָט זיכ צעשריִענ:

— פּאָסעט איז פּאָסעט, וואָס איז דאָס פאר א געשריי, וואָס איז דאָ כאסוועסאָלעמ געסענ? — דאָס האָט ער איצטער איבערגעקרימט הירשקע דעמ סינ.

וואָלט עס געשענ אנ אנדערשמאָל, אז די ראבינאָוויטשעס וואָלטנ הערנ, ווי ער קרימט איבער זײער שוטעפ, וואָלט אימ שוינ די באָבע מינדל צוגעשטעלט א בענקעלע פארנ ריבנ, אונ זאָל דער קונדעס וויסנ, ווער עלטער איז. אָבער הײַנט איז עס די ראבינאָוויטשעס ניט געלעגנ אינ קאָפּ. סירקעס האָוועקערײַ אונ פרומעס געשרײענ האָבנ בלויז איבערגעריסנ דאָס געשריי אונ דעמ קריג, וואָס איז פאָרגעקומענ בא נאָכעמ ראבינאָוויטשנ אינ גאסטצימער.

גערגעלע־כאוער

א גאנצנ זומער, אז שאָלעמ, נאָכעמ ראבינאָוויטשעס יִנגל, כאווערט זיכ שטילערהייט מיט גערשנ דעמ יאָסעמ, וואָס זײַנ מאמע, סאָרע-פייגע די קעכנ, רופט אימ גערגעלע אונ זײַנ שטיפטאטע, יויסעפ-מייער דער העקער, — גערגעלע-גאנעוו.

אלע דאָנערשטיק טײלט שאָלעם אָפּ פֿונ זײַנ „מיט זיך“, וואָס פֿרומע די מויד גיט אים אינ כײדער. ער לײגט עס אַרײַנ אינ א באַזונדערער קעשענע אונ וואַרט, ביזוואַנענ גערגעלע וועט קומענ צו זײַנ רעבנ, דעם שויכעט, קוילענ אַנ אָפּ.

א גאַנצע וואָך וואַרט ער, שאָלעם, אָפּ אָט דעם דאָנערשטיק. גערגעלע קומט, גערגעלע פֿאַרבײַסט זײַנ צעשפּאָלטענע ליפּ, ער צעקרײעט זיך ווי א האָנ. דער רעבע שרײַט אָפּ אים, אונ די קינדער צעקוואָקטשענ זיך ווי די הינער.

גערגעלע הערט אוף צו קרײענ, אינ כײדער ווערט ווי־דער שטיל, דער רעבע זיצט שוינ אָפּ זײַנ באַשטענדיק אָרט. אונ גערגעלע הײבט פּלוצעמ ווידער אָנ צו וויבזנ שטיק. ער מאַכט שוינ נאָך אַנ אינדיק אונ שרײַט אויס:

האַלט דיר־האַלט דיר, האַלט דיר,
האַלט דיר, נעמ דיר־האַלט דיר.

די קינדער אינ כײדער קאַטשענ זיך פֿאַר געלעכטער, העלפֿנ אים אונטער, הײבנ אָנ צו שפּרינגענ פֿונ די בענק. דער רעבע יאָגט זיך נאָך גערגעלענ, אונ גערגעלע שרײַט שוינ הינטערנ פֿענצטער:

קו־קאַ־רי־קו, לאַנגע נאָז!
מ'עט דיך כאַפּנ ווי א האָז!
מ'עט דיך בינדנ, מ'עט דיך שלאָגנ,
מ'עט דיך לײגנ אינ א וואָגנ,

מ'עט דיכ מוטשענ אָנ א סאָפּ,
מ'עט דיכ קוילענ ווי אנ אָפּ!..

אונ אַלע דאָנערשטיק מערקירט גערגעלע אויס צו קומענ
מיטנ אָפּ אינ דער צײַט, ווענ דער רעבע האלט בײַ באַ=
נאנדערלאָזנ די קינדער פונ כיידער.

דעמלט ווארט גערגעלע אפּ שאָלעמענ אפּ דער גאס, אונ
זיי גייענ בײדע אײנײנעמ אוועק. גערגעלע גייט פאָרויס מיט
דעמ געקוילעטנ אָפּ, אונ שאָלעמ גייט אימ נאָכ פונ
הינטנ. גערגעלע טראָגט אָפּ דאָס אָפּ דער באלעבאָסטע,
אונ נאָכדעמ גייט שאָלעמ פאָרויס, אונ גערגעלע הינטער
אימ, ביז זיי קומענ צומ הויפ פונ נאָכעמ ראבינאָוויטשעס
שטוב. שאָלעמ גייט ארײַנ אינ שטוב, אונ גערגעלע ווארט,
ביזוואנענ שאָלעמ טראָגט אימ עפּעס ניט ארויס.

פּונקט ווי אַלע דאָנערשטיק פונ דעמ הײַנטיקנ זומער,
איז אויכ הײַנט שאָלעמ געגאנגענ מיט גערגעלענ צו זײַנ
שטוב, אונ גערגעלע האָט געווארט, ביז שאָלעמ וועט אימ
ארויסטראָגנ א שטיקל קוילעטש אָדער א באָקסערל.

שאָלעמ האָט זיכ געפּרווט ארײַנכאפּנ אינ שטוב דורכ
דער גאס=טיר. עפּשער וועט אימ די באָבע מינדל פרעגנ, צי
האָט ער שוינ געגעסנ, אונ וועט אימ געבנ א שטיקל קוי=
לעטש אונ עפּשער נאָכ עפּעס וואָס, וועט ער שוינ האָבנ
וואָס צו געבנ גערגעלענ.

דער טאָג, וואָס האָט נאָרוואָס אָנגעהויבנ אָפּצוקערנ זיכ
מיט די פלייצעס צו וואָראָנקאָ אונ באהאלטנ זיכ פונ דער

נאכט, איז געוועג א הייסער, א העלער אונ האָט געברענט דעמ זאמד אונטער די באָרוועסע פיס. אצינד איז קילב-לעכ, א פריש פרייליכ ווינטל שפילט זיכ מיט דעמ זאמד אונ גלעט די גרעזער, די סאָניעטשניקעס פונעמ גאָרטנ, וואָס ליגט לעבנ נאָכעמ ראבינאָוויטשעס הויפ.

גערגעלע זיצט אפ די קלעצער קעגניבער דער שטוב אונ דעמ גאָרטנ. עפעס האָט ער דערפילט א פרישקייט, וואָס האָט אימ געגלעט איבערנ פּאָנעמ, אונ ער האָט זיכ אזוי פארבענקט נאָכ צערטלעכקייט.

זיינע אויגנ האָבנ זיכ פארקוקט אפ די געהאפטע אונ געשפיצטע פאָרהענגלעכ, וואָס זיינענ געהאנגענ אפ די פענצטער פונ דעמ נאָגידס שטוב קעגניבער די קלעצער. ער איז נאָכ קיינמאָל ניט געוועג בא א נאָגיד אינ שטוב. ער איז געוועג אפ דער שוועל נאָר פונ א נעגידישער קיכ אונ ווייטער ניט.

אונ עס האָט אימ עפעס, גערגעלענ, גענומענ ציעג אונ דריקנ דאָס הארצ, אונ זיינע גרויע אייגעלעכ האָבנ זיכ פארצויגנ מיט עפעס א פייכטנ, פארנאכטיקנ נעפל, אונ עס האָט זיכ אימ פארגלוסט גלאט אזוי זיכ ארייננגיינ אונ א קוק טאָנ, ווי לעבט מענ עס בא נעגידימ אונ ווי זעט אויס א נאָגידס א שטוב. קיינמאָל האָט זיינ הארצ עפעס אזוי ניט געצויגנ, קיינמאָל האָבנ זיינע אויגנ אזא פרישנ נעפל ניט געזענ ווי היינט.

ער האָט גאָר ניט באמערקט, אז ער איז אראָפ פונ די

קלעצער, אז זײַנע באָרוועסע, קוטיקע פיסלעך זײַנען אַדורך די ברייט פון דער נאָך אָנגעגליטער וואָראָנקאָווער גאַס, אַז ער איז ארופ אפן גאַנעק, געעפנט די גאַס־טיר פון נאָכעם ראַבינאָוויטשעס שטוב און איז אַרײַן גלײַך אין דעם פאָדערשטן צימער אַרײַן, אין דעם צימער פאַר די געסט.

אויסער שאָלעמען איז קיינער פון די קינדער אין שטוב ניט געווען. אין שטוב זײַנען געזעסן נאָכעם ראַבינאָוויטש, זײַן מאַמע מינדל, זײַן ברודער ניסל און הירשקע דער סין. מע האָט זיך געקריגט און געאַמפּערט און מע איז געווען פאַרטיפט אין געשעפט. קיינער האָט אפילו ניט באַמערקט, אַז עס האָט זיך געעפנט די גאַס־טיר.

נערגעלע איז אַרײַן אין שטוב און האָט זיך געלאָזט גיין. ער האָט דערזען, אַז פון דער אַנטקעגנדיקער טיר גייט אים אַנטקעגן אַן אומבאַקאַנט ייִנגל, אַן אָפּגעריסנס, אין שמאַטעס אָנגעטאָן. ער האָט נאָך אים קיינמאָל ניט געזען, אָט דאָס ייִנגל, אין וואָראָנקאָ. און עפּעס קוקט אויף אים דאָס ייִנגל מיט אַזוינע פאַרכידעשטע אויגן און גייט אים גלײַך אַנטקעגן. מיטאַמאָל דערזעט ער, דאָס ייִנגל שטעלט אים אויס אַ צעהאַקטע אייבערשטע ליפּ. עפּעס אַזוי זעט אויס די ליפּ בײַ די קינדער, וואָס קרימען אים נאָך, ווען זיי שרײַען אויף אים „צעהאַקטע ליפּ“, אָבער דאָס ייִנגל שווײַגט, ער גייט נאָר אים אַנטקעגן, פאַרבײַסט און שאָקלט די צעשפּאָלטענע ליפּ.

„ער קרימט מיך איבער, דער הונט" — האָט גערגעלע געטראכט.

ער האָט זיך געוואָלט א לאָז טאָן צום יינגל און א זעץ טאָן אים אונטער די „פּאָדרובעס פון זײנע פענצטער", אָבער ער האָט דערפילט, ווי א צערטלעכע קינדערשע האנט האָט אים א צי געטאָן פארן ארבל. און ער האָט דערזען, ווי שאָלעם האָט אים א ווונק געטאָן מיט זײנע בלויע אייגלעך, האָט אים אָפּגעפירט אין א ווינקעלע, אוועקגעזעצט זיך מיט אים און דערלאנגט אים א שטיקל קוילעטש מיט קעז.

ווען פרומע די מויד האָט אָפּגעגאָסן סירקען מיט א טאָפּ הייסן אָקרעפּ און ווען אלע מיט שאָלעמען איינעם זײנען אוועקגעלאָפן אין קיך צוליב פרומעס און סירקעס גוואלדן, האָט זיך גערגעלע אופגעהויבן פון ווינקל און זיך געלאָזט באקוקן דעם גרויסן אופגערוימטן נעגידישן צי-מער.

ער האָט געקוקט אפּ די בילדער, וואָס זײנען געהאנגען אפּ די ווענט. עפּעס איז אים זייער געפעלן געוואָרן א באטאליש בילד, וואָס האָט פאָרגעשטעלט, וויאזוי קאווא-לעריסטן שפרינגען איינע אפּ די אנדערע מיט די פערד, שטעכן זיך מיט לאנגע פּיקעס, און ווי אָן א זײט פון אָט די רײטערס שטייט א יונגע פרוי מיט א ווײס טיכל אפן קאָפּ, מיט א רויטן צייל עם אפּ דער האנט און בינדט ארום דעם צעבלוטיקטן קאָפּ א סאָלדאט.

ער האָט זיכ אָפּגעקערט א קוק טאָנ, וואָס טוט זיכ אפּ נאָכ א וואנט. דאָס פריערדיקע יינגל מיט דער צעשפּאָלטע־נער ליפּ גייט ווידער אים אנטקעגנ גלײַכ פונ דער טיר מיט די רויטע בעלעטראמענ.

אונ דאָס יינגל איז איצט שעלמישער ווי פריער, אנ אופגערעגטער. ער, גערגעלע, ווײַזט אים א פויסט, ווײַזט ער אים אויכ א פויסט, גערגעלע דערלאנגט א שפּײַ, שפּײַט ער אויכ. אצינד איז קיינער ניטאָ, ער וועט אים ווײַזנ, וואָס ער, גערגעלע, איז. ער וועט א שפּרונג טאָנ אונ מיטנ קאָפּ א זעצ טאָנ אים „איג דער מאציייוויז ארײַנ". אונ זאָל ער וויסנ ווי איבערצוקרימענ זיכ.

גערגעלע האָט אײַנגעבויגנ דעמ קאָפּ, פארקוועטשט די פויסטנ, האָט זיכ א לאָז געטאָנ קעגנ יינגל אונ האָט א זעצ געטאָנ מיטנ קאָפּ אונ מיט די פויסטנ גלײַכ... איג שפּיגל ארײַנ. דער שפּיגל האָט א דרוזשקע געטאָנ.

ווענ אלע האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ פונ קיכ איג גאסט־צימער, איז גערגעלע געלעגנ איג אָנמאכט לעבנ וואנט מיט אופגעדריקטע צעבלוטיקטע פויסטנ.

— א, סקאָצל קומט, גערגעלע איז דאָ! נא דיר נאָכ א סירקע אפּ מײַנ קאָפּ! סאמאוואָלעצ! איוואנ פּאָפּערילע!— האָט פרומע די מויד א צעקאסטע געשריענ אפּ שאָלע־מענ, וועלכער איז שוינ איג שטוב ניט געווענ.

כאָלעמ אונ וואָר

שוינ דער דריטער טאָג, אז שאָלעמ גייט ניט אינ כיידער. ער איז פרײַ געוואָרנ. אונ מיט דרײַ נעכט צוריק האָט זיכ אימ געכאָלעמט א כאָלעמ:

שמוליק, זײַנ כאווער, וואָס איז מיט אייניקע כאדאָשימ צוריק אוועקגעפאָרנ פונ וואָראָנקאָ, זיצט לעבנ אימ אפנ גראָז בא זײַנ טאטנ אינ גאָרטנ. אינ גאָרטנ איז שטיל. עס הערט זיכ בלויז שמוליקס הייזעריקלעכע שטימ, ווי ער דערציילט:

— איז אָט דער מאנ, וואָס מע האָט אימ באמ נאָמענ גערופנ רעב נאָכעמ, געבליבנ אינ דער וויסטע אייגער אליינ מיט זײַנ געביינ. איז אפ אימ אָנגעפאלנ א פאכאד אונ א שרעק. הערט ער עפעס, ווי מענטשנ ריידנ צווישנ זיכ, אונ עפעס זעט אויס דאָס קאָל זייערס גאָר מעשונע. ער קערט זיכ אָפ, עס שטייענ לעבנ אימ מאָדנע ווילדע מענטשנ, הוילע, מיט שווארצע לײַבער, אונ זייערע קעפ זײַנענ מיט לאנגע, גרויסע שנאָבלענ, ווי בא פויגלענ. איז רעב נאָכעמ געווענ זייער א קלוגער אונ געלערנטער מאנ. ער האָט פארשטאנענ די שפראכ פונ אלעמענ: פונ פיש אינ וואסער, פונ פויגלענ אינ פעלד אונ פונ כײַעס אינ דער וויסטע. הערט ער, ווי די ברוימ פישטשענ עפעס: געלויבט איז דער גרויסער גאָט, וואָס האָט אונדז צוגעשיקט אזא גוט,

פעט און געשמאַק געריכט. האָט ער גלײַך פאַרשטאַנען, אַז ער איז צווישן מענטשן=פרעסער...

און שמוליק דערציילט ווײַטער, וויאַזוי אָט דער רעב נאָכעם האָט זיך געראַטעוועט פון די מענטשן=פרעסער מיט די שנאָבלען אָנשטאָט נעזער.

און נאָך אַ כאָלעם האָט זיך אים, שאָלעמען, געכאָלעמט. ער גייט אַזוי מיט שמוליקן אויפן באַרג אַהינטערן בעסמעדרעש. זיי האָבן שוין אָפּגעפאַסט פערציק טעג און פערציק נעכט. פערציק טעג און פערציק נעכט מיט קיינעם ניט גערעדט און וועגן גאָרנישט קיינעם דערציילט. זיי זײַנען אויפן באַרג אַהינטערן בעסמעדרעש.

שמוליק גייט מיט אַ יאַמשאָווען שטעקן אין האַנט, און ער גייט אים נאָך. שמוליק גיט אַ קלאַפּ איבער דעם גרינעם, מיט מאָך באַוואַקסענעם שטיין, וואָס שטאַרטשעט פונעם באַרג אַרויס. דער שטיין צעפּאַלט זיך אויף פּיצלעך און עס ווערט אַזוי ליכטיק, כאָטש איבערן באַרג איז פאַרצויגן אַ געדיכטע, שוואַרצע נאַכט. אונטערן שטיין באַווײַזט זיך אַ הייל, און קרישטאָלענע זײַלן שפּאַרן אונטער די סטעליע אירע. זיי גייען אין הייל, ביז זיי קומען צו אַ טיר. איז די טיר פאַריגלט מיט זיבן ריגלען, און זיבן שלעסער הענגען אויף יעדן ריגל. שמוליק גיט אַ קלאַפּ מיטן יאַמשאָווען שטעקן איבער אַ שלאָס:

טירעלע, טירעלע, טײַערער טראָפּ,
גיכער, גיכער ריגל זיך אָפּ!

די שלעסער פאלנ אראפּ, די זיבנ ריגלענ צעברעכנ זיכ, אונ זיבנ טירנ צעעפענענ זיכ. א העלע שײַנ, געפלאָכטנ מיט גרינע, בלויע, רויטע שטראלנ, האָט זיי געבלענדט די אויגנ. מיט רויטע, בלויע, גרינע דימענטנ אונ בריליאנטנ איז געפלאסטערט דער דיל, אונ די ווענט זײַנענ פונ ריינעם גינגאָלד. שווארצע לייבעלעכ האָבנ ארויסגעשטעקט רויטע, פארקאטשעטע צינגער.

דאָס גייענ זיי, שאָלעמ אונ שמוליק, נאָכ דעם אויצער, וואָס ליגט דאָרטנ באהאלטנ נאָכ פונ באָגדאנ כמעלניצקים צײַטנ. אונ ער, שאָלעמ, טאָר קיינ וואָרט ניט ריידנ. ריידנ מעג נאָר שמוליק אליינ. ער מוז שווײַגנ. שמוליק שארט מיטנ יאמשאָווג שטעקנ איבערנ דיל. שמוליק דרייט מיטנ קאָפּ, אונ שאָלעמ פארשטייט, אז דער אויצער איז נאָכ ניט דאָ. ער הייבט אָנ שארנ מיטנ שטעקנ איבער דער וואנט, זײַנע אויגנ הייבנ אָנ צו פינקלענ, די הענט צו ציטערנ. ער גיט א קלאפּ אינ וואנט לעבנ א שווארצ לייבעלע מיט א פארקאטשעט צינגל אונ הייבט אָנ מיט א געבעט:

שטיינער, — דימענט אונ בורליאנט, —
קומט צו מיר, צו אונדז אינ האנט.
ס'רופט אײַכ שמוליק, ס'רופט אײַכ שאָלעמ:
ייִדישע קינדער פונ פײַנעם שטאנד.

די ליכטיקײַט פונ פּאלאצ ווערט פארשוווּנדנ, אונ א פינצטערניש צעשיידט די טרײַע כאוויירימ איינעמ פונעמ

צווייטן. עס ווערט ווידער ליכטיק, א טונקל־ראָזע ליכטי־קייט, עס דערהערט זיך א דונער, גלייך טויזנטער שטיינער וואָלטן געפאלן אף זיי, און עס ווערט ווידער פינצטער. אין דער פינצטערקייט באווייזן זיך פייערדיקע נגדעשן, פיפערנאָטערס און שלאנגען. זיי קריכן דורך צווישן שאָ־לעמען און שמוליקן און שטויסן זיי אוועק צו די ווענט. שמוליק זאָגט ווייטער מיט א ציטערדיק געבעט:

עגדעש און שלאנג,
הערט אויס אונדזער פארלאנג,
שטיינער, — דימענט און בורליאנט, —
קומט צו מיר, צו אונדז אין האנט.

עס טוט א פראל אוף די סטעליע אין דער הייך און עס דערזעט זיך א בלויער הימל, פון וועלכן עס שיטן זיך רענדלעך, דימענטן און בריליאנטן אָן א סאָף. שאָלעמ און שמוליק האָבן אָנגעהויבן צו קלאפן פאר פרייד מיט די פיס, אָפצורוקן זיך פון דעם דימענטענעם האָגל. ערשט עליע, שאָלעמס עלטערער ברודער, האלט אים פארן עלנ־בויגן און שרייט: — וואָס שטויסטו זיך אזוי, וואָס דרי־געסטו מיט די פיס!

נאָך דעם, ווי שאָלעמ האָט א שלאָפעדיקער געענט־פערט מיט אָפגעריסענע ווערטער: — געעפנט זיך א פענצ־טערל אין הימל, דימענטן, בורליאנטן קלייב, — האָט ער זיך ארומגעזען, אז דאָס איז א כאָלעמ. און א גאנצן פרי־

מאָרגנ האָט שאָלעמ געבענקט נאָכ די קרישטאָלענע זײַלנ, נאָכ דעמ גינגאָלדענעמ פּאַלאַצ, נאָכ דעמ אָפֿענעמ פֿענצ־טערל אינ הימל אונ נאָכ דעמ אויצער. א בלאַסקײַט האָט פֿאַרצויגנ זײַנ קינדעריש פּנימל, אונ א טרויער האָט גענ־צאַנקט אינ זײַנע בלויע אויגנ.

. . . .

עס איז שוינ באַלד האַלבער טאָג, אונ שאָלעמ וואַרט אַפֿ מײַערנ, ער זאָל קומענ. עס איז שוינ געקומענ קימאַט א האַלבער כײדער ייִנגלעכ צו נאָכעמ ראַבינאָוויטשנ אַפֿנ הויפֿ. איינ ייִנגל האַלט דעמ אַנדערנ פֿאַר די לאַנגע צי־צעס. דאָס פֿאָרנ זײ. איינער איז דאָס פֿערד, דער אַנדע־רער — דער אָנטרײַבער. איינער טרובעט אינ די קולא־קעס, א צווייטער פּײַקלט אינ אנ אַלטנ פֿאַרזשאַווערטנ בלעכ, די איבעריקע קינדער שרײַענ.

שאָלעמ גייט אַרומ צווישנ זײ א צופֿרידענער, אָבער עס פֿאַרדריסט אימ, וואָס שמוליק איז ניטאָ. אונ פֿאַר זײַנע אויגנ ווײַזט זיכ אויכ, א צעבלויטיקטער, געררגעלע, וואָס מע קענ אימ ניט נעמענ אינ קאָמפּאַניע.

מײַער איז געקומענ, אונ דער גאַנצער אוילעמ קינדער קלײַבט זיכ צונויפֿ אַרומ אימ אונ אַרומ שאָלעמענ. מע גייט אַוועק אַפֿ דער טאָרהאָוויצע. געקומענ צו כײַע־עס־טערס קראָמ.

אַפֿנ פּלאַצ פֿונ דער טאָרהאָוויצע איז פּוסט, עס שטייט בלויז איינ אַלט וועגל, לעבנ דעמ אנ אויסגעדאַרטע ווײַסע

שקאַפֿע מיט שוואַרצע פֿינטלעך. זי קוקט מיט אירע גרויסע, צעיאָטרעוועטע אויגן אויף אַ רויטער שמאַטע, וואָס הענגט אויף דער טיר פֿון בית־עכטערס קראָם. אויפֿן וועגל זיצט אַ בלינדע געשטופּלטע יונגע אוקראַינערין מיט אַ קינד אויף די הענט, און לעבן וואָגן אויף אַ קלעצל — אַ באַיאָרטער אוקראַינער מיט אַ קאָבזע אויפֿן שויס. דאָס איז אַ פֿאַמיליע פֿון אַ בעטלער — אַ קאָבזאַר איבערגעבליבן פֿון נעכטיקן יאַריד און וואַרט אויף דעם קומענדיקן זונטיק.

די קינדער האָבן זיך צעזעצט אויפֿן גאַנעק פֿון בית־עסטערס קראָם, און מייער איז געבליבן שטיין און האָט אָנגעהויבן צו זינגען:

גיי איך אַרום אויף דער ווילנער גאַס,
הער איך אַ קאָל מיט אַ גרויס געשריי:
אוי־וויי! —
מע וויינט אַזוי...
וואָס איז דאָס פֿאַר אַ יאָמער,
וואָס איז דאָס פֿאַר אַ קלאָג
אינמיטן העלן, ליכטיקן טאָג?
מע וויינט אַזוי...
אוי־וויי! —
אַ קינד ליגט אין וויגעלע מיט אויסגעוויינטע אויגן.
אַ מאַמע ליגט אויף דער ערד די פּיך אויסגעצויגן.

עס איז א יאָמער, עס איז א קלאָג
אינמיטנ העלנ, ליכטיקנ טאָג.
אוי=וויי! —
מע ווײנט אזוי...

אנ עכאָ פונ א העלער ליכטיקער שטימ האָט זיכ געקנײַקלט איבער דער טאָרהאָוויצע, אונ א געוויינ א זויבערער, א קינדערשער האָט אימ נאָכגעיאָגט; אונ געפלויגנ איז אָט דער זינגעוודיק=ווײנענדיקער עכאָ אינ די אָפענע טירנ פונ די פינצטערע קלײטנ אונ האָט איבערגעריסנ דעמ שמועס פונ עלטערע אונ יונגערע קלײטניצעס אונ קלײטניקעס אינ די קראָמענ, אז פיל פונ זיי זײַנענ באלד ארויסגעלאָפנ אפ די גאנעקעס.

איצט האָט מײער מעדוועדיעווקער שטארקער געזונגענ, פארבראָכנ די הענטלעכ, פארגלאָצט זײַנע שווארצע ברענענדיקע אייגלעכ, אונ דאָס פּאָנעמ זײַנס איז געוואָרנ בלייכ, אז עס האָבנ זיכ אזש צעשטעלט גריבּעלעכ אונטער דער הויט. ער האָט געזונגענ, אונ אלע קינדער האָבנ אונטערגעכאפּט:

אוי=וויי! —

מע ווײנט אזוי...

— זינג נאָכ עפּעס, מײערקע, זינגט נאָכ, קינדער, — האָבנ זיכ די קלײטניצעס געבעטנ. מײער האָט אָבער מער ניט געזונגענ. ער האָט זיכ אוועקגעזעצט אפנ גאנעק, איז

געבליבן זיצן פֿאַרטראַכט. פֿאַר זײַנע קינדישע אויגן איז נאָך אַלץ געשטאַנען דאָס בילד פֿונעם קינד מיט דער מאַמען, פֿון יידן און יידענעס, וואָס האָבן געבראַכן די הענט און געוויינט, און אין זײַנע אויערן האָט געקלונגען דער ביטערער יאָמער און געוויין פֿון דער ווילנער גאַס. דאָס ייִנגל מיטן אויפֿגעדרייטן היטל האָט געטרויבעט, און אים האָט צוגעקלאַפּט דער צווייטער מיט דעם פֿאַרזשאַווערטן בלעך, און לעבן מייערן איז געזעסן בלויז שאָלעם. ער האָט אים געקוקט אין זײַנע אויגן אַרײַן, און שאָלעמס אויפֿגערעגט פּאָנעם האָט אַלץ נײַגעריק ווי געפֿרעגט און געוואָלט זיך דערוויסן, וואָס טראַכט איצטער מייערקע.

אַן עלטערע סעדעכע, וואָס האָט סײַ זומער סײַ ווינטער געטראָגן אַן אַלטן ווינטערדיקן מאַנצבלשן טיזשליק, איז צוגעגאַנגען צו מייערן:

— נאַ, מייערקע, אַ באָקסערל און זינג נאָך עפּעס. זינג, מייערקע. אוי, אַ מעכײַע צו הערן! — האָט זי זיך געווענדט צו בײַ־עססערן, וועלכע איז געשטאַנען אַפֿן גאַנעק און געווישט די טרערן פֿון די אויגן.

מייער האָט זיך ווידער געשטעלט.

— ניין, איצטער וועלן מיר ניט זינגען, מיר וועלן זיך פֿאַרשטעלן. שאָלעם וועט זיך אויך פֿאַרשטעלן, — און באַלד האָט מען זיך גענומען פֿאַרשטעלן.

שאָלעם איז געוואָרן נאָך קלענער ווי ער איז. אַף דער פּלייצע איז בײַ אים אויסגעוואַקסן אַ גרויסער האָרב פֿון

אָנגעשטאָפּטנ היי, אינ דער רעכטער האנט האָט ער געהאלטנ א גרויסנ סוקעווואטנ שטעקנ, אונ א טאָרבע איז אראָפּגעהאנגענ צו דער לינקער האנט זײַנער. ער איז געגאנגענ אונ געציטערט פאר שרעק. ארומ אימ זײַנענ געשטאנענ קינדער מיט איבערגעקערטע בעזעמער אינ דער הייכ. דאָס האָבנ די קינדער פאָרגעשטעלט א וואלד, אונ שאָלעמ האָט געבלאָנדזשעט צווישנ זיי.

מיטאמאָל, עס ווײַזט זיכ אנטקעגנ מייערקע. די הויזנ זײַנענ פארקאטשעטע אריבער די קני פונ זײַנע באָרוועסע פיס. ער איז ארומגעבונדנ מיט א שטריק ארומ בויכ, זײַנ מאמעס קאלאדאטשנ מעסער ארײַנגעשטעקט אונטערנ שטריקל. מייערקע האָט פאריסנ דעמ קאָפּ זײַנעמ, אויסגעטראשטשעט די אויגנ, ארויסגעשטעלט די אונטערשטע ליפּ, דאָס היטל אראָפּגעוואָרפנ אונ האָט זיכ צעשריִענ:

— סט=וי=וי!

אונ שאָלעמ, וואָס האָט פאָרגעשטעלט דעמ אָרעמענ האָרבאטנ, האָט גענומענ ווארפנ מיט די הענט אונ טרייסלענ מיטנ קאָפּ, צעזונגענ זיכ מיט א קוויטשעדיק=וויינענדיק קאָל:

— מײַנ הארצ קלאפּט אינ מיר,
עס טרייסלט מיר א צאָנ אָנ א צאָנ.
וואָס האָב איכ, גאָטעניו,
פאר אנ אומרעכט געטאָנ?

מייערקע דער גאזלענ האָט זיך א צופּ געטאָנ צו אימ, א נעמ געטאָנ אימ פאר די אקסלענ, א שלײדער געטאָנ אפ דער ערד אונ אויסגעשרױענ:

— דיענגי דא־א־וואי־אי!

שאָלעמ האָט זיך קלוימערשט קוימ אופגעהויבנ פונ דער ערד אונ האָט זיך אוועקגעשטעלט. מייערקע האָט זיך ווי־דער א צופּ געטאָנ צו אימ, אונ שאָלעמ האָט זיך צעוויינט אונ געבעטנ:

— נא דיר אָפּ די שיך מיט די שקראבעס
אונ לאָז מיר גיינ אהיימ אָפּ שאבעס.

מייערקע האָט גענומענ האסטיק פּאַכענ מיט דער שווערד אונ געריבנ די שארפ אירע אָנ דעמ שטעקנ.

— די שיך מיט די שקראבעס טו איך ניט באדארפנ,
נאָר איך טו דאָס כאלעפל שארפנ.

שאָלעמ האָט זיך ווידער געבעטנ:

— נא דיר אָפּ דאָס העמד פונ מײנ לײב
אונ לאָז מיר גיינ אהיימ צו מײנ ווײב.

מייערקע קלאפּט ווידער מיטנ מעסער איבערנ שטעקנ:

— דאָס העמד פונ דײַנ לײַב טו איכ ניט
באדארפנ,
נאָר איכ טו דאָס כאלעפל שארפנ.

און נאָכ בײדנס רעפליקעס זינגענ די קינדער אויס:

— אוי=אוי=אוי=אוי=אוי=אוי.

די קרעמערקעס זײַנענ געשטאנענ פארגאפטע ארומ די שוישפּילער, אונ מײערקע האָט זיכ אלצ מיטנ גרעסטנ צאָרנ געשטויסנ זיכ אונ געוואָרפנ זיכ אפ שאָלעמענ, ביז ער האָט אימ ענדלעכ א שלײַדער געטאָנ אפ דער ערד. כײַע=עסטער האָט זיכ א דערשראָקענע צעשריענ:

— אוי, ווײ, גאזלענ! ער האָט מיר אוועקגעהארגעט דאָס יינגל!

שאָלעמ האָט זיכ געשווינד אוועקגעשטעלט, ארויסגעוואָרפנ דעמ האָרב פונ פלײצע. שאָלעמ אונ אלע איבעריקע קינדער האָבנ זיכ צעלאכט.

דער קאָבזאר, וואָס איז געשטאנענ פונדערווײַטנ אונ האָט זיכ צוגעקוקט צו דער קינדער=שפּיל, איז צוגעגאנגענ צו די קרעמערקעס אונ האָט מיט א באדויערנ געזאָגט:

— אָט ווענ איכ האָב אזוינע יינגלעכ, וואָלטנ גאנצע יארידנ בא מיר געוויינט אונ געלאכט.

די ווענט פונ בײדע כאווײרימ האָבנ זיכ שפּעטער צעשײדט. בײדע זײַנענ אוועק ווײַט אײנער פונ דעמ אנדערנ,

אינ צוויי פאַרשיידענע וועגנ פונ דער קונסט. מײַערקע איז שפּעטער געוואָרנ מיכאַיל יעפימאָוויטש מעדוועדיעוו — דער באַקאַנטער אַקטיאָר פונ דער קייזערלעכער אָפּערע אינ סאַנקט=פּעטערבורג. שאָלעמ איז געוואָרנ דער גרויסער יידישער פאָלקס=שרײַבער שאָלעמ=אַלייכעמ.

נאָכעמ ראַבינאָוויטשנ טוט מענ אָנ א ספּאָדעק

אַנ אומעט, אַנ אומצופרידנקײַט האָט זיכ ביסלעכווײַז צעשפּרייט אינ דער שטוב פונ די ראַבינאָוויטשעס אינ וואָראָנקאָ. אַלצ שטאַרקער אונ שטאַרקער איז די אומצופרידנקײַט געוואָרנ. דער הויכער, פאַרטראַכטער נאָכעמ ראַבינאָוויטש איז געוואָרנ נאָכ מער פאַרטראַכט ווי פריער. קנייטשנ האָבנ זיכ גענומענ ווײַזנ אפ זײַנ ברייטנ שטערנ, אונ גאַנצ אָפט פלעגט זיכ אומגעריכט אַרויסרײַסנ פונ זײַנ ברוסט א שטילער זיפצ. כײַע=עסטער איז געוואָרנ ניט אַזוי רירעוודיק ווי פריער. אונ אפ איר פּאָנעמ האָט זיכ געוויזנ עפּעס א פאַרזאָרגטקײַט, וואָס האָט זיכ אפ לאַנג באַזעצט אינ די קנייטשעלעכ לעבנ די ווינקלענ פונ אירע ליפּנ.

אינ דער באַלעבאַטישקײַט האָט געטאַראַמט די באָבע מינדל. זי איז איצט געוואָרנ די איינציקע הערשערנ אינ קיכ. זי האָט איצט אַכטונג געגעבנ אפ די קינדער, אפ

אירע אייניקלעכ. שוינ באלד א האלב יאָר, אז פרומע די מויד איז בא די ראבינאָוויטשעס גיטאָ. די קינדער האָבנ זיכ סאָפּקאָלסאָפּ באפרייט פונ איר יאָכ, אונ זי האָט סאָפּקאָלסאָפּ כאסענע געהאט. זי וואָלט נאָכ אזוי גיכ ניט כאסענע האָבנ אונ וואָלט נאָכ אזוי גיכ ניט אוועק פונ ראבינאָוויטשעס שטוב, אָבער זי האָט ניט געקאָנט צוזענ די פארזאָרגטקייט, וואָס האָט ביסלעכווייז איינגעבויגנ דעמ שלאנקנ נאָכעמ ראבינאָוויטשנ אונ איר באלזבאָסטע כייעסטער. איז פרומע שוינ געוואָרנ ניט אזא איבערקלייבערקע אינ שידוכים.

פרומע איז געווענ בלינד אפ איינ אויג אונ געשטופּלט, אָבער זי האָט זיכ בארימט מיט איר יזכעס. דער טאטע אירער איז געווענ א שאמעס אינ באָסלעווער שול, אונ איר שטיפמאמעס אנ עלטער-פעטער איז דאָכ געווענ רעב דאָוידל דראזשנער. מיט קאס אונ מיט פארדראָס פלעגט זי קימאט שטענדיק ענטפערנ באסיע-ריוועג דער שאמעסטע:

— א, ניט דערלעבנ וועט א באלעגאָלע, א באלמעלאָכע צו עסנ מיט מיר פונ איינ שיסל.

אָבער די פארזאָרגטקייט בא די ראבינאָוויטשעס אינ שטוב אונ די סיבע, וואָס האָט זיכ געטראָפנ מיט איר כאָסנ, דעמ פּופּציקיאָריקנ יאדעשליוונ אלמענ פונ הייסינ, א דארדעקי-מעלאמעד, וועלכער איז א וואָכ צייט פאר דער כופע געשטאָרבנ, האָט זי געצוווּנגענ ענדערנ די באציונג צו באסיע-ריוועס פאָרשלאָגנ.

באַסיע־ריווע האָט איצטער אַפ אַ נײַעמ קאָנ אָנגעווענדט איר מײַנע־לאָשנ באַמ רײדנ פרומענ שידוכים.

— וואָס זשע מײנסטו וואָס, פרומע טערצע? אַ באַלמעלאָכע, איך כאַפּ דיר אָנעט, טאָר שוינ גאָר ניט לעבנ אַפ דער וועלט, טאָר שוינ גאָר ניט פאַרדינענ די מיצווע צו האָבנ אַ ווײַב און קינדער? אָט גיי הער, וואָס טאָסי די זאָגערקע האָט געלײענט פונ אונדזערע הײליקע ספאָרים: ס'איז געווענ אַ טאַנע רעב יִצכאָק, רעב איציקל, איז ער גאָר געווענ אַ שמיד, אַ פּראָסטער קאָוואַל, איך כאַפּ דיר אָנעט. און נאָך אײנער אַ טאַנע רעב יויכנצע איז גאָר געווענ אַ שוסטער, אַ פּראָסטער שוסטערוק, איך כאַפּ דיר אָנעט. איז וואָס זשע, פרעג איך באַ דיר, פרומעניו, האָט ער קײנ טאַנע ניט געדאַרפט זײַנ און קײנ ווײַב און קינדער ניט געדאַרפט האָבנ, וואָסי, וואָס ער איז געווענ אַ שוסטער? וואָס וועסטו שוינ זאָגנ אַפ דערופ, האַ?

אַ צופרידענער שמײכל פלעגט דעמלט אַ שײַנ טאָנ אַפ פרומעס צעשטופלט פּאָנעמ. דאָס פלעגט אָבער געדויערנ נאָר אײנ רעגע, און זי פלעגט ווידער ווערנ אומעטיק, אַ זיפצ טאָנ און זאָגנ:

— אַ מאָשל! איז דאָך דאָס אַ שוסטער און אַ שמיד, אָבער ניט קײנ שמײַסער, ניט קײנ באַלעגאָלע.

— אײַ, פרומעניו, און שלוימע האַמעלעך האָט ניט געהאַט קײנ פערד? און פונדעסטוועגנ איז ער געווענ דער קליגסטער מענטש אַפ דער וועלט. וואָס האָט געקענט זיבנ

און זיבעציק לעשוינעס, און פונדעסטוועגנ איז די מאלקע
שוואָ געווענ נאָכ אימ די קאפּאָרע. און צוריק גערעדט,
לאָמיר קערנ דאָס בלעטעלע פּארקערט: און דײַנ באלע=
באָס רעב נאָכעמ האָט גאָר ניט קיינ פערד, איכ כאפּ
דיר אָנעט?

אפ דעמ פלעגט פרומע ענטפערנ:

— א מאָשל! רעב נאָכעמ האָט פערד, און שמײַסערס
זײַנענ דאָכ אנדערע.

— אײַ, פרומעניו, בא גאָט איז אלצ אינ די הענט.
פריער איז מענ א שמײַסער אפ א פרעמד פערד, נאָכ=
דעמ שמײַסט מענ אנ אייגנ פערד און נאָכדעמ הייסט
מענ אנ אנדערנ שמײַסנ דאָס פערד, און אליינ איז מענ
דער מאָנארכע.

און אזוי פלעגט באסיע=ריווע ביסלעכווײַז געבנ פרומענ
דער מויד צו פארשטיינ, און זי האָט זיכ ביסלעכווײַז גע=
לאָזט אײַנריידנ און האָט די זאכ פונ יױכעס באהאלטנ
ווײַט=ווײַט אינ די טיפענישנ פונ איר הארצנ, האָט כאסע=
נע געהאט מיט א באלעגאָלע און איז אוועק פונ די רא=
בינאָוויטשעס.

מער פונ אלעמענ זײַנענ פונ פרומעס כאסענע געווענ
צופרידנ נאָכעמ ראבינאָוויטשעס קינדער, און שאָלעמ
צווישנ זיי. אָבער די פרייד איז צעשטערט געוואָרנ פונ
דער אלגעמיינער פארזאָרגטקײַט אינ שטוב.

אפ דער גאס, וווּ עס ווױנענ די ראבינאָוויטשעס, איז

הײנט טומלדיק, און וואָלקנס שטויב הייבנ זיכ אינ דער הייכ איבער די דעכער. עס שטייענ רעדלעכ מענטשנ לעבנ די בוידנ, וואָס זײנענ אָנגעפּאקט מיט בעבעכעס און מעבל. מע רעדט וועגנ דעם, אז ביסלעכווײז צעפֿאָרט מענ זיכ פֿונ וואָראָנקאָ און עס בלײבט א האלבע שטאָט, אז אינ אָדעס וואלגערנ זיכ אויצרעס אינ די גאסנ, און אז די, וואָס פֿאָרנ אוועק אהינ, זײנענ גליקלעכ איבער גליקלעכ.

אינ שטוב פֿונ די ראבינאָוויטשעס איז פּוסט, אָנגעוואָרפֿנ שטרוי. וויבער שטייענ מיט ארופֿגעלייגטע הענט אפֿ די בײכער, מיט זויערע מינעס אפֿ די פּענעמער און גרייטנ זיכ אָפּצוזעגענענ מיט די, וואָס פֿאָרנ אָפּ. עס הערט זיכ אָפּט א זיפֿצ, אפֿ וועלכנ עס ענטפֿערט א פֿרוי: „אז עס איז איצט גאנעוו און גאזלענ, אז נאָר דער גאנעוו לעבט איצטער".

שאָלעמ דרייט זיכ הײנט ארום איבער דער שטוב, איבער דער גאס אנ אומצופֿרידענער. עס פֿארדריסט אימ, פֿארוואָס ער פֿאָרט אויכ ניט מיט טאטע=מאמע און מיט די קלענערע קינדער אינ דער גרויסער שטאָט, „ווו עס זײנענ פֿאראנ פֿעשעכאָרנ אינ די גאסנ", גרויסע צוויישטאָקיקע מויערנ מיט דאכלקעס גערעקט.

— איר וועט דאָ בלײבנ איבערנ זומער לערנענ, אנ אוויירע אײכ אינמיטנ זמאנ אָפּצורײסנ, און אימירצעשעמ אפֿ סוקעס וועט מענ שיקנ נאָכ אײכ א פֿור, וועט איר קומענ צו פֿאָרנ.



דער פעטער ניסל

אזוי האָט נאָכעמ וועוויקס געגעבנ צו וויסנ די קינ־
דער.

און נאָכנ אָפּזעגענענ זיכ מיטנ שטעטל האָבנ זיכ צוויי
פורנ גערירט איבער דער גאס, און די גאס האָט זיכ

אײַנגעהילט אינ נאָכ א גרעסערנ שטויביקנ וואָלקנ ווי פריער.

ביזוואַנענ די פורנ זײַנענ ניט ארויסגעפאָרנ פונ שטעטל, זײַנענ נאָכעמ אונ די באַגלייטערס געגאַנגענ צופוס.

— דער אוילעמ צעקריכט זיכ... מע פאָרט זיכ פאַנאַנדער... עק וועלט, — האָט זיכ אלצ געלאָזט הערצווישנ די באגלייטער.

הינטערנ שטעטל האָט זיכ נאָכעמ ראבינאָוויטש אַרײַנגעזעצט אינ בויד, די פורנ זײַנענ אוועקגעפאָרנ.

די באַגלייטער האָבנ זיכ אומגעקערט אינ שטעטל אַרײַנ. הײַנט האָט זיכ גיסל ראבינאָוויטש פארקוקט אפ דעמ סלופ מיט די ווײַסע אונ שווארצע פאסנ אונ אפ דער אופשריפט אפ אימ:

> פינפ הונדערט פיר אונ פופציק נעפאשעס פונ מענלעכנ געשלעכט. זיבנ הונדערט צוויי אונ פופציק נעפאשעס פונ ווײַבלעכנ געשלעכט

א נעפל האָט זיכ פארצויגנ איבער גיסלס אויגנ, אונ א קנויל, וואָס האָט אימ די גאנצע צײַט געשטיקט אונטערנ האלדז, האָט איצט נאָכ מער אָנגעגרײַפט. ער איז געוואָרנ בלאס אונ האָט אפ א ווײַלע פארשטעלט זײַנע אויגנ מיט דער האנט...

קאַפּיטל צוויי

אז טאטע־מאמע זײַנען אוועקגעפאָרן

א פּאָר וואָכן, אז שאָלעמס עלטערן, אז שאָלעמס ייִנגערע ברידער און שוועסטער געפינען זיך שוין ניט אין וואָראָנקאָ און וווינען אין פּערעיאסלאוו. א פּאָר וואָכן, אז שאָלעם מיט זײַנע עלטערע ברידערלעך זײַנען איבערגעבליבן אין וואָראָנקאָ אָן טאַטע-מאַמע, אז זיי וווינען ניט אין דער גרויסער נעגידישער שטוב מיט אירע געראמע צימערן, מיט אירע גרויסע פענצטער, וואָס קוקן מיט גי-ווע אין דער וואָראָנקאָווער גאס ארויס.

שאָלעם גייט שוין ניט אין דעם גאָרטן, וואָס לעבן זייער שטוב. ער קען זיך שוין מער ניט פארקלײַבן אונטער די ווײַנשל-ביימער, וווּ ער פלעגט זיך צעלייגן מיטן פּאָנעם אראָפּ אפן גראָז מיט זײַנע כאוויירים און זיי פלעגן דערציילן איינע די אנדערע מײַסעס. די כאוויירים זײַנען ניטאָ שוין פון לאנג, אוועקגעפאָרן פון וואָראָנקאָ איידער זײַנע עלטערן. און אונטער די ווײַנשל-ביימער קען ער איצט ניט קומען.

65—4

אינעמ גאָרטנ שפילנ זיכ איצטער גאָר פרעמדע, אומבאקאנטע קינדער. זיי גייענ מיט קאָקארדעס אפ די היטלענ אונ לערנענ זיכ אינ א גרויסער שטאָט. זיי קומענ נאָר אהער אפ די זומער-וואקאציעס, אונ דער באלעבאָס פונ נאָכעמ ראבינאָוויטשעס שטוב איז א הויכער, א בייזער, מיט לאנגע באקנבארדנ אונ מיט אנ אויסגעגאָלטער גאָמבע. ער פארקערט ווייניק, אָט דער נײַער באלעבאָס פונ נאָכעמ ראבינאָוויטשעס הויז, מיט די יידישע אײַנוווינער פונ שטעטל. אונ דער הויפ איז פארשלאָסנ, אונ אפ יענער זײַט טויער שטייט צוגעבונדנ אפ א קייט א גרויסער בייזער הונט.

אָפטמאָל ווילט זיכ אימ, שאָלעמענ, ארײַנגײַנ אינ דעמ גאָרטנ, ארײַנגײַנ אינ שטוב אונ א קוק טאָנ, ווי זעט עס אויס דער צימער, וווּ זײַנ טאטע פלעגט שפילנ אינ שאָכ, וווּהינ עס פלעגנ קומענ שטעטלדיקע אײַנוווינער צו פארברענגענ אונ וווּ ער פלעגט זיכ צוקוקנ צו יעדערנ, צו יעדערנס מאנירנ אונ גענג, אונ וווּ ער פלעגט זיי שפעטער איבערקרימענ, נאָכמאכנ אונ דער פעטער ניטל אונ זײַנ פאָטער פלעגנ לאכנ.

דאָס פרייליכע, זאָרגלאָזע קינד שאָלעמ ווערט פארזאָרגט אונ באטריבט. איינס אָבער האָט שאָלעמ געוווּנענ פונ דעמ, וואָס זײַנע עלטערנ זײַנענ ארויסגעפאָרנ פונ וואָראָנקאָ: ער דארפ איצטער ניט היטנ קיינ שטאָט פונקט אזוי, ווי דאָס האָבנ געפאָדערט פונ אימ זײַנע עלטערנ.

ער איז איצטער פרײַ, און ער קאָנ זיכ באוועגנ מיט ווע-
מענ ער וויל. ער קאָנ ארײַנגיינ, וווהינ ער וויל, ער קאָנ
ארומגיינ, מיט וועמענ ער וויל.

גערגעלע איז שוינ געזונט, און איצטער ווערט נאָכ מער שטארקער די כאווערשאפט צווישנ גערגעלענ מיט שאָלע-מענ. זיי גייענביידע ארומ פארנאכט אפנ בארג אהינטערנ בעסמעדרעש. גאנצ אָפט קריכנ זיי ביידע אינ א פרעמדנ גאָרטנ, רײַסנ בארעלעכ און עפּל. עס איז געשלאָסנ גע-וואָרנ די סאמע נאָענטסטע כאווערשאפט צווישנ שאָלעמענ און אָט דעמ ייִנגל מיט דער צעשפּאָלטענער ליפּ און מיט די קלוגע אויגנ, דעמ שטענדיק הונגעריקנ, דערצאָרנטנ גערגעלענ.

זיי זײַנענ נאָענט, אָט די צוויי כאווירימ, איינער צומ צווייטנ. זיי פארמאָגנ עטוואָס געמיינזאמס, וואָס עס פאר-בינדט זיי. גערגעלע קרימט איבער און לאכט פונ אלע-מענ דערפאר, וואָס אלע טרעטנ איבער אימ, דערפאר, וואָס ער פילט צו יעדערנ א סינע. שאָלעמ קרימט אי-בער, מאכט נאָכ, ווײַל ער באמערקט אינ יעדנ איינציקנ מענטשנ אָט די אייגנשאפטנ און שטריכנ, וואָס דערציילנ, אז דער מענטש איז ניט פולקומ, אז ער האָט כעסרוי-נעס. דער געלעכטער באפרײַנדעט זיי ביידנ. און נאָכ וואָס דערנענטערט איצטער גערגעלענ און שאָלעמענ: אי גער-געלע אי שאָלעמ פילנ זיכ איצטער פרעמד אינ שטעטל.

און שאָלעמ בענקט נאָכ דער זאָרגלאָזיקײַט. ער וויל

איצט באקומען די שווערע לאסט, וואָס האָט זיכ ארופּגעלייגט אפ זייער פאמיליע. ער האָט אליינ אויכ דערפילט, וואָס הייסט לאסט, אונ ער זעט די לאסט נאָכ אפ פיל מענטשנ אינ וואָראָנקאָ אונ אויכ אפ גערגעלענ. עס ווילט זיכ אימ באפרײַענ אלעמענ פונ זאָרג, פונ נויט, פונ לייד אונ פונ שווערער האָרעוואניע.

דאָס עלפיאָריקע יינגל שאָלעמ איז אלצ באשעפטיקט מיט איינ פראגע, וויאזוי קריגט מענ א מיטל קעגנ זאָרג. אונ דאָס מיטל איז: געפינענ דעמ אויצער, וואָס ליגט באהאלטנ נאָכ פונ באָגדאנ כמעלניצקיס צײַטנ אָנ אינ בארג, אהינטערנ בעסמעדרעש. ער וועט געפינענ דעמ אויצער אונ וועט דעמלט דורכפירנ א גאנצע רעפאָרמע אינעמ לעבנ פונ וואָדאָנקאָ.

רודע=באסיע די בייגל=בעקערקע וועט אזוי שפּעט באנאכט ניט האָרעווענ, גערגעלע וועט ווערנ אויס גאנעוו, אונ אלע אָרעמעלײַט אינ שטעטל וועלנ ווערנ אויס אָרעמעלײַט. אויכ פונ זײַנ פאָטערס הויכנ שטערנ וועלנ פארשווינדנ די קנייטשנ. ער וועט שוינ ניט זײַנ אזוי געל. זײַנ פאָטער וועט ווידער ווערנ שלאנק ווי פריער אונ וועט ניט זײַנ אופגעהאָרבעט ווי איצטער.

אונ וואָס עס טוט זיכ דאָרטנ אינ בארג, ווייסט דאָכ שאָלעמ זייער גוט. עס האָט דאָכ אימ שמוליק דערציילט וועגנ דעמ. ער געדענקט אפילע דעמ כאָלעמ, וואָס האָט זיכ אימ געכאָלעמט וועגנ דעמ אויצער, ווענ ער טיט

שמוליקן זײַנען אַראָפּ אין באַרג, געגאַנגען אין דער הייל מיט די קרישטאָלענע זײַלן און אין דעם פּאַלאַץ מיט די גינגאָלדענע ווענט.

עס איז געווען א פארנאַכט אין וואָראָנקאָ. די זון האָט זיך שוין געזעצט, און דער הימל אין מײַרעוו האָט זיך פאַרצויגן מיט א פײַערדיקער רויטקייט. אין דער לופט האָט זיך געטראָגן א בענקעניש נאָך דעם נאָרוואָס אנטרונענעם טאָג. שאָלעמען האָט עפּעס אַזוי געגומען ציִען, ציִען און טיאָכקען אין האַרצן.

עס האָט זיך אים איצטער שטארק פארוואָלט זען דעם טאַטן, די באָבע, די מאַמע. ער זיצט שוין פון לאַנג אפּן באַרג הינטערן בעסמעדרעש, זײַנע בלויע אויגן קוקן ווײַט אריבער די דעכער, קוקן אין דער פײַערדיקער רויטקייט פון הימל, און פונוויַטן זעט ער דעם דאַך פון זייער שטוב, וואָס איז העכער פון אַלע ארומיקע. און עס ציט אים אַהין אין שטוב אַרײַן.

מיטאמאָל, מע דערלאַנגט אים א קלאַפּ איבער די אַקסלען.

— קום, וואָס זיצסטו דאָ, לאָמיר גיין! — האָט גערגעלע געזאָגט צו אים און אָנגעוויזן מיט דער האַנט אין דער זײַט פון נאָכעם ראַבינאָוויטשעס שטוב.

שאָלעם האָט זיך גאָר ניט דערשראָקן פאַרן אומגעריכטן קלאַפּ איבער דער פּלייצע. שאָלעמען האָט זיך געדוכט, אַז ער רעדט די גאַנצע צײַט מיט גערגעלען, אַז

ער דערציילט אימ וועגנ דעמ אויצער אינ מאָלט פאר
אימ אויס זיינ אייגענע צוקונפט, די צוקונפט פונ גער-
נעלענ אונ פונ אלע ליידנדיקע אינ שטעטל. האָט זיכ
דעריבער שאָלעמ באלד אופגעשטעלט אונ איז אוועק מיט
גערגעלענ, גלייכ ווי וואָלטנ נאָכ פריער וועגנ דעמ גע-
רעדט, אז זיי גייענ אהינ אינ גאס אריינ. שאָלעמענ האָט
זיכ אָפגעדוכט, אז דאָס רופט מענ אימ אהיימ.

גערגעלענ האָט זיכ פארגלוסט א רייצ טאָנ זיכ מיט
דעמ גרויסנ הונט, וואָס שטייט הינטערנ טויער פונ נאָ-
כעמ ראבינאָוויטשעס געוועזענעמ הויפ. גערגעלע האָט צו
דעמ יידנ מיט די באקנבארדנ אונ מיט דער אויסגעגאָל-
טער גאָמבע א צווייענדיקע סינע: ערשטנס, לאָזט ער
אפילע שאָלעמענ ניט ארופ אפנ הויפ. ער פארשטייט עס
ניט, גערגעלע, ווי האָט עס פיינט א נאָגיד א נאָגיד;
צווייטנס, איז ער עפעס, אָט דער ייד מיט דער אויסגע-
גאָלטער גאָמבע, א מאָדנער נאָגיד: רעדט ניט אפ יידיש
אונ כאווערט זיכ בלויז מיט דעמ אוריאדניק אונ סטא-
נאָוואָי. גערגעלע וועט כאָטש דעמ הונט זיינעמ מעכאבער
זיינ מיט א פאָר שטיינער אינ זייט.

די פיינערדיקע רויטקייט פונעמ הימל האָט זיכ פאר-
דעקט מיט א שווארצער נאכט. אינ וואָראָנקאָ איז שוינ
געווענ פינצטער, שטיל. אפ דער גאס, ווו עס האָט גע-
וווינט אמאָל נאָכעמ ראבינאָוויטש אונ ווו עס וווינט איצ-
טער דער ייד מיט די באקנבארדנ אונ מיט דער אויסגע-

גאָלטער גאָמבע, איז קימאט אינ אלע הײַזער פינצטער, מע שלאָפט שוינ, נאָר אינ דער געוועזענער ראבינאָוויטשעס שטוב איז ליכטיק, עס ברענט א גרויסער בליצלאָמפ, אונ פונ די פענצטער שלאָגט אָפ א שײַנ אפ דער גאס.

די פענצטער זײַנענ אָפנ, אונ פונ דאָרטנ דערטראָגט זיכ א פרײלעכער געלעכטער, אונ עס הערט זיכ, ווי עס שפילט א פידל, אונ די קלאנגענ פונ דער פידל זײַנענ ווייכע אונ וויינענדיקע, אז עס דוכט זיכ איכ, שאָלעמענ, אז עפעס דערציילט אימ איצטער שמוליק די מײַסע וועגנ דעמ פאסטעכל, וואָס פלעגט שפילנ אפ א פײַפל אונ וואָס די גאנצע וועלט כײַעס אונ פויגלענ פלעגנ אימ קומענ הערנ, אָנשטעלנ מויל אונ אויערנ אונ קוקנ אימ גלײַכ אינ די אויגנ ארײַנ אונ אפ זײַנ פײַפל.

שאָלעמס אויגנ האָבנ זיכ שטארק צעעפנט. ער האָט איצטער געזענ אנטקעגנ זיכ דעמ גינגאָלדענעמ פאלאצ, ווי עס געפינט זיכ דער אויצער. אונ נאָכ האָט ער געזענ: א גרינע לאָנקע, אינמיטנ דער לאָנקע — א הויכע קופע שטיינער, אפ דער קופע שטיינער — א באָרוועסער פאסטעכ מיט א פײַפעלע אינ מויל, אונ ארומ אימ אפנ פעלד — ליבנ, לעמפערטנ, פיפערנאָטערס מיט אָפענע מײַלער, פויגלענ מיט אראָפגעלאָזענע שנאָבלענ, אונ לעבנ דעמ פאסטעכל זעט ער דעמ טאטנ, די מאמע, די באָבע, קינדער, אלע זײַנע קלענערע שוועסטער אונ ברידער. אונ

ער, גערגעלע, שמוליק, מייערקע מעדוועדיעוועקער צווישן זיי.

ער איז געבליבן שטיין. גערגעלע האָט אים א צי געטאָן בא דער האנט, און זיי זײַנען אוועק אפּ דעם קלאָץ, וואָס איז געלעגן קעגניבער דער שטוב, ווו עס ווינט איצטער דער ייִד מיט די באקנבארדן און מיט דער אויסגעגאָלטער גאָמבע. דער הונט, וואָס איז געשטאַנען אפּ יענער זײַט טויער, האָט דערשפּירט פרעמדע טריט און האָט זיך שטארק צעבילט. גערגעלע האָט זיך דערמאָנט, אז ער האָט פאר אים אָנגעגרייט שטיינער, און האָט באלד א זעץ געטאָן אין טויער מיט א שטיין. דער הונט האָט נאָך מער געבילט. גערגעלע איז צוגעלאָפן צום טויער, א כאַפּ געטאָן דעם שטיין און ווידער א זעץ געטאָן אין טויער, דער הונט האָט זיך צעסקאַוועטשעט.

שאָלעם איז אראָפּ פון קלאָץ, איז געבליבן שטיין אנטקעגן דעם פענצטער, פון וועלכן עס האָט איצטער געפּראלט מיט שײַן פונעם בליצלאָמפּ און לעבן וועלכן עס פלעגט זיצן זײַן טאטע, שפּילן אין שאָך אָדער לייענען א בוך. ער האָט איצטער גאָרניט געהערט. אפילע דאָס שפּילן פון פידל, ער האָט ניט געהערט דאָס בילן פונעם הונט.

דאָס שפּילן פון פידל האָט זיך איבערגעריסן, עס האָט זיך האסטיק געעפנט די גאס־טיר, און עס זײַנען ארויסגעלאָפן צוויי ייִנגלעך, אָנגעטאָן אין היטלען מיט הויכע

דענקעס אונ קאָקאַרדעס. ביידע ייִנגלעכ האָבנ עפּעס געשריִענ אַפ רוסיש. ביידע האָבנ זיי זיכ א לאָז געטאָנ צומ טויער אונ געפּאַקט דעמ, וואָס האָט צעשטערט זייער פאַרווײַלונג.

— ווילדע פאַנאַטיקער! אָבסקוראַנטנ! — האָט אויסגעשריִענ איינער פונ די ייִנגלעכ אינ די היטלענ מיט די הויכע דענקעס, א העכערער, א דאַרער, מיט א לאַנגער נאָז, דער זונ פונ דעמ ייִדנ מיט די באַקנבאַרדנ אונ מיט דער אויסגעגאָלטער גאָמבע.

— מע דאַרפ זיי אויסרײַסנ די פּייעס! — האָט ער זיכ געווענדט צו דעמ נידעריקנ דיקלעכנ גימנאַזיסט מיט דער ברייטער, פּאַריסענער נאָז, דעמ סטאַנאָוואָיס זונ, — אונ ביידע האָבנ זיי זיכ א לאָז געטאָנ צו גערגעלענ אונ צו שאָלעמענ.

עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א געשלעג צווישנ גערגעלענ אונ שאָלעמענ פונ איינ זײַט, אונ די ייִנגלעכ אינ די היטלענ מיט די הויכע דענקעס אונ קאָקאַרדעס — פונ דער אַנדערער זײַט. מע האָט זיכ געשלאָגנ. די ייִנגלעכ מיט די קאָקאַרדעס האָבנ גערופנ צו הילפ דעמ הונט. שאָלעמ אונ גערגעלע זײַנענ אַנטלאָפנ, אונ אַפ מאָרגנ פאַרטאָג האָט גערגעלע לעבנ טויער פונ דער געוועזענער :אָכעמ ראַבינאָוויטשעס שטוב געפונענ צוויי היטלענ. גערגעלע איז אַוועק צו ניסל ראַבינאָוויטשעס שטוב, האָט שטיל געעפנט די טיר אונ אַרײַנגעוואָרפנ שאָלעמס היטל.

קײנ פערעיאסלאוו

„פיל פרײד צו מײַנ טײַערנ ברודער ניסל און צו מײַנ שוועגערנ, דער צנוע האָדל, און צו זײערע קינדערלעכ, זאָלנ לעבנ און געזונט זײַנ. אָמײנ.

דאָס ערשטע, וואָס איכ קומ צו מעלדנ דעמ קאָוועד אײַערנ, איז, אז אונדזער מוטער, די צנוע מינדע, אז איכ, אײַער ברודער נאָכעמ, אז מײַנ ווײַב, אײַער שוועגערנ כײַע-עסטער, און אז אונדזערע טײַערע קינדער זײַנענ געזונט. גאָט זאָל געבנ ניט ערגער פונ אײַכ צו הערנ.

די גערעכטיקײַט איז מיט אײַכ, אויב איר טוט אָפּקערנ אײַער פּאָנעמ דערפאר, וואָס מיר האָבנ אײַכ ניט געגעבנ קײנ יעדיע וועגנ דעמ, ווי עס גײענ דאָ אונדזערע געשעפטנ אפנ נײַעמ אָרט. אָבער איכ טו גלײבנ, אז פריער דער גרויסער גאָט, נאָכדעמ איר וועט אונדז פארגעבנ.

דו ווײסט דאָכ, מײַנ טײַערער ברודער, אז אלע אָנהײבנ זײַנענ שווער, ביפראט, אז עס קומט אויס אָנצוהײבנ פונ דאָסנײַ און די האנט אונדזערע איז גאָר געווענ געשיקט אינ אנדערע געשעפטנ. עס איז דאָכ ניט פארהוילנ פונ דיר, אז מיר האָבנ זיכ גענומענ צו אזא געשעפט, וואָס אונדזערע עלטערזײדעס, זײדעס און עלטערנ האָבנ אהינ קײנ פומ ניט געטראָטנ. און עס איז מיר שווער צו קוקנ אפ מײַנ אײדעלער פרוי כײַע-עסטער, זאָל לעבנ, ווי ז׳

דארפ באדינענ ווילדפרעמדע מענטשנ נאָר ניט פונ אונ=
דזער שטאנד אונ דארפ זײַנ א באלאכסאניעטע.

אונ גאנצ אָפט וואָלסטו געקענט באמערקנ, ווי אינ
שטוב בא אונדז שטייט אינ איינ ווינקל אונדזער טײַערע
מוטער די צנוע מינדע אונ אינ א צווייטנ ווינקל מײַנ איי=
דעלע פרוי כײַע=עסטער, אונ טרערנ גיסנ זיכ, ווי קוואל=
וואסער, פונ זייערע אויגנ.

איכ ווייס, אז גאָט וועט מיר באצאָלנ פאר די יעסו=
רימ אונ פאר די ווייטעקנ, וואָס האָבנ זיכ באזעצט אינ
די קעמערלעכ פונ מײַנ הארצנ, ווײַל וואָס קאָנ זײַנ גרע=
סער, ווי די מיצווע פונ גאסטפרײַנטלעכקײַט. אָבער די
דאָזיקע מיצווע פארמײַדט מײַנ שטוב, וואָס הייסט איצ=
טער אכסאניע, אונ גאנצע וואָכנ גייענ אוועק, וואָס מע
זעט אפילע קיינ אוירעכ ניט, אונ אויב עס קומט ווענ אנ
אוירעכ, איז עס פונ אָרעמענ פאָלק, וואָס עס האָט אימ
אנ אומגליק ארויסגעריסנ פונ זײַנ אָרט אונ געבראכט
אימ אהער אינ שטאָט ארײַנ צו זוכנ א הילפ פאר זײַנ
שוואכנ געזונט אָדער פאר זײַנע קינדער. פאר רײַכע גע=
שעפטסמענטשנ איז מײַנ אכסאניע צו אָרעמ, אונ אינ
שטאָט זײַנענ פאראנ א סאכ בעסערע אכסאניעס מיט
שיינע צימערנ, מיט געפארבטע ווענט אונ דילנ. אונ אונדז
קומט טאקע אויס צו בלײַבנ ניט מער ווי בא דער מיצווע
פונ האכנאָסאס=אָרכימ.

נאָכ דעמ אלעמ ווערסטו מיר, טײַערער ברודער,

פארגעבנ אפ דעמ, וויל ווער האָט נאָכ אזא הארצ מיט געפילנ, ווי דו? איז האָב טאקע קיינ פאריבל ניט אפ אונדז אונ פארעכנ עס מיר ניט פאר קיינ זינד קעגנ גאָט אונ קעגנ דיר.

פונ מיר, דײַנ ברודער, וואָס לעכצט צו וויסנ וועגנ דײַנ געזונט אונ וועגנ דעמ געזונט פונ דײַנ פאמיליע אונ וועגנ דײַנע געשעפטנ.

גאָכעמ ראבינאָוויטש.

איקער שאָכאכטי, מייער־וועלוול וועט דיר איבערגעבנ דרײַ פּאָר שטיוועלעכ פאר די קינדער, זאָלנ לעבנ. דאָס האָבנ מיר זיי אופגעגנייט אפ יאָנטעוו, אונ זאָל פונ זיי ניט פארמיטנ ווערנ די אומשולדיקע פרייד. קינדער דארפנ ניט וויסנ, וואָס עס וויקלט זיכ בא די עלטערנ אפנ הארצנ. אויכ ליגט בא מייער־וועלוולענ שפּײַז אפנ וועג אונ א קאָלדרע, וואָס אונדזער טײַערע מוטער די צנוע מינדע האָט געשיקט, טאָמער גייט כאַסוועשאָלעמ א רעגנ. אונ זאָלנ זיי זײַנ איגיינעמ מיט זייער טאטנ אונ מאמענ. עפּ־שער וועט העמלט דאָס מאזל מער אײַנשטייג בא אונדז אינ שטוב, אונ גאָט וועט פונ אונדז זײַנ בעסער ניט אָפּ־טאָנ.

דער אויבנ־אונטערגעשריבענער".

אָט אזא בריוו, געשריבנ אינ העברייִש, האָט נאָכעמ ראבינאָוויטש געשיקט פונ פערעיאסלאוו קיינ וואָראָנקאָ צו

זײַן ברודער ניסל דורך מײַער־װעלװל דעם באַלעגאָלע, װעלכער האָט גדאַרפֿט אָפּפֿירן די קינדער פֿון װאָראָנ־קאָ קײן פּערעיאַסלאַװ.

ניסל האָט דורכגעלייענט דעם בריװ און פֿאַרטײַטשט אים פֿאַר האָדל זײַן װײַב. און האָדל האָט געזיפֿצט, גע־בראָכן די הענט, געשאָלטן מיט ביטערע קלאָלעס היר־שקע דעם סין: — אַז ס'איז טאַקע ריכטיק, װי בײַע־עסטער האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַ װעלט פֿון גאַנעװ אײַנ־גאַזלען, װער עס גאַנװעט ניט, יענער לעבט ניט.

האָדל האָט זיך באַלד געגומען באַקוקן, װאָס פֿאַר אַ „מיט זיך" האָט מען די קינדער געשיקט אַפֿן װעג.

— אױ, אַז אָך און װײ, — האָט זי פֿאַרבראָכן די הענט,—דאָס װעט דאָך זײ קלעקן אַף אַ צאָן: דרײַ מײַלער, קײן אײַנאָרע — און האָט באַלד גענומען פּאַקעװען פֿאַר זײ אַ „מיט זיך" פֿון אירע אײגענע שפּײַז.

שאָלעם האָט זיך געבאָברעט אַרום דער בויד מיט די דרײַ פֿערד. ער איז געװוען צופֿרידן, װאָס ער פֿאָרט צו זײַן טאַטן און מאַמען אין דער נײַער היים אין דער גרױסער שטאָט. ער האָט זיך געפֿרייט מיט די נײַע שטי־װעלעך, װאָס דער פֿעטער ניסל האָט אים אָנגעטאָן. עס האָט אים אָבער געקלעמט די מײַסע מיטן אויצער. װאָס װעט זײַן מיטן אויצער? און ער איז אַװעק אַפֿן באַרג אהינטערן בעסמעדרעש.

ער האָט „זיך אָפּגעשטעלט אַף יענעם אָרט, װוּ עס

איז געלעגן, ווערליק שמוליק האָט געוווּסט קימאַט פאַר געוויס, באַהאַלטן דער אויצער; ווי א פאַרקישעפטער איז ער געשטאַנען איינער אַליין אין א הייליקער שטילקייט, און א גאַנצע ריי פון מאַכשאָוועס האָבן זיך דורכגעטראָגן אין זיין קאָפּ"...

איינעם אין וואָראָנקאָ פאַרדריסט זייער שטאַרק, וואָס שאָלעם פאָרט אַוועק. ער איז היינט ניט אויפגעלייגט, פון זינט ער האָט דערזען די בויד מיט די פערד לעבן ניסל ראַבינאָוויטשעס שטוב. ער זוכט שאָלעמען, און שאָלעם איז אויפן באַרג, ווו עס דאַרף זיך געפינען דער אויצער. שאָלעם שטייט איצטער אין די נייע שטיוועלעך. געראַגעלע איז לעבן אים:

— נייע?

זיין כאַוועה ווערט ווי פאַרשעמט: שפּאָגל־נייע שטיוועלעך אין דער צייט, ווען געראַגעלע איז א באָרוועסער! און ער רופט זיך אָן צו געראַגעלען:

— אויב דו ווילסט, קום מיט מיר צום פעטער ניסל, וועל איך דיר עפּעס שענקען...

— עפּעס שענקען? פאַרוואָס ניט?..

שאָלעם און געראַגעלע זיינען אַוועק צו ניסל ראַבינאָ־וויטשן אין שטוב, ווו מע האָט זיך געגרייט צום אָפּפאָרן. דאָרט זיינען געווען אייניקע וואָראָנקאָווער, פרויען און מע־נער, וואָס זיינען געקומען זיך אָפּזעגענען מיט נאָכעם ראַ־

בינאָוויטשעס קינדער און לאָזנ גריסנ די ראבינאָוויטשעס. צווישנ זיי איז אויכ געווענ פרומע די מויד.

„...פרומע האָט דערזענ גערגעלענ, האָט זי א קוק גע־געבנ אפ אימ מיטנ בלינדנ אייגל און א פרעג געטאָנ...: „וואָס טוט דאָ דער גאנעוו?“

...האָט גערגעלע ניט געוואָרט... און האָט פונ זײַנ זײַט א פרעג געגעבנ: „וואָס טוט דאָ די בלינדע?“... עס וואָלט געקענט ארויס דערפונ א מיעסער סקאנדאל, ווע־ שאָלעמ נעמט ניט זײַנ כאווער גערגעלע פאר א האנט און פירט אימ ניט ארויס אינ הויפ ארײַנ...

— איכ האָב געזאָגט, איכל דיר עפּעס שענקענ א זאכ? נא!.. — און שאָלעמ..., צופרידנ פונ זײַנ פילאנטראָפּיע, שטרעקט אויס זײַנ כאווער גערגעלע־גאנעוו זײַנע אלטע שטיוועלעכ, ארויסגענומענ פונ אונטער דער פאָלע. גער־געלע, אפּאָנעמ, האָט זיכ געריכט אפ אנ אנדער מינ מא־טאָנע, ניט אפ א פאָר אלטע שטיוועלעכ. און דערצו איז ער געווענ צעקאָכט פונעמ אינצידענט מיט דער בלינדער פרומע... און גלאט ניט אויסגעלייגט דעמ טאָג, האָט ער די שטיוועלעכ בא זײַנ כאווער צוגענומענ, נאָר ער האָט זיי באלד געגעבנ א שמײַס אוועק פונ זיכ מיט קאס, און ער איז א באָרוועסער אוועק פונ הויפ, זיכ געלאָזט לויפנ — און איז פארשווונדנ געוואָרנ.

...גערגעלעס אנטרונענע ווערנ האָט פארביטערט זײַנ כא־ ווערס געזעגענענ זיכ מיטנ שטעטעלע און אָפּגעסאמט אימ

די גאַנצע זיסקײַט פֿון דער ערשטער גרויסער, שײנער, װײַטער נעסיע. װיפֿל ער האָט ניט געװאָלט נאָכדעם אָפּ־טרײַבן פֿון זיך דאָס טרויעריקע בילד פֿון זײַן באַלײדיקטן כאַװער, איז עס דאָפּקע געקראָכן אים איז פּאָנעם אַרײַן, געשטאַנען פֿאַר די אויגן און גענאָגט דאָס האַרץ:

„האָסט באַלײדיקט, באַלײדיקט אַן אָרעמען כאַװער!"...

אַפֿן נײַעם אָרט

נאָך צװײ טעג פֿאָרן איז שאָלעם מיט זײַנע עלטערע ברידער געקומען אין פּערעיאַסלאַװ, װוּ זײַן פֿאָטער און מוטער האָבן שוין אײניקע כאָדאָשים געװוינט.

אין שטאָט האָט מען שוין געשלאָפֿן, און װוּ מע איז ניט געשלאָפֿן, זײַנען געװען די לאָדן צוגעמאַכט. אַ שװאַר־צער הימל האָט זיך פֿאַרשפּרײט איבער דער שטאָט, און עס האָט זיך געדוכט, אַז עס װעט שוין קײנמאָל ניט קו־מען דער טאָג. אַ סאָף־זומערדיקער רעגן האָט לאַנגזאַם געשפּריצט איבער די דעכער און איבערן בויד. די פֿערד זײַנען אַרויסגעפֿאָרן פֿון דעם שטויביקן פּאָסט־װעג אַפֿן ברוק, און שאָלעם האָט זיך קוים דערװאַרט, ביז די טראַסקענדיקע רעדער האָבן זיך דורכגעקײַקלט דורך די פֿינצטערע פֿאַר גאַסן און האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן הויז, װוּ עס װוינען איצט זײַן פֿאָטער און מוטער.

אין װעג פֿאָרנדיק, האָט זיך שאָלעם פֿאָרגעשטעלט, אַז

זייער שטוב אינ פּערעיאסלאוו איז אזא שיינע, איז אזוי שיינ צוגעקליבנ, פּונקט ווי יענע, וועלכע עס האָט אימ אמאָל אָפּגעמאָלט אינ וואָראָנקאָ זײַנער א כאַווער פּיניע שימעלעס, וואָס איז אמאָל געווענ אינ פּערעיאסלאוו אונ האָט שוינ לאנג פארלאָזנ וואָראָנקאָ.

זיי זײַנענ געקומענ, אונ מע האָט זיי גאָר קאלט באַגעגנט. באזונדערס די מאמע. אונ די נײַע שטוב איז עפּעס גאָר ניט קיינ גאסטפרײַנטלעכע. זי איז א גרויסע, א סומנע אונ איז צעצאמט אפּ קליינע כאדאָרימלעך. זייער שטוב איז אנ אײַנפאָר־הויז, די קלייניקע כאדאָרימלעך זײַנענ פאר די אָרכים.

די מאמע — זי טארעראמט איצטער ארומ דער שטוביקער באלעבאטישקײַט, זי איז מער פארזאָרגט, ווי אינ די לעצטע פּאָר וואָכנ אינ וואָראָנקאָ, אונ איז זייער קארג: טיילט זיי אויס יעדערנ צו שטיקלעך ברויט.

נאָכעמ ראבינאָוויטש איז דאָ נאָך מער אײַנגעבויגנ, ווי אינ וואָראָנקאָ, אָבער א צופרידענער שמייכל איז אפּ זײַנ פּאָנעמ: עס זײַנענ געקומענ די יינגלעך, באלד וועט ער זיי פארהערנ אונ וועט זיך דערוויסנ, ווי האלט עס מיט זיי אינ לערנענ.

דערפילט נאָכעמ ראבינאָוויטש, אז זײַנע קינדער וויסנ אונ קענענ דאָס, וואָס זיי לערנענ, איז ער דעמאלט צופרידנ ביז גאָר, ער איז דעמאלט צוגעלאָזט אונ אפילע פריילעך.

די קינדער ענטפערנ אפ אלע פראגנ, וואָס ער שטעלט זיי, באזונדערס צייכנט זיכ אויס דער קליינער שאָלעמ. ער קאָנ אפ אויסווייניק גאנצע אויסצוגנ פונ דער ביבל. נאָכעמ ראבינאָוויטש איז זיכער, אז זיינ שאָלעמ וועט געוויס שרייבנ שיינע מעליצעס, ער האָט דאָכ א שיינ הענטל אונ קענ אזוי די שפראכ פונ דער ביבל.

שאָלעמ האָט צערייצט זיינ פאָטערס האָפענונג אונ פאנטאזיע. שאָלעמ וועט געוויס אויכ טאָנ אזוי, ווי די באקאנטע העברעיִשע שרייבער, וועלכע נאָכעמ ראבינאָוויטש שעצט אונ פארערט. ער וועט אופשטעלנ פונ די ביבלישע פסוקימ שיינע, ווונדערבארע ביכלעכ, מע וועט זיי לייענענ אומעטומ, אונ אינ וואָראָנקאָ אונ אינ פערעיאסלאוו וועט מענ זיי אויכ לייענענ, מע וועט אָנקוועלנ פונ זיינ לאָשנ. אונ פאר נאָכעמ ראבינאָוויטשעס אויגנ שטייט בלויז די ליכטיקע צוקונפט פונ זיינ זונ שאָלעמ.

ער פארגעסט זיכ אפ זיינ אייגענער פארגאנגענהייט, אפ די בערלינעס אונ אפ די בארזשעס, וואָס ער פלעגט שיקנ אמאָל קיינ גינשפעריק אונ דאנציג. ער פארגעסט זיכ אפ דער פאָסעסיע, וואָס מע האָט בא אים אויסגעדונגענ. ער פארגעסט זיכ אפ א ווילע אויכ, אז ער איז איצטער א פערעיאסלאווער באלאכסאניע אונ אז די אכסאניע גייט שלעכט. ער פארגעסט זיכ, אז זיינ כמיע-עטשערס צירונג, אז דאָס זילבערנע אונ גילדענע געפעס איז פארמאשקנט.

דער פעטער פיניע

אפ מאָרגנ איז נאָכעמ ראבינאָוויטש געגאנגענ מיט שאָ-
לעמענ צו זײַנע קרויווימ אונ האָט זיי געוויזנ, וויאזוי
שאָלעמ קענ טאנאכ אפ אויסווייניק.

באזונדערס האָט זיכ שאָלעמ ארויסגעוויזנ מיט זײַנ
ביבל-קענענ אונ מיט זײַנ שיינ שרײַבנ בא זײַנ פעטער

פיניענ אינ שטוב. ער האָט אפילע איבעראשט דאָרט דעמ גאנצנ אוילעמ, אונ איבעראשט האָט ער דערמיט, וואָס ער האָט אפּ זײַנ פעטער פיניעס זונס סידערל אָנגעשריבנ דעמ אופיר, וואָס ער האָט עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד געשריבנ בא רעב זאָרעכנ אינ כײדער אינ וואָראָנקאָ:

„אײַנגעטונקענ די פּענ, האָט דער באלטאנאכ, אָדער דער קאסווע־ראבע, א ביסל א טראכט געגעבנ, ניט געהאט וואָס צו שרײַבנ, כאָטש טו זיך אָנ א מײַסע!.. נאָר דאָ איז אימ געקומענ אפּנ זיקאָרנ דאָס, וואָס קימאט אפּ יעדנ יִדישנ סייפער פלעגט יענע יאָרנ שטיינ געשריבנ, אונ שאָלעמ האָט פארקאטשעט דעמ ארבל, געגעבנ א דריי מיט דער האנט, אײַנגעטונקענ נאָכאמאָל די פּענ", אונ אינ עטלעכע מינוט ארומ איז געווענ אָנגעשריבנ אפּ העברייִש, וואָס אפּ יִדיש וועט דאָס הייסנ אזוי:

„כאָטש אפילע אפּ א סייפער שרײַבנ טאָר מענ ניט, נאָר צוליב א סימענ מעג מענ".

דאָס איז געווענ א מינ האקדאָמע, נאָכ וועלכער עס קומט די דאָזיקע באקאנטע אופשריפט:

„דאָס דאָזיקע סידערל געהערט. צו ווּעמענ געהערט דאָס סידערל? צו וועמענ עס געהערט עס. פּאָרט צו וועמענ? צו דעמ, וואָס האָט געקויפט. ווער האָט דאָס געקויפט? ווער עס האָט געקויפט האָט דאָס געקויפט. פּאָרט ווער האָט דאָס געקויפט? ווער עס האָט געגעבנ געלט. ווער האָט געגעבנ געלט? ווער עס האָט געגעבנ

האָט נעגעבנ. פאָרט ווער האָט געגעבנ? ווער ס'איז א נאָגיד. ווער איז א נאָגיד? ווער ס'איז א נאָגיד איז א נאָגיד. פאָרט ווער איז א נאָגיד? א נאָגיד איז דער באַרימטער באָכער יִצכאָק דער זונ פונעמ באַרימטנ נאָגיד פינכעס ראבינאָוויטש אינ דער שטאָט פערעיאסלאוו".

אָבער ניט לאנג האָט נאָכעמ ראבינאָוויטש געהאט א מעגלעכקײט צו פרייענ זיך אונ צו טרייסטנ זיך מיט די גרויסע דערפאָלגנ פונ זײַנ זונ. צו זײַנ פאראָרעמונג קומט צו נאָך א קלאפ, וואָס האָט אפילע ארויסגעוויזנ, אז ער זאָרגט זיך וויִניק־וואָס פאר זײַנע קינדער.

באמ יעיצער־האָרע אינ די הענט

א נײַער עטאפ הייבט זיך אָנ אינ שאָלעמס לעבנ אינ פערעיאסלאוו. עס ווײַזט זיך פאר אימ א לעבנ פונ פארשארפטע ליידנ אונ לײַדנשאפטנ. פערעיאסלאוו איז אנטקעגנ וואָראָנקאָ א גרויסע שטאָט. פערעיאסלאוו האָט שוינ געהאט א נײַע יִדישע בורזשואזיע מיט נײַע געוווינהײַטנ, אונ די פאָרשטייער פונ דער נײַער יִדישער בורזשואזיע,— זיי גייענ אייראָפּייִש געקליידט, זייערע קינדער שפילנ פיאנע, לערנענ זיך ריידנ פראנצויזיש. די קינדער פונ דער נײַער יִדישער בורזשואזיע מײַדנ אויס, באצִיִענ זיך מיט פאראכטונג צו די קליינבירגערלעכע אונ אָרעמע שיכטנ פונ דער יִדישער באפעלקערונג.

אינ וואָראָנקאָ האָט שאָלעמ ניט געהאַט אויסצושטיינ אזוינס, ווי אינ פערעיאסלאוו אפ דער גאס. דאָרטנ האָט ער געדארפט היטנ שטאַט, ניט כאווערנ זיכ מיט גערגעלענ אונ מיט אנדערע קינדער פונ דער אָרעמשאפט. ער אליינ איז אָבער געווענ דאָס אייבערשטע פונ שטייסל, ער איז געווענ דעמ נאָגידס יונגל.

א זומערדיקער אָוונט. פונעמ טונקל=בלויענ פערעיאסלאווער הימל ווינקענ שטערנ, אונ די לופט עטעמט מיט פייכטע כוואליעס פונ א ווינטל. פונדערווייטנס דערטראָגנ זיכ קלאנגענ פונעמ בלאָז=אָרקעסטער, וואָס שפּילט אינ שטאָט=גאָרטנ. אונ עס ציט אזוי אהינ, פונוואנענ עס טראָגנ זיכ די קלאנגענ. עס ציט אוועקצוזעצנ זיכ אונטער א דרעמלענדיקנ בוימ אונ קוקנ אפ דעמ שפּיגלענדיקנ טייכ, וואָס שנײדט דורכ דעמ שטאָט=גאָרטנ, זענ, ווי מע פאָרט אפ שיפלעכ אונ עפשער אליינ אויכ פאָרנ אפ א שיפל.

שאָלעמענ ווילט זיכ גיינ אינ גאָרטנ, אָבי ער איז „א מאָטנס א קינד“, ער דארפ לערנענ, ער טאָר ניט נאָכגעבנ דעמ יעיצער=האָרע, אַט די סטראשידלע, מיט וועלכער די הערשנדיקע קלאסנ בא ייִדנ האָבנ טויזנטער יאָרנ אָפּגעצויגנ די מאסנ פונ פארגעניגנס, פונ ערדישע זאכנ אונ געהאלטנ זיי אינ קלעמ פונ אסקעטיזמ. „מע גייט ניט אינ א צירק — ס'איז געגליכנ, ווי מע וואָלט געדינט צו אָפּגעטער“, — טײטלט צו שאָלעמענ מיט זײנ אויס=

געדארטנ פינגער דער אסקעטישער יעיצער=טויוו. און עס קומט פאָר א שטארקער אינערלעכער קאמפ אינ דער נעשאָמע פונ דעמ קינסטלעריש=באגאבטנ קינד שאָלעמ.

שאָלעמ דארפ בײַקומענ דעמ יעיצער=טויוו. ווענ ער אליינ ניט קענענ עס דורכפירנ, וועלנ אימ אנדערע ניט מיטהעלפנ אינ דעמ, ווענ שאָלעמ בלײַבנ הינטערשטעליק, בלײַבט ער א מענטש ניט פונ זײַנ צײַט, בלײַבט ער אויסער דער פאָרגעשריטענער געזעלשאפט.

און עס געפינענ זיכ אזוינע, וואָס העלפנ שאָלעמענ זיכ צו באפרײַענ פונ די פארעלטערטע יידישע אווטאָריטעטנ און אפילע פונ די אווטאָריטעטנ פונ זײַנ פאָטער דעמ מאסקיל.

אינ פערעיאסלאוו בא זײַנ טאטנ אינ שטוב האָט איצטער שאָלעמ באגעגנט אזעלכע צוויי פארשוינענ, וועלכע ער האָט אינ וואָראָנקאָ ניט געהאט קיינ מעגלעכקײַט צו זענ. איינער פונ זיי איז געווענ דער קאָלעקטאָר — א ליטוואק, א מאסקיל, וואָס האָט זייער הויכ געשטעלט די מאסקילישע העברייִשע דיכטער און שרײַבער. אָט דער אײַנגייער אינ זײַנ טאטנס הויז האָט פיל געווירקט, אז שאָלעמ זאָל זיכ נאָכ אלס קינד באקענענ מיט די בעסערע שאפונגענ פונ דער האסקאָלע=ליטעראטור.

דער צווייטער, וואָס האָט געווירקט אפ דער אנטוויקלונג פונ שאָלעמענ, איז געווענ ארנאָלד פונ די פידוואָרקעס. פונ אימ האָט זיכ שאָלעמ דערוווּסט, אז די דער=

ציילונגען אין דער ביבל, וואָס ער, שאָלעם, האָט גע־
האלטן פארווירקלעכע געשעענישן, זײַנען בלויז מיטאָלאָ־
גישע שאפונגען, פּראָדוקטן פון דער פאנטאזיע פון מענ־
טשן, וועלכע זײַנען נאָך גאָר שוואך באוואָפנט מיט טעכ־
ניק און וויסן און קאָנען קוים באהערשן די נאטור, וואָס
רינגלט זיי ארום.

ער האָט זיך, שאָלעם, דערוווּסט פון אָט דעם ארנאָלדן,
אז עס זײַנען פאראן אף דער וועלט נאָך גרעסערע אווּ־
טאָריטעטן אפילע פון דעם גרעסטן אווטאָריטעט בא די
מאסקילים — דעם מײַמאָניד, אז עס זײַנען פאראן בי־
כער, וואָס זײַנען געשריבן אף אנדערע שפּראכן, ניט אף
דער שפּראך פון ביבל, און זײַנען אומגעהייער נוציקער
פון יענע.

אין פּערעיאסלאוו דערוויסט זיך שאָלעם, אז אָנשטאָט
דעם כיידער באזוכן איצט קינדער וועלטלעכע שולן און
אז דאָרטן ווערט מען געבילדעט און געלערנט. ער דער־
וויסט זיך, אז א געלערנטער הייסט דער, וואָס באקומט
וועלטלעכע בילדונג.

אָבער שאָלעם זעצט פאָר צו גיין אין כיידער אויך אין
פּערעיאסלאוו, און אויך דאָ פאטערט ער אָפּ א היפּשן
צײַט אין די כאדאָרים. דאָס ציט זיך, ביזוואנען עס קומט
פאָר א קאטאסטראָפע אינעם לעבן פון נאָכעם ראבינאָ־
וויטשעס פאמיליע.

עס שטאַרבט שאָלעמס מוטער ביילע־עסטער. זי שטארבט

פון דער כאָליערע־עפּידעמיע אין יאָר 1872. שאָלעם איז דעמאָלט אַלט געווען דרײַצן יאָר.

די אָרעמקייט אין שטוב בײַ נאָכעם ראַבינאָוויטשן ווערט נאָך שטאַרקער, די פאַרזאָרגטקייט נאָך גרעסער, און שאָלעם מיט זײַנע קלענערע ברידער און שוועסטער פאָרן אַוועק אויף אַ געוויסער צײַט אין באָסלעוו צו זייער זיידן און באָבען, דער מאַמעס עלטערן. אין באָסלעוו האָט שאָלעם דערפילט דעם טאַם פון הונגער, פון זײַן אַן איבעריקער, און נישט איין מאָל איז אים אויסגעקומען צו הערן, אַז ער עסט צופיל און פרעמדס. דערווײַל האָט נאָכעם ראַבינאָוויטש באַשענעט אַ צווייט מאָל, און שאָלעם באַקומט אַ שטיפמוטער.

שאָלעם לערנט זיך רוסיש

אײנעם צימער, וואָס האָט בײַ נאָכעם ראַבינאָוויטשן געהייסן דער זאַל און אין וועלכן ס׳פלעגן דאָסראָוו עסן די אָרכים, זיצן איצטער בײַם טיש אַ פּאָר גוטע־פרײַנט נאָכעם ראַבינאָוויטשעס, פּערעיאַסלאַווער אײַנוווינער.

באַטאָג האָבן זיי קיין צײַט נישט געהאַט זיך דורכצושמועסן וועגן דעם אַרטיקל פון מוישע־לייב ליליענבלום, דעם זעלבן ליליענבלום, וואָס האָט אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט אונטער דער ווירקונג פון די גרויסע

רוסישע אופקלערער און אינ זײַנע לעצטע יאָרנ געוואָרנ א פאָרשטייער פונ דער נאציאָנאליסטישער רעאקציע. דער ארטיקל איז געווענ געדרוקט אינ דעמ צענטנ נומער „האמייליץ“ פונ יאָר 1873. דאָס שרײַבנ זיי אויס דעמ „האמייליץ“ בעשותפעס מיט נאָכעמ ראבינאָוויטשנ. גיינ גייט דער „האמייליץ“ אפנ אדרעס פונ איינעמ פונ די צוויי. די ערשטע עטלעכע טעג לייענענ זיי די צײַטונג, און אפ שאבעס גיבנ זיי אָפּ די צײַטונג נאָכעמ ראבינאָוויטשנ. בא אימ פארבלײַבנ שוינ די צײַטונג-נומערנ, און ער קלײַבט זיי אופ און בינדט זיי אײַנ א גאנצנ יאָרגאנג אינ איינ אײַנבונד.

— איר פארשטייט? גאָר עק וועלט! אלע ייִדנ, און דערהויפּט די ליטוואקעס, זאָגט ער, מוזנ אויסוואנדערנ און אוועקפאָרנ ערגעצ מעיווער לעיאמ, זוכנ ברויט אינ אמעריקע, — זאָגט איינער, א יונגערמאנ מיט א פארקײַלעכדיקט-ארומגעשוירנ בערדל, אינ א לאנגנ אלפא-גענעמ ראָק ביז די קני און מיט פארקאטשעטע פייעס אפ הינטער, — איז וואָס זשע זאָגט ער אָבער נאָכ? אז עס איז צומ הונגער פאראנ א מיטל, מע זאָל לערנענ די קינדער מעלאָכע. איז פרעג איכ בא אײַכ, רעב נאָכעמ, איר זײַט דאָכ א קלוגער מענטש, נו, מעלאָכע, גוט, מעלאָכע, אָבער מע קענ דאָכ ניט מאכנ אלע ייִדנ פאר באלמעלאָכעס, פרעג איכ אײַכ? אָט איז אײַער ייִנגל, א געראָטנ ייִנגל, ער האָט זיכ זײַנ דערעכ און קענ טאקע

זײַנ א פײַנער מושלעמ, האָט זיכ א פײַנ הענטל אונ א שיינ לאָשנ, — אונ דער יונגערמאַנ האָט אָנגעוויזנ אפ שאָלעמענ, וועלכער איז געזעסנ אונ האָט זיכ באַשעפטיקט מיט דערלערנענ די רוסישע שפראַכ.

נאָכעמ ראַבינאָוויטש אונ די געסט האָבנ א קוק געטאָנ אפ שאָלעמענ, וויאַזוי ער צירקלט אויס די רוסישע בוכשטאַבנ אונ איז אײַנגאַנצנ פאַרטאָנ אינ דעמ שרײַבנ.

דאָס האָט ער, שאָלעמ, שוינ דעמ ווילפטנ מאָל איבערגעשריבנ פונ א לערנביכל פונ דער רוסישער שפראַכ אינ ייִדיש „טאַלמוד לעשוינ רוסיאָ“ א פאָרמע, וויאַזוי א סויכער דאַרפ שרײַבנ א ביטע וועגנ דערלויבנ אימ אָנטיילצונעמענ אינ טאָרגעס. איצטער שרײַבט ער שוינ א צווייט מאָל דעמ בריוו, אינ וועלכנ איינער טרייסט א כאַווער אינ די טעג פונ טרויער:

Милостивый государь!

Мне так чувствительна печаль Ваша, что я даже не в состоянии утешать Вас... Что касается до моей дружбы, то всегда могу уверить в неизменности. С искренним почтением к Вам

есмь ваш...

— ווײַז, גיב נאָר א קוק טאָנ, וואָס האָסטו דאָרטנ אָנגעשריבנ? — האָט זיכ צו שאָלעמענ געווענדט דער

יונגערמאנ מיטנ פארקײַלעכדיקטנ שווארצנ בערדל. ער האָט ארויסגענומענ פונ שאָלעמס האנט דאָס פאפיר אונ האָט עס גענומענ לייענענ אפנ קאָל. דערבײַ האָט ער זיכ געסטארעט צו קוועטשנ דעמ רוסישנ „ר“ אונ ארויסזאָגנ אימ אזוי הארט, ווי דער רוסישער בריוווטרעגער, וואָס ברענגט אימ דעמ „האמײליצ“ אינ שטוב, ווענ ער פארנייגט זיכ פאר אימ אונ דאנקט אימ אָפּ פאר דער פינפקאָפּקענע מיט א „בלאגאָדאריו פּאָקאָר-ר-נאָ“.

— האפּלעדיק, מיט סאקאָנעס! א לאָשנ! נו, רעב שמועל-יוסעפ פינ אלייננ האָט דאָכ עס געשריבנ, ס'איז ניט קיינ מאלטשיק, א לערער פונ דער ווילנער ראבינער-שול, א קאסווע-ראבע, דער רעדאקטאָר פונ „האקארמעל“ אלייננ!

— כ'וויים גאָרניט, וואָס טוט מענ מיט אימ? — האָט נאָכעמ ראבינאָוויטש נאָכ א לאנגנ זיפצ ארויסגעזאָגט. — ער קענ שוינ באלד אזויפיל, ווי בערל דער שרײַבער, וואָס לערנט אימ רוסיש.

די טיר האָט זיכ געעפנט, אונ אינ שטוב איז ארײַנגעקומענ א נידעריטשקער יונגערמאנ, אייראָפּייִש געקליידט: אינ א קורצנ ראָק, מיט א מאנישקע מיט א שניפּס. ער איז געגאנגענ אָנ פּייעס, אונ אפנ שפּיצ פונ זײַנ גאָמבע איז אראָפּגעהאנגענ א קורצ, גלאט אונטערגעשווירנ געל בערדל, ווי א דרײַעק.

— שאט, אָט וועט ער זאָגנ, וואָס טוט מענ מיטנ יינגל.

אָט איז ארנאָלד, זאָל ער זאָגן, — האָט געזאָגט דער יונ=
געמאַן מיטן פּאַרקײַלעכדיקטן שוואַרצן בערדל.

דאָס איז צו נאָכעם ראַבינאָוויטשן געקומען ארנאָלד
פון די פּידוואָרקעס, א פאָרשטאָט אין פּערעיאַסלאַוו. „אַפּ
ארנאָלדן פון די פּידוואָרקעס זאָגט מען, אז ער שרײַבט
אין די גאַזעטן, און אז די גאַנצע שטאָט, סײַ יידן סײַ
קריסטן, האָבן מוירע פאַר אים, ער זאָל זיי ניט באַשרײַבן
אין „קיעוולאַנין“. ארנאָלד פון די פּידוואָרקעס האָט אײַ=
בערגעלייענט דעם בריוו צו א פרײַנט, וואָס שאָלעם האָט
איבערגעשריבן פון „טאַלמוד לעשוין רוסיאָ“, האָט א
קרים געטאָן מיט די ליפּן און האָט מיט ביטל ארויס=
געזאָגט: „יערונדא“. דעם יונגנמאַן מיטן פּאַרקײַלעכדיקטן
שוואַרצן בערדל האָט עס פאַרדראָסן, פאַרוואָס זאָל
ארנאָלד דערנידעריקן דעם אווטאָריטעט פון אזא פײַנעם
מענטשן, ווי שמועל=יויסעף פין, דעם רעדאַקטאָר פון „האַ=
קאַרמעל“.

— א שלעכטער לאָשן אַוואַדע? פין קען אַוואַדע קיין
גראַמאַטיקע ניט, הא? און וואָס איז ווערט דער
?есмь ваш

— אומגליקלעכע יעשיוועבאָכערים, אווטאָדידאַקטן,
אויוונקראַצערס, פּוסטע מעליצעניקעס, קליינשטעטלדיקע
ריטאָריקער, וואָס האָט איר צו דעם יינגל? ווייניק טויגע=
ניכצן זײַנען בא אונדז פאַראַן אין „האַמײַליץ“ און „האַ=
קאַרמעל“? פאָלגט מיך, רעב נאָכעם, איר האָט א ווײַל

ייִנגל, פּאַטערט אים ניט אַוועק און גיט אים אָפּ אין דער „אויעזדנער".

„אַ מאָדנער מענטש איז דער אַרנאָלד! און דער איז דאָס געווען פון די אָפּטע אַרײַנגייער צו נאָכעם ראַבינאָוויטשן. זײַן אַרײַנגיין איז אָבער געווען ניט ווי דאָס אַרײַנגיין פון די איבעריקע מאַסקילים. ער איז אַרײַנגעקומען ניט גלאַט פּלאַפּלען... נאָר אָדער מיט אַ בוך, וואָס קיינער האָט דאָס נאָך ניט געזען, אָדער מיט אַ בלאַט „קיִעווליאַנין", אָדער מיט אַ טײַנע צו דער שטאָט און צו אירע רעדלפירער. שאָלעם האָט פאַר אים געהאַט מער רעספּעקט, ווי פאַר אַלע אַנדערע. ער איז ניט אָפּגעטראָטן פון אים, געקוקט אים גלײַך אין מויל אַרײַן און אײַנגעהערט זיך, ווי אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס רעדט. אָט דאָס איז דער אַרנאָלד, וואָס וועט אָפּגעבן דעם „עקזאַמענט" און וועט זײַן אַ נאָטאַריוס? אָט דאָס איז דער אַרנאָלד, וואָס שרײַבט אין „קיִעווליאַנין", נאָר ער וויל זיך ניט פּאַטשקען די הענט? צו וואָס דאַרף מען זיך פּאַטשקען די הענט, אַז מע שרײַבט אין „קיִעווליאַנין"?.. און ער לאָזט קיין אויג ניט אַראָפּ פון אַרנאָלדן... און אַ צינגעלע — שאַרף ווי אַ גאָלמעסער! פעך און שוועבל! רעדט אַל אדוינוי וועאַל מעשיכוי! לאַכט אָפּ פון די כּסידים, מאַכט אַ טעל פון די „פאַנאַטיקער". „ערלעך דאַרף מען זײַן — וואָס טויג מיר פרומקײַט? מע איז אײַך מויכל אײַער פרומקײַט, זײַט בעסער ערלעך!" — און

זײַנ שארפער גיפטיקער געלעכטער הילכט אָפּ ווײַט־ווײַט!״

— איכ זאָג אײַכ! אונ אז ער וועט גײנ שאבעס אינ „אויעזדנע“ איז וואָס? — האָט ארנאָלד ווידער גערעדט צו נאָכעמ ראבינאָוויטשנ.

די שטיפמאמע, וואָס איז געזעסנ אינ א צווייטנ צימער אונ האָט געהערט דעמ געשפּרעכ פונ די געסט אינ זאל, האָט עס ניט געקענט פארטראָגנ, איז צוגעלאָפנ צו דער טיר פונ זאל א פארסאָפּעטע אונ אויסגעשריגנ:

— הענ א ראָליע, מער גײט אימ ניט אָפּ, ווי „אויעזדנע“, גאָר א קלאסניק ווערנ, גאָר ווײניק געלט קאָסט אָפּ דאָס פּאפּיר, גאנצע פודנ פּאפּיר גײט אוועק אפּ זײַנ פּאטשקענע, צעשריבנ זאָל זײ ווערנ די הויט! א טויווע טוט מענ אימ! ער גײט דאָכ ארומ ווי א לײמענער גוילעמ, א פארטראכטער, א פארכאָלעמטער, דער שלימאזל! אז אלצ איז בא אימ פארקערט: אז מע זאָגט אימ, גײ צו לײזער־דאָווידנ נאָכ ראָזינקעס, פרעגט ער איבער: צו דאָוויד־לײזערנ? אז אלצ איז בא אימ פארקערט! גײ שוינ ארויס אפּ דער גאס אפנ בענקעלע, זע, טאָמער פאָרט אנ אוירעכ, א גאנצנ טאָג קײנ אוירעכ ניט געווענ.

שאָלעמ איז געשווינד אוועקגעלאָפנ אפּ דער גאס. אינ שטוב זײַנענ איבערגעבליבנ די געסט, וואָס האָבנ זיכ געאמפּערט מיט ארנאָלדנ, וועלכער האָט שטארק פארטײדיקט ליליענבלומס ארטיקל פונ „האמײליץ“ אונ זײַנ אײגענעמ פאָרשלאָג אָפּצוגעבנ שאָלעמענ אינ „אויעזדנע“.

דאָס ערשטע הומאָריסטישע ווערק

דער יאָכ, וואָס די שטיפמאמע האָט אָנגעטאָנ אפ שאָלעמענ, איז געווענ אומדערטרעגלעכ פאר זײַנ פריילעכנ, לוסטיקנ כאראקטער. די שטיפמאמע האָט פארפאָלגט די קינדער פונ איר מאנ ניט בלויז מיט קלעפ און מיט הונגער, זי האָט זיי אויכ פארפאָלגט מיט קלאָלעס. אפ קלאָלעס איז די שטיפמאמע געווענ א מײַסטערנ, א קינסטלערנ. זי פלעגט זיי אויסשיסנ מיט א ריטמ און אינ גראמענ. די דאָזיקע „שאפונג“ פונ דער שטיפמאמע האָט נאָכ מער דערגידעריקט און פארומערט דאָס קינדישע הארצ שאָלעמס, איידער די אָפטע קלעפ, וואָס זי פלעגט אימ שענקענ.

נאָכ פרומע דער מוידס זײַנענ פאר דעמ צוקינפטיק: גענ:אלנ יִדישנ הומאָריסט דער שטיפמאמעס קלאָלעס געווענ דער צווייטער קוואל פונ קאָמיזמ, און גאנצ אָפט פלעגט איר שאָלעמ נאָכמאכנ, ווי:אזוי זי רעדט ארויס די קלאָלעס, אָבער די קלאָלעס האָבנ זיכ שוינ צופיל אײַנגעגעסנ אינ אימ, צופיל געשניטנ איבער זײַנ קינדיש הארצ. זי, די שטיפמאמע, האָט שאָלעמ ניט געהאט קיינ דרייסטקײַט נאָכצוקרימענ אזוי פרײַ, ווי פרומע די מויד. האָט ער אָבער פאָרט געקראָגנ א מיטל, ווי:אזוי דאָכ אויסלאכנ אירע קלאָלעס און שוינ גאָר אפ א נײַעמ אופנ.

צו פרומע דער מוידס קלאָלעס האָט שאָלעמ אָנגעווענדט

אקטיאָרישע מיטלענ. איצט אָבער הייבט שוינ שאָלעמ אָנ אפ א פרימיטיוונ קינדישנ אויפנ אָנצוווענדנ צו זײַנ שטיפמאמע אזוי צו זאָגנ „ליטעראַרישע“ מיטלענ.

עס איז שוינ געווענ שפעט אינ דער נאכט. אינ אײַנפאָר-הויז זײַנענ שוינ אלע געשלאָפנ. אינ זאל איז ארומגעגאנגענ נאָכעמ ראבינאָוויטש, פארלייגט די הענט אפ הינטער, פארקנייטשט זײַנ געלנ שטערנ אונ האָט וועגנ עפעס געטראכט. די קינדער זײַנענ שוינ אויכ אלע געשלאָפנ, בלויז שאָלעמ איז געזעסנ באמ טיש אונ האָט געשריבנ אונ איבערגעשריבנ.

פונ די צימערנ פאר די אָרכימ האָט זיכ געהערט א כראָפענ פונ די שלאָפנדיקע, אָפטמאָל פלעגט זיכ אפילע דערטראָגנ א ביטערער זיפצ אונ אנ אוי. דאָרט זײַנענ געווענ קראנקע אָרכימ, וואָס זײַנענ געקומענ פונ די נאָענטע שטעטלעכ קיינ פערעיאסלאוו צו א דאָקטער. א טיפער זיפצ אונ א שטארקער אויסגעשריי האָט איבערגעריסנ נאָכעמ ראבינאָוויטשעס געדאנקענ. ער האָט אופגעהערט אומצוגיינ איבערנ צימער אונ האָט זיכ אָפגעשטעלט. ער האָט זיכ דערמאָנט אפ די אויקעניִשנ אונ קרעכצענישנ, וואָס האָבנ זיכ אָקאָרשט מיט א יאָר צוריק געהערט אינ דער זעלביקער שטוב, ווענ זײַנ פארשטאָרבענע פרוי בײַע-עסטער איז קראנק געווענ. אונ ער האָט א קוק געטאָנ אפ שאָלעמענ, וואָס זײַנ פאָנעמ איז געווענ אזוי ענלעכ אפ זײַנ מוטערס.

עס האָט אים שטאַרק האַנאָע געטאָנ, נאָכעמ ראַבינאָוויטשנ, וואָס שאָלעמ האָט אזא געפיל צומ שרײַבנ אונ אזא שיינ הענטל. אונ ער איז צוגעגאַנגענ א קוק געבנ, וואָס שרײַבט שאָלעמ, אָט דער, וואָס זײַנ פאָנעמ דערמאָנט אימ אַלע טאָג אָנ זײַנ פאַרשטאָרבענער פרוי בײַעסטער.

אונ נאָכעמ ראַבינאָוויטש האָט דערזענ גאַנצע צײַלנ אָנגעשריבענע ווערטער אונ אַנטקעגנ זיי אפ דעמ זעלביקנ פאַפיר גאַנצע שורעס. דאָס האָט שאָלעמ געמאַכט א ווערטערבוכ פונ דער שטיפמאַמעס קלאָלעס, וואָזוי די שטיפמאַמע ענטפערט אימ אונ זײַנע ברידער אונ שוועסטער מיט א קלאָלע צומ גראַמ. ער האָט שוינ געהאַלטנ גאַנצ ווײַט אינ זײַנ ווערטערבוכ, וואָס איז געווענ צעשטעלט לויטנ אַלעפבייז. אונ נאָכעמ ראַבינאָוויטש האָט גענומענ לייענענ מיטנ קוק:

„...אַרײַנטראָגנ — אַרײַנטראָגנ זאָל מענ דיכ א קראַנקנ!

אַרויסטראָגנ — אַרויסטראָגנ זאָל מענ דיכ א טויטנ!

אַרומטראָגנ — אַרומטראָגנ זאָל מענ דיכ אפ די הענט!

אוועקטראָגנ — אוועקטראָגנ זאָל מענ דיכ אפנ בעסוילעמ!

. . . .

עסנ — עסנ זאָלג דיכ ווערעמ!

. . . .

שרײַבנ — שרײַבנ זאָל מענ דיר רעצעפּטנ!“

אָט אזא מינ ווערטערבוכ האָט שאָלעמ צונויפגעשטעלט, קעדיי אויסצולאכנ זײַנ בייזע שטיפמאמע. נאָכעמ ראבינאָוויטש האָט אָפגענומענ בא שאָלעמענ זײַנ ערשט הומאָריסטיש ווערק אונ איז אוועק. א גאנצע נאכט איז שאָלעמ ניט געשלאָפנ. עס האָט זיכ אימ אלצ פאָרגעשטעלט, אז אָט דערלאנגט זיכ צו אימ א וואָרפ די שטיפמאמע, אז עס עפנט זיכ איר מויל אונ זי שיט מיט קלאָלעס, שטעלט אויס די פויסטנ, שטשירעט די ציינער אונ לאָזט זיכ נאָכ אימ יאָגנ.

אָט וואָס פאר אנ אטמאָספער ס'האָט ארומגערינגלט שאָלעמ-אלייכעמענ אינ דער קינדהייט. שטענדיקע שרעק, דערנידעריקונגענ פונ דער שטיפמאמע. ער האָט אָבער שוינ אפילע אינ דער קינדהייט געפונענ א מיטל, וויאזוי בײַצוקומענ דעמ אומעט אונ דעמ טרויער, וואָס האָט ארומגערינגלט זײַנ פאָטערס פאראָרעמט הויז. דאָס איז געווענ דער פאָלקס-הומאָר.

דער ווערטערבוכ פונ דער שטיפמאמעס קלאָלעס איז געווענ שאָלעמ-אלייכעמס ערשטע קינדערשע שאפונג. אינ דער קינדהייט האָט שאָלעמ-אלייכעמ אויכ אָנגעשריבנ א לירישע פאָעמע אינ העברייִש, ווי ער האָט נאָכגעמאכט דעמ העברייִשנ ראָמאנטיקער פונ XIX יאָרהונדערט א. מאפו.

ארנאָלד פונ די פּידוואָרקעס אונ דער קאָלעקטאָר

ארנאָלדס פונ די פּידוואָרקעס שמועס מיט שאָלעמס פּאָטער וועגנ דער „אויעזדנער“ האָט אופּגערעגט שאָלעמס פאנטאזיע, אונ ער האָט אלצ געטראכט וועגנ דעמ. ארנאָלד האָט אויכ ארויסגערופנ בא שאָלעמענ א גרינגשעצונג צו די אווטאָריטעטנ, וואָס האָבנ טויזנטער יאָרנ געהערשט איבער דער דערציִונג פונעמ קינד בא ייִדנ.

איינמאָל איז ארנאָלד פונ די פּידוואָרקעס געקומענ צו לויפנ מיט א גראָבנ בוכ: „נאט, זעט, וואָס דרעפּער זאָגט אפּ אײַער ראמבאמ! דער ראמבאמ איז געווענ הויפּדאָקטער באמ טערקישנ סולטאנ דרײַצנ יאָר. האָט ער זיכ צוליב דעמ געשמאדט, דרײַצנ יאָר געווענ א טערק. אײַער ראמבאמ, אײַער „מוירע נעוווכימ“ — וואָס וועט איר הײַנט זאָגנ?“...

דער מײַמאָניד — א ייִדישער פּילאָסאָפ פונ מיטלאלטער, וואָס האָט זיכ געסטארעט אויסצוטײַטשנ די ייִדישע מיטאָלאָגיע אונ די ביבל לויט דער לערע פונ דעמ אלטנ גריכישנ פּילאָסאָפ אריסטאָטעל, איז געווענ דער גרעסטער אווטאָריטעט בא די מאסקילישע שרײַבער, וועלכע גאָכעמ ראבינאָוויטש האָט הויכ געשעצט.

ארנאָלד, וואָס האָט זיכ אזוי געסטארעט, אז שאָלעמ זאָל אוועקגיינ אינ דער אויעזדנער שול, אז ער זאָל דאָרטנ

לערנענ וועלטלעכע קענטעענישנ, איז שוינ ניט געווענ קיינ אמאָליקער מאסקיל. ער האָט שוינ געהערט צו דעם דאָר פונ דער יידישער אינטעליגענצ פונ XIX יאָרהונדערט, וואָס האָט פונ זיכ ארויסגעגעבנ דעם פובליציסט אונ קריטיקער פונ די 60-ער יאָרנ אווראָם-אורי קאָוונער, וועלכער איז געווענ דערצויגנ אפ די טראדיציעס פונ דער רוסישער ליטעראטור פונ די 60-ער יאָרנ.

צו נאָכעמ ראבינאָוויטשנ אינ איינפאָר-הויז פלעגט ארײנקומענ אויכ איינער א ליטוואק פונ ווייסרוסלאנד. דאָס איז געווענ א מאסקיל, וואָס האָט אוועקגעוואנדערט פונ דער היימ אונ זיינ באשעפטיקונג איז געווענ פארשפרייטנ בילעטנ פונ געלט-לאָטערייענ.

דער דאָזיקער ליטוואק איז געווענ א מאסקיל פונ לעווינזאָנס — גאָטלאָבערס ביידער. ער האָט גוט געקענט אונ פארערט די העברייִשע האסקאָלע-ליטעראטור אונ אירע אווטאָריטעטנ. אָבער אינ דער זעלבער צייט האָט ער זיכ געהאלטנ אויסערלעכ בא די אלטע רעליגיעז-שטייגערישע טראדיציעס. ער איז געגאנגענ מיט א באָרד אונ פייעס אונ געטראָגנ א לאנגע קאפאָטע. ער האָט געגלייבט אינ גאָט אונ זיכ באמיט צו פארייניקנ די יידישע רעליגיע מיט אייניקע ראציאָנאליסטישע עלעמענטנ.

אָט דער ליטוואק, אָדער, ווי מע האָט א'מ גערופנ אינ פערעיאסלאוו, דער קאָלעקטאָר, איז געווענ א ביז גאָר צוגעלאָזטער מענטש אונ האָט ליב געהאט קינדער. ער

איז נאָכ נאָכעמ ראבינאָוויטשנ געווענ דער ערשטער, וואָס האָט באקאנט שאָלעמענ מיט די בעסטע שאפונגענ פונ דער העברעייִשער ליטעראטור פונ XIX יאָרהונדערט.

שטענדיק, ווענ דער קאָלעקטאָר פלעגט ארײַנקומענ צו נאָכעמ ראבינאָוויטשנ אינ שטוב, פלעגט שאָלעמ לויפנ אימ אנטקעגנ א קוק טאָנ, וואָס פאר א ביכל דער קאָלעקטאָר האָט אימ הײַנט געבראכט.

דער קאָלעקטאָר פלעגט אופהייבנ זײַנע שווארצע ברילנ אריבער זײַנע קרענקלעכע אויגנ אונ פרעגנ: „וווּ איז דאָס דער קונדעס?“ אזוי פלעגט ער רופנ שאָלעמענ.

דער קונדעס פלעגט שוינ אָבער שטיינ לעבנ אימ. דער קאָלעקטאָר פלעגט א קניפ טאָנ שאָלעמענ פארנ בעקל אונ דערלאנגענ אימ א בוכ.

— אָט האָסטו דיר דעמ „שירײ טיפערעס“ פונ נאפטאָלי-הערצ ווײַזל, א גרויסער מעשווירער פונ פרײַסנ. דו זאָג מיר נאָר, צי דו פארשטייסט, וועל איכ דיר ברענגענ אנדערע. דו שעמ זיכ ניט, קונדעס אייגנער.

אונ אזוי האָט אימ דער קאָלעקטאָר ביסלעכווײַז באקאנט געמאכט מיט לעווינזאָנענ, מיט מאפו, מיט ערטערנ אונ מיט סמאָלענסקינענ.

א שטארקע ווירקונג האָט געהאט אפ שאָלעמ-אלייכעמענ אינ דער קינדהײַט מאפוס ראָמאנ „אהאוואס ציִענ“. דאָס איז א ראָמאנ, געשריבנ אינ דער ביבלישער מעליצע-שפראכ, וועגנ אנ אומגליקלעכער ליבע פונ א ברו-

דער מיט א שוועסטער — אמנויג אונ טאָמאָר. דאָס לעבנ פונ דער ביבלישער עפּאָכע איז פאָרגעשטעלט אינעם ראָמאנ ווי א לעבנ אָנ זאָרג, ווי א גליקלעכ לעבנ אָנ ליידנ, ווי א לעבנ, וואָס ווערט שטענדיק באגלייט פונ געזאנג אונ מוזיק. די דאָזיקע פאלשע אידעאליזאציע פונ דער ביבלישער עפּאָכע האָט אומגעהייער געווירקט אפ שאָלעמענ אונ נאָכ מער אונטערגעשטראָכנ דעם שרעקלעכנ עלנט פונ זײַנ אייגנ לעבנ אונטער דער הערשאפט פונ דער שטיפמאמע בא זײַנ טאטנ אינ אײַנפאָר=הויז.

דער דאָזיקער ראָמאנ פונ מאפּו האָט אזוי געווירקט אפ שאָלעמענ, אז ער האָט אליינ אָנגעשריבנ א ראָמאנ, אויכ אפ א ביבלישער טעמע. דאָס איז געווענ פאר שאָלעמענ א צווייטע אופלאקערונג פונ זײַנ פאנטאזיע ווענג דעם אויצער, א פאנטאסטיש אוועקגיינ פונ דער ווירקלעכקײַט.

אָנשרײַבנ דעם ראָמאנ איז פאר שאָלעמענ ניט געווענ אזוי שווער, ווי קריגנ פאפּיר צום שרײַבנ. שאָלעמ האָט זיכ גענומענ באדינענ די אָרכים, פאָלגנ זיי א גאנג אונ האָט דערפונ פארדינט קליינגעלט אפ פאפּיר. ער האָט שוינ געקראָגנ פאפּיר, אָבער די שטיפמאמע שטערט ווידער. זי וועט אימ ניט לאָזנ שרײַבנ באטאָג. ער דארפ העלפנ אינעם אײַנפאָר=הויז. האָט ער זײַנ ראָמאנ געשריבנ בא נאכט. באנאכט האָט די שטיפמאמע ווידער געמאכט א גוואלד. ער ברענט איר אויס דעם קעראָסינ.

אויב דער צווייטער ליטעראַרישער פּרוּוו איז אַרײַנגעפאַלן צו נאָכעם ראַבינאָוויטשן אין די הענט. דאָס האָט נאָך מער אויסגענומען, ווי דער ווערטערבוך פון די קלאָלעס. און נאָכעם ראַבינאָוויטש האָט עס באַהאַלטן און פלעגט עס ווײַזן זײַנע באַקאַנטע. אין א געוויסער צײַט אַרום האָט ער עס געוויזן דעם קאָלעקטאָר.

דער קאָלעקטאָר האָט שטאַרק אָנגעקוואָלן פונעם קסאַוו און פון דער ריטאָריק און האָט מיט סימכע געזאָגט:

„— איר ווייסט גאָרניט, רעב נאָכעם, וואָס פאַר א פּײַרע דאָס איז! שטראָף מיך גאָט, אויב איר ווייסט! פון אים וועט עפּעס אויסוואַקסן! אָט וועט איר זען, וואָס פון אים וועט אויסוואַקסן!.. קום נאָר אַהער, דו שייגאַץ אײנער, לאָמ איך דיר שענקען באַטש נאָך א רעכטן קניפּ אין דײַנע רויטע פּאַמפּעשקעס, א רוער אין דײַן פאָרנט און מיטן אַרײַן!"

— איר וועט זען, אַז דאָס וועט זײַן א גאָדל, א צעדערבוים, א גאָטלאָבער, א מאַפּו, — האָט דער קאָלעקטאָר ווידער צוגעגעבן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז צו נאָכעם ראַבינאָוויטשן אין שטוב געקומען אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס. און נאָכעם ראַבינאָוויטש האָט אויך איצטער געפונען פאַר נייטיק צו ווײַזן אַרנאָלדן שאָלעמס ראָמאַן. אַרנאָלד האָט גאָר ניט געוואָלט א קוק טאָן די שאַפונג פון זײַן פרײַנטס זון. ער האָט עס בלויז א נעם געטאָן אין האַנט און

האָט עס באלד צוריקגעקערט נאָכעמ ראבינאָוויטשנ. ווידער האָט ארנאָלד געמאכט די זעלביקע גרימאסע מיט די ליפנ, גלײַכ ווי דעמלט, ווענ מע האָט אימ געוויזנ דעמ רוסישנ בריוו, וואָס שאָלעמ האָט איבערגעשריבנ פונ „טאלמוד לעשוינ רוסיאָ“.

ארנאָלד האָט ווידער גערעדט מיט קאס אפ די שרײַבער פונעמ „האמייליץ“, האָט זיי אָנגערופנ דילעטאנטנ, איגנאָראנטנ, מעלאמדימ אונ באטלאָנימ. ארנאָלד האָט געגעבנ צו פארשטיינ, אז דער איקער איז, לויט זײַנ מיינונג, ניט פּאָעזיע אונ שיינע ליטעראטור, נאָר נאטורגעשיכטע אונ עקאָנאָמישע וויסנשאפטנ.

— אויב שוינ פּאָעזיע, האלט ער, ארנאָלד, פונ פּושקינענ, פונ גאָגאָלנ, פונ טורגעניעווג אונ פונ לערמאָנטאָוונ, אָבער ניט פונ גאָטלאָבערס, צווייפלס אונ אנדערע, וואָס בראָקנ מעליצע אפ א שפּראכ, וואָס קיינער פארשטייט ניט אונ קיינער רעדט אפ איר ניט. „די שרײַבערײַצנ זײַנע בינ איכ אײַכ מויכל, נעמט, ווארפט זיי ארויס אפנ מיסט. אזעלכע שרײַבערײַעכצנ זײַנענ ניט ווערט דאָס פּאפּיר. אונ דעמ קליינעמ, אויב איר ווילט אימ מאכנ פאר א מענטשנ, נעמט אונ גיט אימ אוועק אינ דער „אויעזדנע“.

קאפיטל דרײַ

אָנגעקומענ אינ דער „אויעזדנע“

דער קאָלעקטאָר אונ ארנאָלד פונ די פידוואָרקעס האָבנ געווירקט אפ נאָכעמ ראבינאָוויטשנ, ער זאָל אָפגעבנ זײַנ זונ שאָלעמ אינ א רוסישער שול. דער גליקלעכער טאָג פונ אוועקגיינ אינ דער אויעזדנער שול אינ פערעיאסלאוו איז ענדלעכ אָנגעקומענ פאר שאָלעמענ. איינמאָל האָט זיכ נאָכעמ ראבינאָוויטש אזוי געווענדט צו שאָלעמענ אונ צו זײַנע ברידער:

— איכ בינ געווענ באמ סמאָטריטעל פונ דער „אויעזדנע“, אונ ער איז מאסקימ אײַכ צונעמענ אינ „פריגאָטאָוויטעלנע“.

אונ אינ א האלב שאָ ארומ איז שאָלעמ מיט זײַנע צוויי ברידערלעכ געזעסנ אינ פריגאָטאָוויטעלנע פונ דער פערעיאסלאווער שול. דאָס איז געווענ אינ יאָר 1874.

די ערשטע צײַט האָט זיכ שאָלעמ אינ דער „אויעזדנע“ געפילט שלעכט. דאָס איז געווענ א צארישע שול, וואָס די גרונט־אופגאבע אירע איז געווענ צו דערציִענ

די קינדער אין מאָנארכיסטיש־קלעריקאלן גייסט. יידישע יינגלעך איז דאָרט געווען גאָר ווייניק, און ניט איין מאָל איז שאָלעם די ערשטע צייט געווען אן אָביעקט פון אָפּ־לאכן מיצאד די לערער, אָבער שפּעטער איז שאָלעם גע־וואָרן איינער פון די בעסטע שילער אין שול און האָט אפילו באקומען א סטיפּענדיע.

אין דער דאָזיקער שול האָט שאָלעם געהאט א מעג־לעכקייט גרינטלעך אויסצולערנען די רוסישע שפּראך. און די רוסישע שפּראך האָט פאר אים געעפנט א נייע וועלט, וואָס איז געלעגן אויסער די גרויע, אָנגעכמורע־טע ווענט פון דער צארישער שול. באהערשנדיק די רו־סישע שפּראך, האָט שאָלעם מיט פלייס גענומען זיך צו באקענען מיט דער רוסישער ליטעראטור, וואָס אין דער דאָזיקער שול האָט מען זי אפילו גאָר ניט געלערנט. אין די דריי יאָר, וואָס שאָלעם איז אָפּגעווען אין דער „אוי־יעזדנע“, פלעגט ער דעם אנדער האלבן טאָג אָפּגעבן זיך מיט לייענען די רוסישע ליטעראטור, די קלאסיקער און די מיטצייטלער, — אזוי אויך די העברעיִשע ליטערא־טור און פּרעסע און די יידיש־רוסישע זשורנאלן און זאמלביכער.

א מייסע־ביכל וועגן אייזנבאן

אויב שאָלעם האָט פיל געלייענט פון דער העברעיִשער ליטעראטור, פון דער רוסישער, האָט ער אָבער ביז אכצן

יאָר קיינמאָל ניט געזענ קיינ איינ וועלטלעכנ, קיינ איינ קינסטלערישנ בוכ אינ דער יִדישער שפּראכ.

אינ די זיבעציקער יאָרנ פונ פאָריקנ יאָרהונדערט איז שוינ, עמעס, די יִדישע ליטעראטור געווענ שטארק אנטוויקלט. די יִדישע ליטעראטור האָט שוינ געקאָנט אָנציילנ פיל שרייבער, אונ צווישנ זיי אזוינע, ווי עטינגער, אקסענפעלד, גאָטלאָבער, לינעצקי, גאָלדפאדנ אונ אנדערע. עס איז שוינ געקומענ אינ דער ליטעראטור מענדעלע מויכער-ספאָרימ. אָבער א בוכ אינ דער יִדישער שפּראכ איז דעמלט געווענ גאָר ווייניק געאכטעט צווישנ די העכערע שיכטנ פונ דער יִדישער געזעלשאפט אונ אפילע צווישנ די מאסקילימ.

א יִדיש ביכל אינ פּערעיאסלאוו האָט געקאָנט פארשלעפּט ווערנ מיט א פּעקל רומל-ספאָרימ (רעליגיעזע ביכער), וואָס פלעגנ אינ די הונדערטער טויזנטער עקזעמפּליארנ נאָכ דעמלט געדרוקט ווערנ אינ דעמ פארלאג פונ די בריִדער ראָמ אינ ווילנע. דער פארלאג פלעגט שוינ דעמלט אויכ ארויסגעבנ פארשיידענע אנאָנימע הומאָריסטישע פאָלקס-ביכלעכ. עס זיינענ דעמלט פונ דעמ דאָזיקנ פארלאג ארויסגעגעבנ געוואָרנ גאנצע ביבליאָטעקנ אנאָנימע קאָפּעקע-ביכלעכ. די מערהייט פונ אָט די דאָזיקע ביכלעכ האָט, עמעס, געטראָגנ א קלעריקאלנ כאראקטער, אָבער צווישנ זיי פלעגנ זיכ אויכ טרעפנ אזוינע, וואָס פלעגנ אויסלאכנ דעמ קלעריקאליזמ. צווישנ די ביכ-

לעכ איז ווערט צו דערמאָנענ א קאָפּעקע=אויסגאבע „יויסעפּ לאָקש“ — א זאמלונג פאָלקלאָרישע נאָוועלעס מיט א צענטראלער קאָמישער געשטאלט פונ א ראָוו מיטנ נאָמענ יויסעפּ לאָקש.

עס זיינענ ארומגעגאנגענ צווישנ דער יידישער באפעלקערונג אויכ אנאָנימע הומאָריסטישע ביכלעכ וועגנ דער אייזנבאנ, וואָס איז נאָכ דעמלט געווענ א נייס אינ רוסלאנד.

זיינ ערשטע באקאנטשאפט מיט דער הומאָריסטישער ליטעראטור האָט שאָלעמ באקומענ פונ די אנאָנימע פאָלקס=ביכלעכ.

אינ די לאנגע ווינטערדיקע נעכט פלעגנ זיכ אפּ דער אכסאניע פונ נאָכעמ ראבינאָוויטשנ אופּקלייבנ זיינע פריינט. מע פלעגט מאכנ א שאָכ אונ נאָכדעמ פלעגט דער באלעבאָס פאָרלייענענ א הומאָריסטיש=פאָלקלאָריש ביכל, פונ וועלכנ אלע פלעגנ זיכ האלטנ פאר די זייטנ לאכנדיק, קאטשענ זיכ פאר געלעכטער. דער אוילעמ איז צופרידנ אונ דריקט אויס זיינ צופרידנקייט דערמיט, וואָס ער שילט גוטברודעריש דעמ אווטאָר. „אָט א יימאכשמויניק! א קאָלבויניק! א מאמזער! א רועכ אינ זיינ טאטנס טאטנ אריינ“.

פונ אָט דעמ דאָזיקנ מינ ביכלעכ, וואָס אזוינע פלעגט נאָכעמ ראבינאָוויטש פאָרלייענענ נאָכ אינ וואָראָנקאָ, האָט שאָלעמ זיכ דאָס ערשטע מאָל באקאנט מיט איינעמ פונ

די גרונט־עלעמענטנ פונעמ ייִדישנ פאָלקלאָר־הומאָר, וועלכנ ער האָט שפּעטער געטראָפנ בא פערלענ אינ „מעגאלע טמירינ“ אונ וועלכנ ער האָט שפּעטער אזוי מײַסטעריש דערהויבנ אינ זײַנ „טעוויע דעמ מילכיקנ“. דאָס איז דער הומאָר פונ דער מאקאראָניזמענ־שפּראכ אונ פונ אויסטײַטשנ פּסוקימ.

איינס פונ די אנאָנימע פאָלקלאָר־ביכלעכ, וואָס שאָלעמ־אליינכעמ האָט זיכ דורכ זיי קינדווײַז באקאנט מיט דעמ ייִדישנ פאָלקס־הומאָר, האָט געהייסנ:

דער צווייטער אײַזנ באנד (אײַזנ־באנ) פונ זארביניצ קיינ יורקאצ פונ כאַ:מ יאָסילעס. סטאָליר מעסאקילענ. די ערשטע טייל, זיטאָמיר, 1874.

כאַ:מ יאָסילעס, סטאָליר מעסאקילענ — דאָס איז געווים געווענ א פּסעוודאָנימ פונ א פרייִלעכנ יונג, א מאסקיל, וואָס האָט אָנגעשריבנ א לוסטיק ביכעלע אונ האָט זיכ געשעמט אונטערצושרײַבנ זײַנ נאָמענ. דער דאָזיקער סטאָליר מעסאקילענ האָט אינ זײַנ ביכל דעריקער געגעבנ דאָס קאָמישע אונ ניט דאָס הומאָריסטישע.

אונדזער געניאלער הומאָריסט האָט געווים געהערט ניט איינ מאָל בא זײַנ פאָטער אינ שטוב צווישנ זײַנ פאָטערס באקאנטע אָט די דאָזיקע וויצנ. אָבער אָט דאָס ביכעלע איז געווענ דאָס ערשטע, וואָס האָט דעמ שילער פונ דער פּערעיאסלאווער אויעזדנער שול אפּ א האמעטנעמ אויפג

דערציילט, אז אָט די אלע וויצנ אונ שפּיצנ, פונ וועלכע מע קאטשעט זיכ אזוי פאר געלעכטער, קאָנענ אויסגענוצט ווערנ ניט נאָר פארנ מינדלעכנ הומאָר, נאָר אויכ פארנ ליטעראַרישנ.

אינ דעמ דאָזיקנ ביכל, אזוי אויכ אינ א צווייטנ ביכל פונ דעמ „סטאָליר מעסאקוילענ“ מיטנ נאָמענ „באָרוכ שעפּאָטראני“, האָט שאָלעמ־אליכעמ צוערשט געזעענ, ווי אזוי עס קאָנענ ווערנ „העלדנ“ פאר א ביכל ניט בלויז די ביבלישע אמנוינ אונ טאָמאָרס, נאָר אויכ מענטשנ פונ דער ווירקלעכקײַט, קליינע מענטשעלעכ מיט קליינע האסאָגעס, אשטייגער, פײַטל זלאָדיעווקער, ארנ־לעמל האצעדראָיעווקער, שימענ־פײַטל גראָביאנאָווקער, אָשער־גימפּל שמאראוואָז, רעב זיידל טראסק, רעב שמועל פליאסק, רעב יעקל קאָזשאק, איצי פּאק, באָרעכ דריידל, ארנ ווײַדל, בערל נאָז, בענדעט בארימאלע, איציק פאכאָליע, באָרעכ בערדעלע, יוצכאָק פערדעלע, יאָסל הייער, בערל דרייער, שמײַע טײַוול, דאָוויד זײַדל, יעקל בעקער, אורעמל לעקער אאוו.

א מײַסע־דערציילער

בא זײַנ טאטנ אינ דער אכסאניע האָט דער צוקינפטיקער שאָלעמ־אליכעמ געקענט אויכ באגעגענענ ניט איינ מײַסע־דערציילער. ער האָט דאָרטנ געקענט הערנ ניט איינ

וויצ, וואָס פלעגט דערציילט ווערנ אינ נאָמענ פונ די באַרימטע ייִדישע וויצלינגענ הערשעלע אָסטראָפּאָליער, שײַקע פײַפער אונ אַנדערע.

געווים האָט ער נאָכ אויכ אינ זײַנ קינדהײַט געהערט פאַרשיידענע מײַסעס, גוזמעס פונ „ליגנער“, שאַקראַנימ, וואָס האָבנ ליב געהאַט צו דערציילנ פונ ניט געשטויגענע, ניט געפלויגענע פּאַסירונגענ, וואָס האָבנ זיכ, קלוימערשט, געטראָפנ טאַקע מיט זיי, מיט די דערציילער פאַנטאַזיאָרנ גופע.

באַזונדערס פלעגט דערציילנ אַזוינע ניט געשטויגענע, ניט געפלויגענע מײַסעס דער מאַנ פונ דער ליטע, וועלכער פלעגט צוליב זײַנע איניאַנימ אַרומפאָרנ איבער די שטעט אינ אוקראַינע.

אינ דעמ גרויסנ צימער, אינ דעמ אַזויגערופֿענעמ „זאַל“, וווּ עס פלעגנ עסנ די אָרכימ, איז הײַנט פריילעכ, עס איז שוינ טיפער אָוונט, עס ברענט דער גרויסער בליצלאָמפּ, באַמ טיש זיצנ אָרכימ. עס זיצט אויכ נאָכעמ ראַבינאָוויטש, שאָלעמ=אַלייכעמס פאָטער. קימאַט אַלע עלטערע קינדער זײַנענ איצטער אַרומ טיש. אַלע לאַכנ אינ דער הייכ אַפּנ קאָל, אונ אַפילע די שטיפמאַמע, כאַנע, זי איז הײַנט אויכ עפּעס אינ אַ בעסערער שטימונג, ווי אַלעמאָל.

לאַכנ לאַכט מענ עס פונ דעמ ליטוואַק, וועלכער זיצט אויבנאָנ, דערציילט מײַסעס אונ גלעט ביימ=מײַסע זײַנ לאַנגע געלע באָרד. ער אַליינ, דער ליטוואַק, לאַכט קימאַט

ווי גאָרניט. ער ווערט שטיל, לאָזט דעמ אוילעמ זיכ אויסלאכנ, פארטראכט זיכ א ביסל, נעמט ארויס פונ בײטעלע דעמ טיטונ אונ שטאָפּט אינ זײנ ליולקע.

אונ ווענ דער געלעכטער ווערט אײנגעשטילט, דער ליטוואק האָט שוינ דעמ טערקישנ ציבעק אינ מויל אונ פּיפּקעט, גיט ער מיטאמאָל א זאָג:

— כ'וויס, דער אוילעמ מיינט, אז דאָס איז א ליגנ, זיי וואָלטנ פרווונ אָבער ארומפאָרנ א וועלט אזוי ווי איכ, זײנ אונטערנ פערד אונ אפנ פערד, וואָלטנ זיי שוינ געווּסט, וואָס פאר א ליגנ דאָס איז. אונ צוריק גערעדט, — גיט דער ליטוואק א פרעג בא די פארזאמלטע, — פארוואָס טאָר מענ קיינ ליגנ ניט זאָגנ? מע נארט אײב עפּעס אָפּ אינ א געשעפט? איר ווערט, כאָלילע, אומגליקלעכ דערפונ? כ'וויס, מע לאכט א ביסל, אונ אויב איר ווילט ויסנ, קענ מענ דאָס אפילע קיינ ליגנ אויכ ניט אָנרופנ: ס'איז זיכ א דימיענ, א פאנטאזיע.

דער ליטוואק דערציילט שוינ א נײע מײסע. זײנ פּאָנעמ איז ערנסט, אונ עס דוכט זיכ, אז ער אליינ טאקע לעבט איבער אָט די אלע גוזמעס, וועגנ וועלכע ער דערציילט.

— פאָר איכ מיר אמאָל ווינטער פונ פּאָטשעפּ קיינ פאהאר. דער שנייי איז געווענ הויכ אונ טיפ, אונ דער פראָסט — א ברענענדיקער. א פערד האָב איכ געהאט — פלאמ־פײער, עק־וועלט! פאָר איכ מיר אָנגעטאָנ אינ א בערנ־פוטער, אונ דער פראָסט בײסט די נאָז. האָב איכ

מיכ אײַנגענורעט אינעמ גרויסנ קאָלנער אונ האָב מיר א ביסל געכאַפּט א דרעמל. מיטאמאָל, עס האָט מיכ דערלאַנגט א הײב אינ דער הײכ, אװאַדע אַפּ צענ קלאַפּטער: פונ שליטנ אינ הימל אַרײַנ איבער די הױכע סאָסנעס, אונ איכ זעצ זיכ װידער אינ שליטנ אונ גיב זיכ װידער א הײב אינ דער הײכ. אונ דאָס פערד — עס לױפט פלאַמפײַער.

איכ הײב זיכ מיר אזוי עטלעכע מאָל א צענ=פופצנ קלאַפּטער די הײכ פונ שליטנ איבער די סאָסנעס אונ פונ די סאָסנעס אינ שליטנ, ערשט, װײ איז מיר אונ װינד איז מיר!

א טשאַטע װעלפ האָבנ ארומגערינגלט דעמ שליטנ, אונ דאָס פערד, נעבעכ, עס דרײט מיטנ האַלדז, עס קלאַפּט מיט די הינטערשטע פיס, עס הירזשעט, אָט עקט עס זיכ!

װאָס זשע טוט מענ מיט דעמ אײגענעמ געפעש? אונ װידער איז דאָכ א ראַכמאָנעס אַפנ פערד אויכ. אַז איכ טו מיר אויס דעמ גרויסנ בערנ=פוטער, שפּאַנ אויס דאָס פערד אונ לאָז זיכ רײַטנדיק אינ דעמ דערבײַיקנ קאָרנ, װאָס איז דאָרט געװאַקסנ.

דער קאָרנ איז געװענ א הױכער, קימאַט װי סאָסנעס, אַפּ א צװײ=דרײַ קלאַפּטער די הײכ, האָבנ שוינ אונדז די װעלפ געזענ א מאַקע! אונ די װעלפ, נעבעכ, האָבנ זיכ א כאַפּ געטאָנ צומ פוטער, אװעקגעשלעפּט אימ איבערנ שנײ. אװאַדע האָבנ זײ זיכ ניט געקענט צעטײלנ מיט

אים און אָנגעכאַפּט איינע די אַנדערע פאַר די גאָרגלען.

ווי מיינט איר, א קאַפּאָרע דער בערג־פּוטער פאַר מיר און פאַרן פערד!

א שטורמישער געלעכטער האָט אויסגעבראָכן אין שטוב.

— סטײַטש, רעב מאָרדכע־יודע, ווי קומען הויכע זאַנגען קאָרן אינמיטן ווינטער אפן פעלד? — האָט איינער אַן אופגעקלערטער יונגערמאַנטשיק מיט אַן אייביקן קאַטער אין נאָז געפרעגט.

— הערסטו, בראַטוניע דו מײַנער, אָט דאָס קען איך דאָך אַדאיעם ניט פארשטיין. עפשער וואָלטן דאָס מיר גאָר די קלאָסניקעס דערקלערט אַלפּי כאָכמעס האַגראַמאַטיקע?

דאָס האָט דער ליטוואַק געצילט אין שאָלעמען דעם קלאָסניק, מיט וועמען עס פלעגט אים זאָסראָוו אויסקומען צו ריידן וועגן דער פּלאַנעטן־סיסטעם. דער ליטוואַק פלעגט דערווײַזן, אַז די זון דרייט זיך אַרום דער ערד, און שאָלעם פאַרקערט, אַז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון.

דער עוילעם האָט געלאַכט, און דער ליטוואַק איז נאָך מער אַרײַן אין היץ, עס האָט זיך נאָך מער צעשפּילט זײַן פאַנטאַזיע. און איצטער האָט ער שוין דערציילט וועגן דער מעכטיקײַט פון זײַן פערד.

— הערט איר, — האָט דער ליטוואַק אָנגעהויבן, —

וואָס עס האָט אַמאָל פּאַסירט מיט דעמ פערד מײנעמ און ווי עס האָט מיר געראַטעוועט אַנ איגיענ.

איך פאָר מיר אַמאָל צו אַ גראַפ אָפּענדיקנ וועגנ אַנ איניענ. דערוויס איך זיך, אַז אויב איך וועל אינ דעמ זעלביקנ טאָג פונעמ אַרויספאָרנ ניט קומענ צומ גראַפ, פאָרט ער ערגעץ אַוועק, שוואַרציאָר ווייסט ווו!

און דאָ האָב איך נאָך ביז דעמ גראַפס הויפ אַ גוטע הונדערט מײל. געווענ איז דאָס טאַקע דעמלט, ווענ מ'האָט אײנגעשטעלט דעמ טעלעגראַפ, די סטויפעס שטייענ דאָך באַמ וועג.

הונדערט מײל!.. און דאָ ווייס איך, אַז פאַרנאַכט וועל איך אימ שוינ ניט טרעפנ אינ דער היימ, און עס איז שוינ נאָך האַלבנ טאָג!

גלייב איך דאָך, פאַרשטייט זיך, פריִער אינ גאָט און נאָכדעמ אינ פערד. ווייס איך דאָך, אַז ניט איינ מאָל פלעגט מיך מײנ פערד אַרויסראַטעווענ, וועל איך איצטער אויך אַדאַנק דעמ פערד בײשטיינ די שווערע צײט.

טו איך אַ זאָג צו זיך אַליינ: מאָרדכע=יודע, גענוג דיר צו זיצנ אינ וואָגנ מיט אויפגעלייגטע הענט, גיב זיך אַ שטעל און נעמ זיך פאַר די לייצעס! איך שטעל זיך אַנידער אינ וואָגנ, איך הייב אויפ דאָס בײטש=שטעקל, דערלאַנג אַזוי אַ פאָכע און פאָר פונקט פאַרבײ די סטויפעס פונעמ טעלעגראַפ. און האַלט מיר דאָס בײטש=שטעקל אָנ די סטויפעס.

אז דאָס פערד האָט זיך עס א לאָז געטאָנ פלאמ-פײַער!... וויסנ האָב איכ געוווּסט, אז דאָס איז א מאזיק, ניט קיינ פערד, נאָר פונדעסטוועגנ האָב איכ זיכ קיינמאָל אפ אזא זאכ אפילע פונ אימ ניט געריכט, אָט הערט זשע אויס ווײַטער.

דאָס פערד לויפט, אונ דאָס בײַטש-שטעקל קליפ-קלאפ, קליפ-קלאפ אָנ די סטויפעס, פונקט ווי זיי וואָלטנ געשטאנענ איינע לעבנ די אנדערע. וואָס פרעגט איר! ארומ דרײַ אזייגער בינ איכ שוינ געווענ באמ גראפ, אונ פארגעסט ניט, איבער הונדערט מײַל קויטיקנ וועג. הערט איר, א קאפאָרע די אײַזנבאנ מיט איר פײַפ פאר מײַנ פערד. איינ זאכ נאָר... ווּ נעמט מענ איצטער אזוינע פערד? סײַדנ צווישנ די שרײַבער פונ די לאָשנקוידעשדיקע בלאט-צײַטונגענ, וואָס זאָגנ, אז די ערד שטייט שוינ ווער ווייסט וויפל מילי-מיליאסנ יאָר אונ אז עס איז פאראנ א דייע, אז אָדאָמ האָרישוינ אונ די מוטער כאווע זײַנענ גאָר געווענ מאלפעס אונ א ציגײַנער פלעגט זיי פירנ אפ יארידנ.

אָט דאָס מײַסעלע איז שוינ געווענ געצילט אי אינ שאָלעמענ, אי אינ נאָכעמ ראבינאָוויטשנ, אי אינ ארנאָלדנ, וואָס פלעגנ פירנ צווישנ זיכ דיסקוסיעס וועגנ דעמ אופקומ פונ דער וועלט אונ פונ דעמ מענטשלעכנ מינ אונ פונ וועלכע דער אלטער ליטוואק פלעגט כויזעק מאכנ.

אָט אזוינע שפאס-מײַסעלעכ זײַנענ אינ די זיבעציקער

יאָרנ ארומגעגאנגענ איבער פארשיידענע שטעט אונ שטעטלעכ אונ פלעגנ פרייִלעכ מאכנ דעמ אוילעמ אונ ארויסרופנ געלעכטער. דאָס זײַנענ אלצ די קוואלנ, פונוואנענ שאָלעמ-אלייכעמ האָט געשעפט זײַנ הומאָר אינ דער ייִדישער שפראכ, ביז ער האָט זיכ באקאנט מיט דער ייִדישער ליטעראטור.

צווישנ קלעזמער

שאָלעמ איז א נאָענטער פרײַנט פונ די קלעזמער. באזונדערס האָט ער זיכ באפרײַנדעט מיט אײנעמ א קלעזמער, וועלכנ ער רופט אָנ בענצי בעזבאָראָדקאָ. דאָס איז געווענ „א ייִד מיט אנ אונטערגעהאקטער קאפאָטע, מיט אונטערגעבויגענע פייעס אונ מיט א געפרעסטנ קאָלנער, א נאָז האָט ער געהאט א היפשע, אויסגעזענ ווי א צוגעקלעפטע, ליפנ גראָבע, ציינ שווארצע, דאָס פאָנעמ געשטופלט אונ אָנ א סימענ פונ א באָרד. אונ דערפאר טאקע האָט מענ אימ גערופנ בעזבאָראָדקאָ. א ווײַב האָט ער געהאט א מאכינע, האָט מענ זי גערופנ די מוטער כאווע. אונ קינדער איז בא זיי געווענ א טוצ אָנדערהאלבנ, אויב ניט מער, אָפגעריסענע, האלב-נאקעטע אונ באָרוועסע. אונ אלע, פונעמ גרעסטנ ביזנ קלענסטנ, האָבנ זיי געשפילט: דער אפנ פידל, דער אפ דער אלט, דער אפנ באס, דער אפנ טרומייט, דער אפנ פלייט, דער אפנ פאגאָט, דער

אפ דער הארפע, דער אפנ צימבל, דער אפ דער באלאלײַקע, דער אפנ פּויק, דער אפ די טאצנ. צװישנ זײ זײַנענ געװענ אויכ אזעלכע, װאָס האָבנ געקענט אויספײַפנ דעמ גרעסטנ ניגנ מיט די ליפּנ, אפ די צײנ, אפ גלעזלעכ אָדער אפ טעפּלעכ, אפ שטיקלעכ האָלצ, אָדער גאָר אפ די באקנ“.

עס איז קימאט ניט אריבער קײנ אײנ טאָג, אז שאָלעמ זאָל ניט זײַנ בא בעזבאָראָדקאָנ. ער איז געװאָרנ ניט נאָר זײַנער א נאָענטער פרײַנט, נאָר זײַנער א שילער פונ פידל שפּילנ. שאָלעמ האָט שוינ לאנג געטראכט לערנענ זיכ פידל שפּילנ. עפּעס האָט זיכ אימ געדוכט, אז ער װאָלט געקענט פידל שפּילנ, װאָלט אימ געװענ א סאכ גרינגער אינ זײַנ לעבנ. עס װאָלט אימ די פידל געהאָלפנ נאָכ בעסער ארויסצוזאָגנ די מעלאָדיעס, װאָס פילנ אָנ זײַנ הארצ אונ װעלכע ער פרוװט זיכ שטענדיק אויסזינגענ בא זיכ אינ דער היימ. זײַנע מעלאָדיעס זײַנענ עפּעס װײניק ענלעכ אונ עפּשער גאָר ניט ענלעכ אפ די, װעלכע ער הערט אָפט פונעמ בלאָז־אָרקעסטער אינ שטאָט־גאָרטנ. זײַנע מעלאָדיעס זײַנענ אזוינע, װי ער האָט ליב, פרײלעכע אונ באגלײט מיט א שטילנ טרויער.

שאָלעמ האָט זיכ ניט נאָר געלערנט פידל שפּילנ, ער האָט אויכ געלערנט דעמ לעבנשטײגער פונ די ייִדישע פאָלקס־מוזיקאנטנ. ער האָט פונ זײ געלערנט קײנמאָל, אינ די סאמע ערגסטע צײַטנ, ניט צו פארלירנ די האָפענונג; ער האָט פונ זײ געלערנט, װי פײַנט צו האָבנ

דעמ זאטנ באלעבאָס אונ באלעגעסל; ער האָט פונ זײ געלערנט, װיאַזױ ליב צו האָבנ די קונסט, װיאַזױ צו מאכנ פונ דער קונסט אײגענע בלוט אונ פלײש, א צװײטע אײגענע נעשאָמע.

— אָנ געלט איז אויכ א װעלט! מע קענ זײַנ א פײַנער, אָרנטלעכער מענטש אונ זײַנ א קלעזמער. װאָס איז דאָס לעבנ פונ אנ אָרעמאנ? װער רעדט מיט מיר, פרעג איכ דיכ, פונ אונדזערע פײַנע באלעבאטימ? קײנער ניט... אָבער איכ האָב מיר מיט װעמענ דורכצורײדנ זיכ: מיט דעמ פידעלע. „מע קװעטשט די סטרונעס אונ מע ציט פונ דעמ ארוים פארשײדענע אונ צומײנסטנס טרױעריקע װײנענדיקע לידער“, — פלעגט זאָגנ צו שאָלעמענ בעזבאָראָדקאָ, װעלכער פלעגט בײמ־מײַסע א קראצ טאָנ די רױטע פליאמע, װאָס די פידל פלעגט אימ אָנקװעטשנ אפ דער באק.

אָט די רײד בעזבאָראָדקאָס זײַנענ שטארק געװענ צומ הארצנ דעמ יונגנ שאָלעמ ראבינאָװיטש, װעלכער האָט זיכ שױנ געפילט עלנט אינ דער פערעיאסלאװער געזעלשאפט.

— מע דארפ נאָר האָבנ דערצו, צומ פידעלע, א רעכט מוזיקאנט, א בעריע א קלעזמער, אָט אזא בעריאק כאָטש, װי ס'איז געװענ אָט דער סטעמפעניו פונ בערדיטשעװ. ער, אז ער פלעגט א פיר טאָנ מיטנ סמיטשיק, פלעגנ שטײנער צעגײנ, — אונ בעזבאָראָדקאָ פלעגט א קאָמאנדעװע טאָנ צו זײַנע קינדער.

דער אָרקעסטער פלעגט אָנהייבנ אויספּילנ בעזבאָראָדקאָס אַנ אייגענע קאָמפּאָזיציע — א פּאָפּורי פונ פאַרשיידענע זאכנ: יידישע, אוקראַינישע, רומענישע, פּוילישע אונ רוסישע. דאָס פלעגט שאָלעמענ אזוי איבעראשנ, פּונקט ווי ס'פלעגט אימ איבעראשנ דאָס קלעזמער=לאָשנ, וואָס איז אויכ באשטאנענ פונ פאַרשיידענע איבערגעדרייטע ווערטער פונ יידיש, רוסיש, פונ העברייִש אונ אפילע פונ לאטײַנ.

— טשוקאלניק, נעמ בא שאָלעמענ דעמ סמאָליער אונ האָק נאָכ די קעראָ, אונ זאָל זײַנ הײַנט א בערליאלניצע. אָרזשע זאָלסטו ניט פארגעסנ צו קויפנ. דו הערסט, גנויוועסרייכלניק! — אפ יידיש הייסט עס: פּויקער, נעמ בא שאָלעמענ דאָס קערבל, גיי נאָכ בראנפנ, אונ זאָל זײַנ א סודע. שלימעזאלניק, פארגעס ניט צו קויפנ קיינ אָנבײַסנ. — אזוי פלעגט בעזבאָראָדקאָ אויסשרײַענ, ווענדנדיק זיכ צו זײַנ קלענסטנ יינגל, וואָס פלעגט קלאפּנ אינ פּויק. אזוי פלעגט עס פּאָרקומענ יעדנ טאָג נאָכנ אויספּילנ בעזבאָראָדקאָס א „קאָמפּאָזיציע".

נאָכדעמ פלעגט זיכ אָנהייבנ די סודע. שאָלעמ, בעזבאָראָדקאָ אונ זײַנ גאנצע פאמיליע פלעגנ זיכ דעמלט פרייִלעכ מאכנ, ריידנ אפ קלעזמער=לאָשנ אונ זינגענ פאַרשיידענע יידישע פאָלקס=לידלעכ אונ לידלעכ פונ גאָלדפאדנס טעאטער.

שאָלעמ איז קיינ פידלער ניט געוואָרנ. ער האָט אָבער

א סאכ גענומענ פונ די קלעזמער. זיי זײַנענ געווענ פאר
אימ נאָכ א קוואל פונ פאָלקס=שאפונג פאר זײַנ הומאָר
אונ א קוואל פאר זײַנ ליבע צומ פאָלק. ער האָט פונ זיי
געלערנט ליבע צו דעמ אינסטרומענט, צו דער שפּראכ
פונ די יִדישע מאסנ, וואָס איז אזוי געווענ פארשטויסנ
דורכ דער יִדישער בורזשואזיע, פּונקט אזוי ווי דער קלעז=
מער מיט זײַנ פידל. אונ שפּעטער, ווענ שאָלעמ ראבי=
נאָוויטש איז געוואָרנ דער בארימטער שאָלעמ=אליײכעמ,
האָט אימ שטענדיק געמאטערט דער גורל פונ די „בלאָנ=
דזשענדיקע שטערנ", וואָס האָבנ אינ דעמ קויט פונ די
אלטע יִדישע געסלעכ, אפ די בערגעלעכ מיסט פונעמ
יִדישנ געטאָ געשאפנ פרייד פארנ פאָלק אונ פארפּײַ=
נערט די געפילנ פונ דער יִדישער אָרעמקײַט.

אפנ שייד־וועג

שאָלעמ האָט געענדיקט זײַנ קורס אינ דער „אויעזד=
נע" אינ יאָר 1876. ער איז שוינ דעמלט אלט געווענ
17 יאָר. אצינד האָט זיכ פאר שאָלעמענ געשטעלט די
פראגע, וואָס טוט מענ ווײַטער?

דער קורס אינ דער „אויעזדנע" איז קלענער פונ דרײַ
קלאסנ קלאסישער גימנאזיע. מיט דעמ שײַנ פונ דער או=
יעזדנער שול קאָנ מענ אינ גימנאזיע ניט אָנקומענ. די
אויעזדנע שול האָט ניט געגרייט קײנ קוואליפיצירטע אינ=



СВИДѢТЕЛЬСТВО.

Ученикъ [illegible] имѣющій отъ роду [illegible] лѣтъ обучался съ [illegible] 187[illegible] по 28 [illegible] 187[illegible] года, въ Переяславскомъ Уѣздномъ Училищѣ и окончилъ въ ономъ полный курсъ ученія во время нахожденія въ училищѣ поведенія былъ отличнаго въ преподаваемыхъ предметахъ оказалъ успѣхи: 1., въ Законѣ Божіемъ ——— 2., въ Русскомъ языкѣ отличные 3., въ Ариѳметикѣ отличные 4., въ Геометріи отличные 5., въ исторіи хорошие 6., въ Географіи отличные 7., въ чистописаніи хорошие 8., въ рисованіи, и черченіи хорошие, а потому имѣетъ право на преимущества, предоставленныя Высочайше утвержденными 28 Ноября 1844 года дополнительными правилами къ уставу о Гражданской службы окончившимъ курсъ въ уѣздныхъ училищахъ и на основаніи пункта 3 ст. 56 устава о воинской повинности, при отбываніи имъ воинской повинности состоитъ три года въ дѣйствительной службѣ и въ запасѣ арміи двѣнадцать лѣтъ. Въ удостовѣреніе чего и дано ему сіе свидѣтельство за печатью училища 1876 года Іюня 28 дня.
Городъ Переяславъ.

Штатный Смотритель [illegible]

[illegible]

שאָלעם־אַלייכעמס דיפּלאָם פון דער
פּערעיאַסלאַווער קרייז־שול (1876)

טעלינענצ, זי האָט געגרייט א קליינגראדיקנ קאנצעליארישנ טשינאָווניק.

שאָלעמ איז געבליבנ אינמיטנ וועג. די טרוימענ וועגנ ענדיקנ גימנאזיע, אָנקומענ אינ אוניווערסיטעט אינ ווערנ א דאָקטער זײַנענ צערונענ געוואָרנ.

ער האָט געקאָנט ווערנ אָדער א פּריוואַטער לערער אָדער אָנקומענ אינ א צארישנ לערער־אינסטיטוט פאר ייִדנ, וווּ מע פלעגט גרייטנ לערער פאר די קאזיאָנע ייִדישע שולנ.

פונ יאָר 1873 האָבנ אזוינע אינסטיטוטנ אינ רוסלאנד עקזיסטירט צוויי: איינער אינ זשיטאָמיר, דער אנדערער אינ ווילנע. בעראָש פונ די דאָזיקע אנשטאלטנ זײַנענ געשטאנענ די סאמע פארביסנסטע רעאקציאָנערנ.

שאָלעמ שיקט אוועק א מעלדונג אינ זשיטאָמירער לערער־אינסטיטוט. די קאריערע פונ א לערער אינ א ייִדישער קאזיאָנער שול האָט ביז גאָר אימפּאָנירט נאָכעמ ראבינאָוויטשנ אונ זײַנע פרײַנט.

אויב שאָלעמ האָט זיכ געצויגנ צו ווערנ א לערער. ער וועט ווערנ א לערער, וועט ער פארשפּרייטנ ליכט צווישנ די אָרעמע מאסנ. ער וועט ניט דערלאָזנ, אז די קינדער פונ דער אָרעמשאפט זאָלנ גײנ אינ די טאלמעטוירעס, אינ די כאדאָרימ, ער וועט זײ לערנענ נוציקע קענטענישנ, ער וועט ניט דערלאָזנ, מ׳זאָל זיכ איזדיעקעווענ איבער דער אָרעמשאפט.

אָבער אינגיכנ באקומט שאָלעמ אנ ענטפער פונעמ אינספעקטאָר פונ זשיטאָמירער אינסטיטוט, אז לויט זײַנ עלטער קאָנ ער איג אינסטיטוט ניט אָנגענומענ ווערנ — ער האָט שוינ אריבערגעשטיגנ דעמ עלטער אפּ אָנקומענ אינ אינסטיטוט. אונ אזוי איז שאָלעמ געבליבנ אינמיטנ ווענ. עס זײַנענ צעשלאָגנ געוואָרנ זײַנע האָפּענונגענ, אונ ער ווערט א פּריוואטער לערער. ער פאָרט אינ פאַרשיידענע שטעטלעכ אונ ניט שטונדנ, ביז ער ווערט אײַנגעלאדנ פאר א לערער צומ ארענדאטאָר פונ א גרעפישנ גוט עלימעלעכ לאָיעוו.

קאפיטל פיר

אין סאָפּיעווקע

אין סאָפּיעווקע, אינעם גוט, וואָס עלימעלעך לאַיעוו האָט ארענדירט, האָט זיך אָנגעהויבן א נײַ לעבן פאַר שאָלעמען. עס האָט זיך פאַר אים אנטפּלעקט א לעבן אָן זאָרג. און נאָך די ערשטע שווערע קאָנדיציעס, ווי שאָלעמען איז אויסגעקומען ניט איין מאָל צו הונגערן, צו לײַדן דערנידעריקונגען, איז פאַר אים אין סאָפּיעווקע געווען א גליקלעך לעבן.

„דאָ האָט ער געהאט די בעסטע געלעגנהײַט נעענטער צו באקענען זיך מיט דער נאטור... דאָ האָט ער דערזען, פארשטאנען און דערפילט, אז אונדזער אָרט איז דאָ, אין דער נאטור, און ניט נאָר אָט דאָרטן, אין דער שטאָט. דאָ איז ער געקומען צו דער איבערצײַגונג, אז מיר זײַנען א טייל פון דער גרויסער דרויסנדיקער וועלט און אז מיר האָבן אלעמאָל געבענקט און וועלן טאָמער בענקען נאָך דער מוטער ערד, אז מיר האָבן אלעמאָל ליב געהאט און וועל-

טאָמער ליב האָבן די נאטור, אז עס האָט אונדז אלעמאָל געצויגן און עס וועט אונדז טאָמער ציִען אין דאָרף אריַין...

געשלאָפן אין א גרויסן ליכטיקן צימער בא פארמאכטע לאָדן, כאפט זיך אוף דער לערער אינדערפרי, טוט א שטופ מיט דער האנט פון זיך — עפנט זיך אוף דאָס פענצטער מיטן לאָדן אינאיינעם, און עס רײַסט זיך אריַין א סנאָפ ליכט מיט א ווארעמקיַיט פון דער זון, מיט אן אראָמאט פון רעזעדא, אויסגעמישט מיט א רייעך פון מיענטע און פון פאָלין, מיט נאָך פארשיידענע מי-נים רייכעס פון גראָזן, וואָס מע ווייסט ניט זייערע נע-מען... איצט וואקסן זיי אלע פון זיך, אינאיינעם מיטן פראָסטן בוריאן, שטעכלקעס און קראָפעווע...

...פון די ברייטע פעלדער ציִען זיך פאוואָליע גרויסע אָקסן-פורן מיטן אָפגעשניטענעם ברויט. פונדערווײַטן קאָן מען כאפן מיטן אויג דעם לאַן מיטן ווייץ. א סאך איז שוין אָפגעשניטן און צונויפגעלייגט קופעסוויַיז אין די סנאָפעס און א סאך שטייט נאָך אין די געלע צײַטיקע זאנגען, רירט זיך און שאָקלט זיך כוואליעסוויַיז פון א גרינגןווינטעלע, וואָס לויפט פארביַי. אַפ יענע זיַיט לאַן, דאָרט, ווו עס ענדיקט זיך דאָס ברויט, הייבן זיך אָן די גרויסע גרינע בלעטער פון די בורעקעס, וואָס וואקסן גליַי-כע שורעסוויַיז. צווישן זייערע רייען, גאנץ שיטער, שטייען, ווי סאָלדאטן אפ דער וואך, די הויכע „סאָנישניקעס“

מיט די גרויסע געלע קוטשמעס. פייגעלעכ האָבנ ליב צו קלייבנ זיכ ארומ די סאָנישניקעס אונ ארויספּיקנ פונ זיי איינציקווייז די נאָכ ווייסע, נאָר שוינ זיסע סעמעטשקעס. נאָכ ווייטער גייט דאָס דעמבענע געדיכטע וועלדל, מיטנ נאָמענ די „טורטשינא“. דעמלט, ווענ פּריצימ זיינענ דאָ געזעסנ, איז מענ געגאנגענ אהער שיסנ, „נא פּאָליעוואַניע“...

נאָכנ ערשטנ אָנבייסנ אונ נאָכ דער ערשטער שטונדע מיט דער שילערנ נעמט דער לערער א שפּאציר אינ גאָרטנ, אמאָל אליינ אונ אמאָל אינצווייענ טאקע מיט דער שילערנ. עס איז שווער צו זאָגנ, ווענ איז דער גאָרטנ שענער: צי ארומ שוועס-צייט, ווענ דיביימער האלטנ אינ רעכטנ בליענ, צי דעמלט, ווענ עס האָבנ זיכ נאָרוואָס אָנגעהויבנ צו רויטלענ די וויימפּערלעכ מיט די אגרעסנ, צי העט-שפּעט, שוינ סאָפּ זומער, ווענ די עפּל הייבנ אָנ אליינ צו פאלנ אונ עס בלייבנ די פארשפּעטיקטע קייַלעכדיקע שווארצע פלאָמענ, וואָס מע רופט זיי „טשערקוסנ“? אינ יעדער צייט האָט זיכ דער גאָרטנ זיינ רייצ מיט זיינ כיינ. אינ יעדער צייט געפינענ די שפּאצירנדע, דער לערער מיט דער שילערנ, עפּעס נייעס. מעגנ זיינ די אגרעסנ נאָכ גרינ אזוי, ווי גראָז, אונ זויער אזוי, ווי עסיק, — מאכט ניט אויס. מע צעשטעכט זיכ די הענט אונ מע רייסט ארויס די גרעסטע פונ זיי, די, וואָס הענגענ אראָפּ אונ לייכטנ זיכ דורכ אפּ דער זונ. אונ ווער שמו=

עסט א ביסעלע שפעטער, ווענ די ווײַמפערלעכ גיסנ זיכ אָנ מיט רויטנ ווײַנ אונ בלישטשענ אפ דער זונ, — דעמלט בעטנ זיי זיכ, מע זאָל פארזוכנ נאָכ א בינטל אונ נאָכ א בינטל. מע פארזוכט אזוי לאנג, ביז עס ווערנ הײַליק די ציינ. דאָס אייגענע איז מיט די ווײַנשל אונ מיט די קארשנ אונ מיט די אלע איבעריקע אויבסטנ אונ פיירעס, וואָס קומענ אופ אונ ווערנ צײַטיק ניט אלע אפ איינ מאָל. עמעס, דאָס זײַנענ אלצ אזעלכע זאכנ, וואָס מע קריגט עס אינ שטאָט אויכ, וואָס מע קענ עס קויפנ פאר געלט. עס האָט אָבער ניט דעמ טאמ מיט דעמ רייעכ, ווי בײַם איר רײַסט דאָס אליינ אראָפ פונעמ בוימ. אויביפראט, אז איר זײַט ניט אליינ, נאָר אינצווייענ מיט א מיידל, וואָס איז אײַכ ליב אונ טײַער, מיט א מיידל, וואָס איר זײַט איר ליב אונ טײַער, ווי אנ אייגענער, ווי א ברודער...

...אינ די קימאט דרײַ יאָר, וואָס דער העלד האָט פאר= בראכט אינ דאָרפ, האָט ער אָנגעשריבנ א סאכ מער, ווי ער האָט געשריבנ נאָכדעמ, ווענ ער איז שוינ געווענ א שרײַבער אונ געהייסנ „שאָלעמ=אלייכעמ“, — אינ צענ יאָר. עס האָט זיכ אימ קיינמאָל אזוי גרינג ניט געשריבנ, ווי אינ יענער צײַט. אונ געשריבנ האָט ער גאנצע נעכט — גרויסע, הארצרײַסנדיקע ראָמאנענ, שרײַענדיקע דראמעס, פארפלאָנטערטע טראגעדיעס אונ קאָמעדיעס. עס האָבנ זיכ געגאָסנ די געדאנקענ, ווי פונ א פאס. עס האָט געשפרודלט די פאנטאזיע, ווי א פאָנטאנ. צוליב וואָס דאָס אלצ איז

געשריבנ געוואָרנ — האָט ער זיכ קיינמאָל ניט געפרעגט. קוים איז פאַרטיק געוואָרנ בא אימ א זאַכ, האָט ער דאָס איבערגעלייענט פאַר זײַנ שילערנ — אונ ביידע זײַנענ געווענ אַנציקט. ביידע זײַנענ געווענ איבערצײַגט, אַז דאָס איז א מײַסטערווערק, — אָבער ניט אפ לאַנג. קוים איז ער פאַרטיק געוואָרנ מיט אַנ אַנדער ווערק, אַזוי איז שוינ דאָס צווייטע געווענ א מײַסטערווערק און דאָס ערשטע איז געוואָרנ בלאָס, אָפּגעבליאַקעוועט. דאָס בעסטע אָרט פאַר דעמ איז געווענ דער אויוונ. אונ אַזוי איז אַוועק מיטנ פײַער ניט איינ טוצ ראָמאַנענ אונ ניט איינ צענדליק דראַמעס...

אַז דער באָכער איז געבוירנ געוואָרנ צו זײַנ א שרײַבער, — אינ דעמ איז בא זיי ביידנ ניט געווענ קיינ שומ ספק. דער לערער מיט דער שילערנ האָבנ דערפונ גערעדט, געפאַנטאַזירט, געבויט די שענסטע לופט-שלעסער. רײדנדיק פונ פאַרשיידענע פּלאַנענ פונ פאַרשיידענע ווערק, האָבנ זיי פאַרגעסנ פונ זייערע אייגענע פּלאַנענ...״

דאָ אינ סאָפּיעווקע איז אפ אייביק געשלאָסנ געוואָרנ דער בונד צווישנ דעמ פריילעכנ, פאַנטאַזירנדיקנ לערער סאָלאָמאָנ ראַבינאָוויטש מיט דער שילערנ זײַנער אָלגאַ לאָיעוו, זײַנ צוקינפטיקער פרוי. איבער דרײַ צענדליק יאָר איז זי געגאַנגענ האַנט בא האַנט מיט אימ, געמונטערט אונ באַגײַסטערט אימ אינ זײַנע שאַפונגען, געהאָלפנ אימ באַשיצנ זיכ פונ די שטורעמס אונ געוויטערס, וואָס האָבנ

שאָלעם-אלייכעם אכצן יאָר אלט (1877)

שטענדיק געלויערט איבער א יִדישנ שרײַבער אינ צאַ=
רישנ רוסלאַנד.

העכער צוויי יאָר צײַט איז סאָלאָמאָנ ראַבינאָוויטש געווענ
לערער אינ עלימעלעכ לאָיעוו גוט. עלימעלעכ לאָיעוו איז
געווענ א טיפּישער פאָרשטייער פונ דער נײַ=אופגעקומע=
נער יִדישער בורזשואַזיע אינ די זיבעציקער יאָרנ פונ
פאָריקנ יאָרהונדערט. ער האָט זיכ באַמיט צו זײַנ גע=
ראָטנ אינעמ רוסישנ אדל, האָט קאָפּירט דעמ פּאָריץ,
איז אָבער אינ דער זעלביקער צײַט געווענ טרײַ דער
אויסגערעכנטקײַט אונ שפּאָרזאַמקײַט פונעמ יִדישנ סוי=
כער.

ער האָט איגנאָרירט די יִדישע פאָלקס=מאַסנ אונ זייער
לעבנשטייגער. גלײַכ ווי יעדער אופגעקומענער גוויר, האָט
ער זיי געהאַלטנ פאַר טויגעניכצנ אונ פוילער.

ער איז געווענ פונ די, וועגנ וועלכע דער דיכטער גאָלד=
פאַדנ האָט געשריבנ:

> טראָגט אינ מויל שפּינאָזענ
> אונ האָט מוירע פאַר א רואַכ.

ער האָט געלייענט די האַסקאָלע=ליטעראַטור אינ העב=
רייִש אונ האָט גענומענ פונ איר בלויז דעמ צאַרישנ פּאַ=
טריאָטיזמ.

צומ לערער סאָלאָמאָנ ראַבינאָוויטש האָט זיכ לאָיעוו
באַצויגנ מיט אינטערעס. סאָלאָמאָנ ראַבינאָוויטש איז,
אייגנטלעכ, געווענ בא אימ ניט נאָר א לערער, נאָר אוי=

א קאָרעספּאָנדענט אין זײַנע געשעפֿטן. לאָיעוו האָט גע־האלטן פונעם יונגן ראבינאָוויטשן און האָט זיך באמיט ניט צו פארלירן דעם וואָלוועלן לערער און אָנגעשטעלטן. אָבער ווען עלימעלעך לאָיעוו האָט זיך דערוווּסט, אַז זײַן אָרעמער לערער און אָנגעשטעלטער פירט א ליבע מיט זײַן איין־און־איינציקער טאָכטער, האָט ער אים אכזאָריש פארטריבן פון שטוב, געוויזן, וואָס אָרעמט און רײַך באַ־טײַט.

ארויסגעטריבן

פאר דער צײַט, וואָס שאָלעם ראבינאָוויטש איז געווען לערער אין סאָפּעוואָקע, האָט ער זיך נאָך מער פארפול־קומט אין ליטעראַרישע קענטעניסן. ער האָט זיך נאָך מער באקאנט מיט די בעסטע מוסטערן פון דער רוסישער לי־טעראטור פון יענער צײַט — מיט טשערנישעווסקי, ניע־קראסאָוו, שטשעדרין, אוספּענסקי און אנדערע קאָריפייען פון דער גרויסער רוסישער ליטעראטור. דאָ האָט שאָלעם ראבינאָוויטש, ווי מיר ווייסן שוין, געמאכט זײַנע ערשטע ליטעראַרישע פּרווון. ער האָט געשריבן דערציילונגען, דראַ־מעס, לידער אין רוסיש און פלעגט זיי דעריקער פאָרליי־ענען פאר זײַן נײַעם פרײַנט אָלגא לאָיעוו. אָבער זײַנע יוגנטלעכע ליטעראַרישע פּרוּוון אין דער רוסישער שפּראַך זײַנען אונדז ניט פארבליבן.

די פרײַנטשאפט פונ אָלגא לאָיעוו האָט אזוי געווירקט אפנ יונגנ ראבינאָוויטשנ, אז ער האָט זיכ אפילע פארגעסנ, אז ער געפינט זיכ אינ א שטוב פונ אנ אופגעקומענעמ ייִדישנ בורזשוא, וועלכער קאָפּירט אנ אופגעקלערטנ גראפ. אָבער שאָלעמ ראבינאָוויטש האָט עס איניכנ דערפילט. אונ דאָס איז פאָרגעקומענ בא פאָלגנדיקע אומשטענדנ.

אינ איינעמ א ווינטערדיקנ פארנאכט זײַנענ אינעמ צימער פונ עלימעלעכ לאָיעוו געזעסנ באמ טיש די פאמיליע לאָיעוו, דער לערער סאָלאָמאָנ ראבינאָוויטש אונ אנ אָנגעפאָרענער גאסט צו די לאָיעווס, די מומע טויבע פונ בערדיטשעוו. עלימעלעכ לאָיעוו איז געווענ אופגעלייגט אונ, ווי אלעמאָל, צופרידנ פונ זיכ. ער האָט דערציילט פארשיידענע מײַסעס וועגנ פארשיידענע פאסירונגענ, געלאכט פונ דער וועלט אונ געוויזנ זײַנ כאָכמע אונ קלוגשאפט. דער אוילעמ האָט געהערט, איז געווענ שטיל, האָט געקוקט אפ דעמ באלעבאָס, וואָס האָט ניט געקארגט קיינ איבערקרימערײַענ פונ די פערזאָנענ, וועגנ וועלכע ער האָט דערציילט, אונ וואָס פלעגט אינ דער זעלבער צײַט ניט פארגעסנ צו פאנאנדערטיילנ זײַנ באָרד אפ לינקס אונ אפ רעכטס, ווי באמ גענעראל סקאָבעליאָוו.

אָבער די מומע טויבע פונ בערדיטשעוו האָט ניט נאָר געהערט די מײַסעס פונ איר רײַכנ קאָרעוו. זי האָט הײַנט דאָס לעצטע מאָל נאָכגעשפּירט, וויאזוי עס קוקנ זיכ אי-

בער דער לערער סאָלאָמאָנ ראבינאָוויטש און זײַנ שילערנ אָלגא לאָיעוו. שוינ לאנג, אז איר געפעלט ניט, וואָס דער לערער און די שילערנ זײַנענ עפּעס צופיל כאווערלאפּ. נאָכ מיט עטלעכע טעג פריִער, אינ אָוונט נאָכנ עסנ, איז איר שטארק ארײַנ אינ דער נאָז, וואָס זיי שטעלנ זיכ אוועק, נעמענ זיכ פאר די הענט און זינגענ רוסישע לידלעכ און אויכ ייִדישע פונ גאָלדפאדנס טעאטער.

זי האָט נאָכדעמ א גאנצנ אָוונט געקוועטשט מיט די פלייצעס און געפרעגט בא זיכ אליינ: וואָס זײַנענ דאָס עפּעס פאר א לידלעכ? שווארציאָר, בלאָטע! ווער ווייסט, וואָס ס'קאָנ זיכ דערפונ אויסלאָזנ! ער קאָנ זי נאָכ ארויסגאנווענענ פונ פענצטער, אוועקלויפנ מיט איר ערגעצ אינ א העק און אָפּשטעלנ א כופּקע! און נא דיר נאכעס פונ קינדער, און נא דיר גווירישאפט, און נא דיר א ייִדישער פּאָמעשטשיק! זי האָט אפילע פארגעדענקט עטלעכע פערזשורעס פונ די לידלעכ, וואָס האָבנ זי ניט געלאָזט אײַנזיצנ:

וואָס טויג מיר גאָלד און זילבער,
אז דאָס האָב איכ אליינ;
שיינ איז בא מיר קיינ וווּנדער,
ווײַל שיינ בינ איכ אליינ.

ער איז טאקע א שיינער, א בעריאַק און א געראָטענע קיילע, אָבער ווי קומט ער צו אזא שטאנד, צו אזא שע-

פע, צו אזא נעגידעס, צו אזעלכע איידעלע לײַט! כ׳וואָלט זאָגנ, אז ער איז א קאפּצנ אינ די זיבנ פּאָלעס, א גרויסער אָרעמאנ. ווי זאָגט מענ אפילע: אָרעמקײַט איז ניט קיינ שאנד, אָבער ניט קיינ גרויס שײַנדל אויכ. ווי קומט אזא קרומע זאכ! ווי קומט טילימ צו קאדאָכעס! כ׳ווייס, א לערער אנ אָרעמאנ! מע דארפ כאָטש דערצייילנ דעמ טאטנ, זאָל ער כאָטש ווּיסנ וואָס צו טאָנ.

אונ פארנ אוועקפאָרנ האָט זי די געדאנקענ, וואָס האָבנ זי ניט געלאָזט רוענ, פארטרויט איר קאָרעוו עלימעלעכ לאָיעוו. אונ טאקע באלד נאָכ איר אוועקפאָרנ האָט זיכ עלימעלעכ לאָיעוו גענומענ אויסצוראמענ דאָס שלעכטס פונ זײַנ שטוב.

אינ א פּאָר טעג ארומ, אינ א ווינטערדיקנ טאָג, זײַנענ עלימעלעכ לאָיעוו, זײַנ פרוי אונ די קינדער אינ שטוב ניט געווענ. געבליבנ איז נאָר דער לערער סאָלאָמאָנ ראבינאָוויטש. שוינ צוויי טעג, אז קיינער רעדט ניט מיט אימ. שוינ צוויי טעג, אז קיינער רופט אימ ניט צומ טיש. סאָלאָמאָנ ראבינאָוויטש איז געזעסנ אינ זײַנ צימער בײַ אנ אָפענעמ בוכ. ס׳האָט זיכ געעפנט די טיר, אונ עס איז ארײַנ לאָיעווס קוטשער. ער האָט דערלאנגט סאָלאָמאָנ ראבינאָוויטשנ א פּאקעט.

אינ פּאקעט איז אויסער געלט קיינ זאכ ניט געווענ. דער קוטשער האָט אימ נאָר געהייסנ צונויפלייגנ די זאכנ

זײַנע, דערלאַנגט אים א וואַרעמע בורקע זיך אָנטאָן און געבעטן אים אַרויסגיין אין הויפ.

אין הויפ זײַנען געשטאַנען א פּאָר פערד געשפּאַנט אין א שליטן. מע האָט געהייסן דעם לערער אַרײַנזעצן זיך אין שליטן. דאָס האָט באַטײַט, אַז דער באַלעבאָס לאָזט טרײַבט דעם לערער אַרויס.

א גאָלדענע זון האָט געשײַנט איבערן סטעפּ. די פערד זײַנען גיך געלאָפן איבער דער גלאַנציקער ווײַסקײַט און געשפּריצט אַרום זיך מיט שטיקער שניי. ס'האָט געפינטלט אין די אויגן. א פאַרדראָס האָט געשטיקט דעם יונגן ראַבינאָוויטשן. א ווינט איז זיך פאַרגאַנגען מיט א געוויין, און דאָס ווײַנען פונעם ווינט האָט זיך געיאָגט און איבערגעיאָגט די פּאָר פערד מיטן שליטן, אין וועלכן עס איז געזעסן דער באַליידיקטער לערער.

ער גאַנוועט די „גרענעץ”

א דאַמפּער שנײַדט דורך די גלאַטקײַט פונעם דניעפּער. ער האָט זיך, דער דניעפּער, אָקאָרשט ניט לאַנג באַפרײַט פון זײַן ווינטערדיקער אײַנהילונג. ער איז נאָך ניט אַזוי שפּיגלענדיק, אַזוי וווּנדערבאַר-געמיטלעך, ווי אין א שטילער זומערדיקער נאַכט פון ניקאָלײַ וואַסיליעוויטש גאָגאָל. דערפאַר טראָגט זיך אָבער איבער אים דער רייעך פון דער יוגנט, פון אייביקער באַנײַונג.

דער דאמפּער האָט זיך צעפּײַפט, ער איז שווין צווישן דעם אינדזל פון די פישערס און דעם וולאַדימירישן בערגל. דער הויכער בראָנזענער דענקמאָל פון וולאַדימיר דעם הייליקן איז איצט באַגאָסן מיט אַ העלער שײַן פון די גרויסע לאָמפּן ארום אים.

ער שטייט, דער געשיקטער מיליטערמאַן פון רוסישן מיטלאַלטער, אין אַן אָנצוג פון אַ פרומען קריסטלעכן מאָנאַך. ער שפּאַרט זיך אָן מיט זײַן רעכטער האַנט אָפּ אַ גרויסן, עפּשער צוואַנציקפוּדיקן צײלעם. לעמפּעלעך לײַכטן זיך אינעם צײלעם און צינען אוועק פון אים אַ גרינע, אַ בלויע, אַ געלע שײַן, און ער טוקט זיך און שפּילט זיך אינעם וואַסער.

געוועזן אַמאָל אַ צײַט, אַמאָל, אַמאָל, מיט טויזנט יאָר צוריק. האָט אָט דער דאָזיקער וולאַדימיר מיט דעם נאָמען דער הייליקער געבראַכט מיטן צײלעם דעם אַלעפּבייז, שריפטלעכקײַט די סלאַווישע פעלקער. אָבער שוין הונדערטער יאָרן, אַז אָט דער צײלעם זײַנער איז די שוץ פון פינצטערניש, דער שווערער יאָך פון צאַרישער זדיעקע, די ביטערע לאַסט פון פּריצישער, קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע.

אָפּ די אַקסלען פון די אַרבעטנדיקע פון אַלע פעלקער פון דער רוסלענדישער אימפּעריע הענגט און דריקט אָט דער צײלעם. מיליאָנען אויסגעהונגערטע, צעבלוטיקטע, צעשעדיקטע פון צאַרישן ווילקיר און פונעם קאַפּיטאַליזם

שלעפּנ אימ אפּ זיכ, אונ הונדערטער יאָרנ, אז זיי ראנגלענ זיכ מיט אימ מיט דער גרעסטער העלדישקײַט, קעדיי אראָפּווארפנ אימ אונ באפרײַענ זיכ פונ זײַנ לאסט.

די פּאסאזשירנ פונעמ דאמפּער האָבנ זיכ גענומענ שטויסנ צומ ארויסגאנג, אונ עס האָט זיכ נאָכ מער געלאָזט פילנ דער טעמפּער רייעכ פונ מענטשלעכנ שוויס, פונ איבערגעפוילטנ געוואנט אונ פונ מעקענע. יעדערער שטופּט זיכ וואָס גיכער ארויסצוגיינ.

דער יונגער סאָלאָמאָנ ראבינאָוויטש, וואָס איז געזעסנ אינ א ווינקל פּארטיפּט עפּעס אינ געדאנקענ, האָט זיכ באלד ארײַנגעשטופּט אינמיטנ דעמ אוילעמ, וואָס האָט זיכ געײַלט צומ ארויסגאנג. ער וועט ניט ארויסגיינ אליינ, ער ווייסט דאָכ, עס טאָר ניט טרעטנ קיינ פוס פונ דער ייִדישער אָרעמשאפּט אפּ דער ערד פונ דער שטאָט, ווו עס געפינט זיכ דער פּראוואָסלאווישער וואטיקאנ, — די קיִעוואָ=פּעטשערסקע לאוורע. ער ווייסט דאָכ, עס קאָנ אימ באלד א נעמ טאָנ די פּאָליציי.

סאָלאָמאָנ ראבינאָוויטש האָט אפילע ניט געשוינט זײַנ העלנ זומער=מאנטל, וואָס ער האָט געקראָגנ לײַענ בא איינעמ פונ זײַנע פרײַנט אינ פּערעיאסלאוו. ער ווייסט, זײַנ פרײַנט וועט אימ דאָס פארגעבנ: ער האָט זיכ דאָכ געמוזט ראטעווענ באמ איבערגיינ די גרענעצ פונעמ ייִדישנ טכומ. אונ וואָס טוט ניט די יוגנט פונ דער ייִדישער אָרעמשאפּט, קעדיי צו גאנווענענ אָט די דאָזיקע גרענעצ, קע=

דיי פונ דעמ ענגנ, רעכטלאָזיקנ, פארפיגצטעטנ טכומ ארײַנשפּאנענ אינ דער גרויסער וועלט?

בליצ=שנעל האָט זיכ דער יונגער סאָלאָמאָנ ראבינאָוויטש געטראָגנ אפ דער ברעג=גאס, וואָס פירט צו פּאָדאָל. ער וועט זיכ נאָר ארײַנכאפּנ אינ פּאָדאָל, וועט ער שוינ דאָרט קריגנ זײַנ זיכערע סטאנציע.

א פּאָר כאדאָשימ איז סאָלאָמאָנ ראבינאָוויטש געזעסנ אינ פּערעיאסלאוו אונ האָט זיכ געראנגלט מיט עלנט אונ בענקשאפט. ער האָט אפילע אינ דער היימ פארגעזעצט זײַנ שרײַבנ, וועלכעס ער האָט אָנגעהויבנ אינ סאָפּיִעווקע. אָבער דאָ האָט אימ געפעלט יענער פרײַנט זײַנער, וואָס האָט אזוי נאָענט זיכ גענומענ צומ הארצנ די ערשטע פּרוּוונ פונ זײַנ שאפנ.

ער שפּאנט איצטער מיט גיכע האסטיקע טריט איבער פּאָדאָל, טראָגט זיכ דורכ דעמ מארק, וואָס האָט זיכ ערשט מיט אייניקע שאָ צוריק באפרײַט פונ דעמ באטאָגיקנ האנדל=וואנדל, הו=הא. ער שפּאנט אינ א זײַטיק געסל אפ פּאָדאָל. דאָרטנ אינ עק געפינט זיכ אנ איינשטאָקיק מויערל. ער וועט דאָרטנ נעכטיקנ אונ וועט זיכ אויסבאהאלטנ פונ דער פּאָליציי. עס וועט אימ עפּשער געלינגענ אפ לאנג פארבלײַבנ אינ קיִעוו אונ מאכנ די ערשטע טריט פונ זײַנ צוקינפטיקער גליקלעכער ליטעראַרישער קאריערע.

דאָס איינשטאָקיקע מויערל — דאָס איז געווענ א יִידי-

שע אכסאניע מיטנ נאָמענ „רעב אלטער קאניעווערט סטאנציע“. דאָ אפ פאָדאָל מעגנ יידנ וווינענ. יידנ מעגנ דאָרטנ וווינענ, אָבער כאָלילע אלע יידנ מעגנ דאָרטנ זײַנ? „דאָס ניט. דאָרט מעגנ זײַנ נאָר יענע יידנ, וועלכע האָבנ דערצו וווינרעכט — „פּראוואָזשיטעלסטווע“... די אלע אי= בעריקע יידנ כאפּנ זיכ אהער אריבער, ווי קאָנטראבאנדע, אפ א קורצער צײַט און לעבנ אינ גרויסע פּכאָדים, נאָר מיטנ כעסעד פונעם דוואָרניק אונ פונעם אָדנ דעם נאדזי= ראטעל אָדער פונעם אָדנ דעם פּריסטאוו. אונ דאָס אויכ נאָר ביז א צײַט, ביז עס מאכט זיכ אנ „אָבלאווע“ — מע פאלט איבער אפ די יידישע אכסאניעס אינמיטנ האלבער נאכט מיט זשאנדארמענ אונ מיט סאָלדאטנ. אפ זייער לאָשנ ווערט דאָס אָנגערופנ: „מע מאכט א רעוויזיע“... אונ אז מע געפינט אזעלכע מינים קאָנטראבאנדע=סכוירע, דאָס הייסט יידנ אָנ „פּראוואָזשיטעלסטווע“, פארנעמט מענ זיי... אינ פּאָליציי אונ מע באגלייט זיי ארויס מיט גרויס פּאראד, דאָס הייסט מע שיקט זיי אָפּ מיטנ עטאפּ, גלײַכ מיט אלע גאנאָווים, אהיימ אינ זייערע שטעט, ווו זיי זײַ= נענ צוגעשריבנ.

דאָס האלט אָבער קיינעמ ניט אָפּ פונ צו פאָרנ אינ קי= עוו... מע האָט טאקע מוירע פאר „אָבלאוועס“, נאָר מע פאָרט. וועגנ דעמ זאָרגט שוינ דער באלעבאָס פונ דער סטאנציע, אז די „רעוויזיע“ זאָל אָפּלויפנ גלאט, בעשאָלעמ אונ מע זאָל, כאסוועכאָלילע, קיינ טרייפע סכוירע בא

זיי ניט כאפּן. ווי־אַזוי? גאַנץ פּשוט: דער באַלאַכאַניע שמירט אונטער דאָרט, ווו מע דאַרף. ער ווייסט שוין פרי־ער, ווען עס דאַרף זײַן די „רעוויזיע", און מע גיט זיך שוין אַן אייצע: מע פאַרשטופּט די פּאַסעלע סכוירע — ווען אין אַ בוידעם, ווען אין אַ קעלער, ווען אין אַ קליידער־שראַנק, ווען אין אַ קאַסטן און ווען אין אַזאַ מין אָרט, וואָס וועט גאָר קיינעם ניט אײַנפאַלן, אַז דאָרטן זאָל קאָנען זײַן פאַרבאָרגן אַ לעבעדיקער מענטש... און דאָס שענסטע דערבײַ איז, וואָס די זעלבע לײַט, וואָס זײַנען געלעגן אין אַזאַ מין פאַרבאָרגעניש, אַז זיי קריכן אַרויס אויף גאָטס וועלט, מאַכן זיי כוויזעק פון דער גאַנצער מײַ־סע, גלײַך ווי קינדער האָבן זיך געשפּילט אין באַהעל־טערלעך, און אויפן ערגסטן פאַל, טרייסט מען זיך מיט אַ זיפץ: „עט! מיר האָבן איבערגעלעבט ערגערע צײַטן און גרעסערע האַמאָנס!"...

סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש „האָט אויף זײַן ערשטן אַרויספאָר אין דער גרויסער הייליקער שטאָט קיעוו געהאַט די ערע און דאָס פאַרגעניגן צו ליגן מיט נאָך אַ פּאָר ייִדן בײַ רעב אַלטער קאַניעווער אויף דער סטאַנציע אויף אַ בוידעם און כאַפּן אַ ציטער... און אַזוי ווי די רעוויזיע איז געווען אַ פּלוצלעכע, אַן אומגעריכטע, האָבן די זכרים ניט באַוויזן צו כאַפּן אויף זיך, איך בעט איבער אײַער קאָ־וועד, די טאַכטוינים, און די ווײַבער — זייערע אונטער־שטע קליידלעך. אַ גליק, וואָס די „רעוויזיע" האָט זיך דאָס

מאָל גיך געענדיקט, אַניט וואָלטן זיי אַפּנ בוידעמ אויסגע־
גאנגענ פונ קעלט. דערפאר אָבער, — וואָס פאר א גדולע
איז געוואָרנ, אז דער באלאכסאניע, רעב אלטער קאָניעווער,
א שיינער ייִד מיט א ווײַסער באָרד, האָט זיי אראָפּגערופנ
פונעמ בוידעמ מיט א מאָדנער שפּראך צומ גראמ:

—יעהודימ בעלוי! קריכט ארויס פונ שטרוי! געפּאטערט
די שיידימ, אראָפּ פונעמ בוידעמ!..

געענדיקט האָט זיך דער איבערשרעק מיט א גרויסער
סימכע. מע האָט דערלאנגט דעמ סאמאָוואר און מע האָט
געטרונקענ טיי מיט טרוקענע בייגעלעך און מע האָט דער־
ציילט גיסימ־וועניפלאָעס — יעצואס־מיצראוימ! די סימכע
איז אָבער באלד פארשטערט געוואָרנ דורך דעמ, וואָס דער
באלאכסאניע, רעב אלטער קאניעווער, האָט ארופגעלייגט
אפ אלע זײַנע אָרכימ א מינ קאָנטריבוציע, צו אָנדערהאלבנ
קארבווינימ אפ א קאָפּ, קעדיי צו דעקנ די הויצאָעס, וואָס
די רעוויזיע האָט געקאָסט".

די ערשטע אנטוישונגענ

סאָלאָמאָנ ראבינאָוויטש איז געווענ באהאוונט אינ דער
רוסישער, העברייִשער און אינ דער ייִדישער ליטעראטור.
ער איז געווענ אויך באקאנט מיט פיל איבערזעצונגענ
פונ דער מײַרעוו־אייראָפּייִשער ליטעראטור. עס געפעלט
אימ אזוי גאָגאָל, שטשעדרינ, עס געפעלט אימ דיקענס.

סאָלאָמאָנ ראַבינאָוויטש ווייסט, אַז די ייִדישע שרײַבער פונ דער האַסקאָלע, ווי מענדעלע, ליִנעצקי, שאַצקעס, האָבנ פיל אופגעטאָנ פאַר די אָרעמע שיכטנ פונעם פאָלק. ער שעצט זייער סאַטירע, וואָס האָט געשטורעמט אונ אופגעריסנ די פעסטונגענ פונעם ייִדישנ מיטלאַלטער. אָבער עס ווילט זיכ אימ, אַז די ייִדישע ליטעראַטור זאָל אַרויס אַפנ ברייטנ שליאַכ פונ דער גאָרער וועלט. אונ ער אַלײנ וויל זײַנ צווישנ די, וואָס בויענ די ליטעראַטור.

„עס האָט אימ געצויגנ אינ דער גרויסער שטאָט אַרײַנ, ווי עס ציט אַ קינד צו דער שײַנ פונ דער לעוואָנע, אינ אַ גרויסער שטאָט זײַנענ פאַראַנ גרויסע מענטשנ. דאָכ זײַנענ די ליכטיקע שטערנ, וואָס שײַנענ אַראָפ צו אונדז אַפ דער ערד מיט זייער העלער ליכטיקײַט פונעם גרויסנ אומענדלעכנ הימל-רוים. דאָס זײַנענ די גרויסע מאַסקילימ, באַרימטע שרײַבער אונ פונ גאָט געבענטשטע פּאָעטנ, וואָס זייערע נעמענ האָבנ אַזוי שיינ געקלונגענ אינ די אויערנ פונ די... יונגיטשקע מאַסקילימלעכ, נאַ:ווע, אומשולדיקע באָכערימלעכ".

קיִעוו — דאָס איז דאָכ אַ שטאָט פונ אַ סאַכ שרײַבער. מע רופט דאָכ זיי די „כאַכמיי קיִעוו". מער פונ אַלעמענ האָט אימ צוגעצויגנ דער נאָמענ יעהאַלעל. ער קענ דאָכ זײַנע פּאָעמענ פונ „האַשאַכאַר" אַפ אויסווייניק. ניט אײנ מאָל האָט ער אַ באַגײַסטערטער דעקלאַמירט יעהאַלעלס פּאָעמעס אינ דער העברייִשער שפּראַכ. אָט די פּאָעמעס,

זוי עס זײַנען באַשריבן געוואָרן די לײדן פונ דער אָרעמשאַפט און פונעם האָרעפּאַשנעם פאָלק.

יעהאַלעל וועט אים טאַקע העלפן. ער, סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש, וועט דערצײלן דעם דיכטער וועגן אַלץ, וואָס עס וויקלט זיך באַ אים אָפּ אין האַרצן. וואָס איז דען זײַן לעבן? ניט קײן מאַטעריאַל פאַר אַ פּאָעמע? צי לײַדט ער דען ניט, ווי די העלדן אין יעהאַלעלס שאַפונגען? אַפילע אַן אומגליקלעכע ליבע פעלט אים אויך ניט. יאָ, יעהאַלעל וועט אים געוויס העלפן: ער וועט באַקומען די מעגלעכקײַט צו אַרבעטן, און אין דער פרײַער צײַט וועט ער לײענען אין דער גרויסער אוניווערסיטעטישער ביבליאָטעק, וועט שרײַבן און וועט זיך פרוּוון שיקן זײַנע ווערק אין רעדאַקציעס.

אָבער דאָ האָט אים זײַן האָפענונג אָפּגענאַרט. אין דער גרויסער שטאָט קיִעוו איז סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש נאָך עלנטער געווען, ווי פריִער, נאָך עלנטער, ווי אין דעם קלענסטן דאָרף. די אײַנוווינער פון דער גרויסער שטאָט האָט ווייניק וואָס געקימערט, וואָס אַף די גאַסן בלאָנקעט אַרום דער פאַרלוירענער, באַטריבטער, באַלײדיקטער סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש. זײ האָבן אַפילע ניט באַמערקט דעם טרויער, וואָס האָט זיך דאָ אין דער שטאָט נאָך מער פאַרצויגן איבער זײַנע שטענדיק פרײלעכע, בלויע אויגן.

אײניקע טעג נאָך דער שרעק פון דער אָבלאַווע האָט סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש געשפּאַנט איבער די קיִעווער גאַסן באַגלײט מיט פּאַכעד פאַר דער קיִעווער פּאָליציי, עס זאָל

אימ, אשטייגער, ניט אָפּשטעלנ קיינ רויטער קאָלנער פונ
א צארישנ דערזשימאָרדע אונ א פרעג טאָנ:

— דו, בעווערעמאנ, ווי קומסטו אהער? ווייז אקאָרשט
א קוק טאָנ דיינ פאספּאָרט!

עס האָט זיכ אימ אלץ פאָרגעשטעלט די סצענע, ווי־
אזוי דער דערזשימאָרדע וועט מיט טעמפּער זיגערישקייט
דורכלייענע די אופשריפט אפ זיינ פאספּאָרט:

Сей вид на жительство действителен в тех местах Российской Империи, где евреям жительство дозволено.

אָבער די דאָזיקע בילדער האָבנ אימ ניט אָפּגעשראָקנ.
צו גרויס איז געווענ זיינ בענקשאפט אונ די שטרעבונג
ארויסצוגיינ אפ דער ברייטער וועלט.

ער האָט זיכ דערוווּסט, אז דער דיכטער יעהאלעל איז
ערגעץ א קאסיר בא בראָדסקינ אינ א מיל אפ פאָדאָל.
אונ עס איז אימ געלונגענ אופצוזוכנ די מיל אונ דעמ
דיכטער יעהאלעלנ דאָרטנ.

„מיט א קלאפּנדיק הארצ אונ מיט א פארצאפּלטער נע־
שאָמע איז ער אריבערגעטראָטנ די שוועל אונ ארײַנ מיט
גרויס דערעבערעץ אינ... כיידערל ארײַנ. דאָרט האָט ער
געטראָפנ דעמ בארימטנ דיכטער... דער דיכטער איז געווענ,
ווייזט אויס, אינ זייער א הויכער פּאָעטישער שטימונג,
וואָרעמ ער האָט ארומגעשפּאנט הינ אונ צוריק איבערנ

בײדערל מיט די צוגויפגעלייגטע הענט אפנ הארצנ אונ אפ זײַנ יונגנ פארערער קימאט גאָר ניט געקוקט אונ האָט קוים=קוים געענטפערט אפנ גוט=מארגנ מער ניט ווי מיט א בייזנ קוק פונ זײַנע קאסאָקע אויגנ. פונ בעטנ זיצנ, אָדער פונ נאָכפרעגנ זיכ ווער, וואָס, וועמענ — איז גאָר קיינ רייד ניט געווענ. דער נאַיווער פארערער איז געווענ זיכער, אז אלע פּאָעטנ זײַנענ אזוי, אז אלעקסאנדער פושקינ ענטפערט אויכ ניט אפ א גוט=מאָרגנ"...

אָט אזוי האָט שאָלעמ=אליכעמ מיט זײַנ פּאָלקסטימלעכנ שמייכל דערציילט וועגנ זײַנ ערשטנ וויזיט צו א שרײַבער, וועגנ זײַנע ערשטע זוכענישנ אינ דער גרויסער וועלט.

פונ סאָלאָמאָנ ראבינאָוויטשעס פאנטאזיעס צו קריגנ מיטגעפיל באמ דיכטער יעהאלעל, צו באקומענ פונ אימ הילפ איז גאָרנישט ארויסגעקומענ. ער איז אוועק פונ אימ נאָכ עלנטער אונ פארצווייפלטער, ווי פריִער.

די באגעגעניש מיט יעהאלעלנ איז פאָרגעקומענ אינ אָנהייב 80=ער יאָרנ פונ פאָריקנ יאָרהונדערט. דאָס איז געווענ די צײַט, ווענ אינ די גרעסערע צענטערס פונעמ יִדישנ טכומ האָבנ זיכ די יִדישע מאסנ דערוווּסט פונ א נײַעמ מינ זדיעקע מיצאד דער צארישער רעגירונג אונ אירע טאליאָנימ. אינ אָדעס, אינ קיִעוו, אינ בערסאָנ אונ נאָכ אינ פיל אנדערע שטעט איז דעמלט געקומענ די ערשטע כוואליע פונ יִדישע פּאָגראָמענ. די יִדישע מאסנ האָבנ דערפילט אפ זייער לײַב די צארישע נאהײַקע. פינצ=

טערע אָפּהענטיקײט און רעאַקציע האָט דעמלט געהערשט צווישן דער יידישער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ. דער גרעסטער טייל פון די געוועזענע יידישע „פאָלקיסטן“, צו וועלכע עס האָט אויך געהערט יעהאלעל, איז אריבער־געגאַנגען אין דעם רעאַקציאָנער־נאַציאָנאַליסטישן לאַגער.

יעהאלעל איז געוואָרן א נאַציאָנאַליסטישער דיכטער און איז אָפּגעגאַנגען פון זיינע פריערדיקע „פאָלקיסטי־שע“ אָנשוואונגען. עס האָט אים שוין ווייניק־וואָס געקי־מערט פאַר א פאַרערער פון זיינע אמאָליקע, איצט אָפּגע־וואָרפענע אידייען.

אָן עלנטער, שטענדיק אונטערן דרוק פון פּאָליציייִשער נאָכשפּירונג בלאָנקעט ווידער סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש אי־בער די קיעווער גאַסן. ער זוכט, ער גייט נאָך פּראָטעק־ציעס, ביז עס באַגעגנט אים א ווינקל־אַדוואָקאַט, וואָס נעמט אים קלוימערשט פאַר א סעקרעטאַר צו זיך אין בעלאָצערקאָוו און נאַרט בא אים אויס דאָס ביסל געלט, וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

ראַבינער אין לובען

ביז גאָר שווער איז דעמלט געווען שאָלעם־אלייכעמס לאַגע. דער צוקינפטיקער גרויסער קינסטלער, וועלכער האָט זיך דערצויגן אף די בעסטע טראַדיציעס פון דער

רוסישער ליטעראטור און וועלכער האָט אין זיך אײַנגע־זאפט די בעסטע טראדיציעס פון דער ייִדישער האסקאָלע־ליטעראטור, האָט גאָר קיין אויסוועג פאר זיך ניט געזען. עס איז אוועק א ביסל צײַט, און שאָלעם־אלייכעם האָט געמוזט אָנטאָן א מאסקע פון א צארישן טשינאָווניק און פון א גאָטס־פארמיטלער. ער ווערט א קאזיאָנער ראבינער אין דער שטאָט לובען, פאָלטאווער גובערניע.

דאָס איז געווען ענדע 1880.

שאָלעם־אלייכעם האָט זיך געפילט אפ זײַן ראבינער־שטעלע עלנט און פרעמד ניט בלויז פון די פאָלקס־מאסן, נאָר אפילע אויך פון זײַנע נאָענטע כאווײרים...

„א רעכטער מענטש, — האָט איינער פון זיי געזאָגט, — טאָר אים איצט די האנט ניט געבן... דערפאר, וואָס ער איז א ראבינער, און א ראבינער איז א צוועיאק, א היפּאָקריט, א טעלערלעקער בא די נעגידים און א טשינאָווניק בא דער רעגירונג".

אין זײַן אווטאָביאָגראפיע שרײַבט שאָלעם־אלייכעם וועגן די קאזיאָנע ראבינערס פּאָלגנדיקס:

„א שטאָט פארלאנגט אזוי א ראבינער, ווי, אשטייגער, מע פארלאנגט א קוואָרעסמאן. דער גאנצער אינסטיטוט פון קאזיאָנע ראבאָנים איז, אייגנטלעך, אן איבעריקער, אן אָנגעהאנגענער פון דער רעגירונג אפ די רוסישע ייִדן, און זיי האלטן זיך מיט אים, ווי מיט עפּעס רעכטס.

שענער פונ אלצדינג איז דאָס, וואָס א „קאזיאָנער ראָוו“
ווערט ניט געשיקט דירעקט פונ דער רעגירונג צו געוועלטיקנ
אפ די ייִדנ, נאָר די ייִדנ אליינ באדארפנ אימ אויסקלײַבנ
דורכ וואלנ... פונ קאָהאָל. נאָר די וואלנ גופע זײַנענ... געגייט
פונ אויבנ. דאָס הייסט, „נאטשאלסטווע“ שרײַבט ארײַנ צו
קאָהאָל א פאפיר, אז דעמלט און דעמלט זאָלנ זיכ די
ייִדנ צונויפזאמלענ דאָרטנ און דאָרטנ און זאָלנ זיכ אויס=
קלײַבנ א ראבינער. און עס טוענ זיכ א לאָז קאנדידאטנ.
יעדער קאנדידאט האָט זיכ זײַנ צאד, און יעדער צאד האָט
זיכ זײַנע קלייזײַענ מיט זײַנע מיטלענ, מיט וואָס צו גע=
מענ דעמ אוילעמ. איינער האָט א שיינע פראָטעקציע. דער
אנדערער ארבעט מיט געלט. דער דריטער—מיט א גלעזל
מאשקע. שלאָפנ שלאָפט קיינער ניט. אינ שטאָט קאָכט
עס און עס רעדלט זיכ. כעוורע היצנ זיכ, עס איז א גדולע
אפ דער ייִדישער גאס, א סימכע — מע קלײַבט א רא=
בינער. מע באלאָטירט, מע ווארפט גאלקעס. עס איז כ״י=
געלעבט! אמאָל ציט זיכ עס אזוי אוועק וואָכנ. אמאָל —
כאדאָשימ. קעדיי די „וויבאָרעס“ זאָלנ צוגיינ קאָשער,
ווערט צוגעשיקט א „קנעפל“, וואָס גיט אכטונג, אז ס'זאָלנ
ניט פאָרקומענ כאָלילע קיינ שומ פאלשקײַטנ באמ ציילנ
די גאלקעס. און ערשט נאָכ די וואלנ הייבט זיכ אָנ די
רעכטע כאסענע. אזויווי דער גובערנאטאָר באדארפ דעמ
אויסוואל באשטעטיקנ, הייבנ אָנ צו גייג אינ דער גובערנ=
סקע פראוולעניע מעסירעס מיט קאסאציעס פונ די ניט

אויסגעקליבענע קאנדידאטנ, אונ אויב די „וויבאָרעס“ ווערנ קאסירט, הייבט זיכ אָנ די סימכע נאָכאמאָל פונ אָנהייב. נײַע קאנדידאטנ, נײַע צדאָדימ, נײַע „וויבאָרעס“, נײַע מעסירעס מיט נײַע קאסאציעס...“

די גווירימ אונ די קאָהאָל־פארזאָרגער פונ לובענ האָבנ באלד גענומענ העצנ קעגנ זייער ראבינער סאָלאָמאָנ ראבינאָוויטש. זיי האָבנ ניט געקענט פארטראָגנ דעמ „געבוילבעטנ“ (געבילדעטנ) ראבינער אינ די „פאנסנע“ אונ מיט די לאנגע האָר אפנ קאָפ.

ניט איינ מאָל איז ער ארויסגעטראָטנ קעגנ דעמ שווינדל פונ די כסידישע ראבײמ, וואָס פלעגנ באזוכנ דאָס שטעטל לובענ אונ אויסנארנ בא די אָרעמע ייִדישע פאָלקס־מאסנ זייער לעצטנ פארהאָרעוועטנ גראָשנ. זיי האָבנ ניט געקענט דולדנ דעמ ראבינער, דעמ אפיקוירעס, וואָס גייט אָנ א היטל אונ עסט אָנ א היטל, וואָס קלײַבט אופ די יוגנט בא זיכ אינ שטוב, גיט זיי רוסישע אונ העברייִשע טרייפ־פאָסלענ, רעדט מיט זיי וועגנ „מײַסע־ברייִשימ“ אונ לייקנט אינ דעמ אלטנ ייִדישנ גאָט, ווי עס שטעלנ אימ פאָר די כסידימ אונ די גאָטס־סטראפטשעס.

דער נײַער ראבינער סאָלאָמאָנ ראבינאָוויטש דערלאָזט ניט צו העכערנ דעמ שטײַער אפ פלייש אונ פאָדערט, אז פונעמ אופגעזאמלטנ געלט פונ דער טאקסע זאָלנ אײַנגעאָרדנט ווערנ א שפיטאָל פאר אָרעמע קראנקע, א באָד, א שול, ווו די אָרעמע קינדער זאָלנ האָבנ א מעגלעכקײַט צו

לערנענ אויכ וועלטלעכע קענטעניש‍נ, די רוסישע שפּראכ
אונ א מעלאָכע.

די גאָטס=סטראַפּטשעס אונ די קאָהאָל=פּאַרזאָרגער באַ=
מיִענ זיכ אופּרייצנ קעגנ אימ די באַלמעלאָכעס אונ די
אָרעמע שיכטנ פונ דער ייִדישער באַפעלקערונג אינ לובענ.
אָבער דער אווטאָריטעט פונ דעמ געבילדעטנ ראַבינער איז
אַלצ מער געוואַקסנ צווישנ דער אָרעמשאַפט.

באַ דרײַ יאָר איז שאָלעמ=אַלייכעמ געווענ א ראַבינער. ער
איז אַלײנ אוועק פונ זײַנ אמט, ווײַל ער האָט ניט גע=
וואָלט מער פאַרנעמענ אָט די מיִעסע שטעלע. די לובענער
גווירימ אונ גאָטס=סטראַפּטשעס זײַנענ געווענ ביז גאָר צו=
פרידנ, וואָס שאָלעמ=אַלייכעמ איז פונ זיי אוועק.

אינ „די וויבאָרעס“ (דאָס צווייטע בעלעטריסטישע
ווערק שאָלעמ=אַלייכעמס, וואָס טראָגט אַנ אויסגעשפּראָ=
כענעמ אווטאָביאָגראַפישנ כאַראַקטער) זעענ מיר שאָלעמ=
אַלייכעמס באַציִונג צו די פאָלקס=מאַסנ אונ די באַציִונג
פונ די פאָלקס=מאַסנ צו אימ.

אָט איז א געשפּרעכ פונעמ קאָהאָל=פּאַרזאָרגער אונ באַל=
טאַקסע רעב צאָדעק מיט די באַלמעלאָכעס פונ שטעטל:

„— ברידער! איכ זע, אַז איר ווילט נאָכ דעמ אַלטנ
ראַבינער, דעמ אַפּיקוירעס, וואָס שרײַבט אַפּ גאַזעטנ אונ
גייט אָנ א היטל... איכ זע, אַז דער שייגעצ האָט אײַכ ווײַ=
טער איבערגערעדט. זאָג איכ אײַכ, אַז איר וועט אימ
אויסקלײַבנ, וועט איר כאַראָטע האָבנ: איר דאַרפט וויסנ,

ווער איר זײַט, איר זײַט קלײנע מענטשעלעכ, אונ דאַרפט וויסנ, ווער עלטער איז, אונ וואָס האָט איר אַזעלכעס דערזענ אינ דעמ אַפּיקוירעס, וואָס איר שטײט פאַר אימ.

— האָט מיר קײנ פאַריבל, רעב צאָדעק, וואָס איכ וועל אײַכ זאָגנ, — האָט זיכ אַרויסגערוקט פונ דער מאַסע אַ גרײַזגרויער באַלמעלאָכע, — דער אַלטער ראַבינער האָט באַ אונדז פאַרדינט, מיר זאָלנ אימ שטײנ אינ זײַנע נויטנ. ער מעג זיכ זײַנ וואָס ער וויל, וועלנ מיר פאַר זײַנע זינד ניט אָפּקומענ. קײנ שלעכטס האָט ער דערווײַל ניט געטאָנ קײנעמ, אונ ווענ ניט ער, וואָלטנ אונדזערע קינדער אַדאַיעמ געגאַנגענ באָטל, אונ די אָרעמע קראַנקע וואָלטנ זיכ אַלצ געוואַלגערט אינ גאַס ווי אַמאָל... נײנ!“

לעבאַטשילע האָט זיכ ראַבינאָוויטשנ געדוכט, אַז אַפ דער ראַבינער־שטעלע וועט ער קענענ מיטווירקנ צו פאַרבעסערנ די לאַגע פונ די ייִדישע פאָלקס־מאַסנ, אָבער אינ אַ קורצער צײַט אַרומ האָט ער זיכ איבערצײַגט, ווי נישטיק אונ אַפילע ווי שעדלעכ עס איז זײַנ ראָל. ער האָט דערזענ, אַז זײַנע פרײדיקונגענ אונ רעדעס וועגנ די לײדנ פונ די פאָלקסמאַסנ ווערנ אָפּגענומענ פונ די שטאָטישע קאָהאָל־פאַרזאָרגער אָנ קײנ שומ אינטערעס, אַז אינ בעסטנ פאַל ראַגירנ די גווירימ אַפ זײַנע פרײדיקונגענ בלויז מיט אַ געמאַכטנ זיפצ. וואָס פאַר אַ פרווו ער זאָל ניט אונטערנעמענ צו העלפנ די אָרעמע ייִדישע מאַסנ, מוז עס אומפאַרמײַדלעכ דורכפאַלנ.

אין דעם ערשטן יאָר פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, 1883—1884, האָט שאָלעם־אַליכעם אויסער אַנדערע ווערק אָנגעשריבן „די וויבאָרעס“ און די פּאָעמע „די יידי־שע משיגאָוויקעס“, וווּ שאָלעם־אַליכעם ווייזט, וויאַזוי די קאָהאָל־פאַרזאָרגער איינגעמען מיט די ראַבינערס שינדן די הויט פון דער יידישער אָרעמשאַפט.

בא דעם העלד פון דער פּאָעמע „יידישע מעשינאָוויקעס“, באַם וואַסערפירער מיכל פון דער „יידישער גאַס“, שטאַרבט דער פאָטער. די כעוורע־קאַדישע בעט א גרויסע סומע בא מיכלען. אויב ער וועט זי ניט אַרײַנטראָגן, וועלן זיי דעם פאָטער זײַנעם ניט מעקאַבער זײַן.

פון האָבער א זאַק האָט מיכאָעל געבאַפּט
און האָט אהין געפּאַקט, וואָס ער האָט דערטאַפּט:
א קאָלדרע, צוויי ציכלעך, קאָלע־מאַטאָנעס,
א סידער, דרײַ ביכלעך — דעם כאָסנס שאָלעכ־מאָנוס,
. . . .
. . . .
דאָס ביסעלע גרעט צוזאַמען מיטן קיטל,
(ניט לאַנג געקאָסט בלוט!) דאָס שאַבעסדיקע היטל,
א קאַפּאָטע א צעריסן, א יופּע מיט לאַטעס,
א פּאָר הענטשקעס צעביסענע... און נאָך אַזעלכע שמאַטעס.

דאָס אַלעס מיטן טאַלעס אַ פּעקל געמאַכט,
און דעם גאַנצן „דאַלעס" צום גאַבע געבראַכט.

פאַר דעם גאַבע פון דער כעווראַ־קאַדישע איז דאָס אָבער ווייניק. ער דאַרף מעזומענע געלט, עס געפעלן אים ניט די מאַשקאָנעס. ער נעמט עס קלוימערשט ניט פאַר זיך, ער זאָרגט פאַר אָרעמעלײַט און פאַר זייערע קינדער, וואָס גייען באָרוועס. דער וואַסערפירער ווײַנט ביטער און פאָלעט קוים באַם גאַבע, ער זאָל הייסן גראָבן דעם קייווער, אָבער קעדיי מעקאַבער צו זײַן זײַן פאָטער, מוז נאָך מיכל אָפּקלײַבן די לעצטע גראָשנס, וואָס זײַנען אים פאַרבליבן, און אַוועקטראָגן צום ראַבינער.

פונעם גאַבע איז אונדזער העלד צום ראַבינער אַוועק...
צום ראַבינער דאַרף מען געלט; אויף מאַשקאָנעס —
אַן עק!
אָן אַ היטל איז מיכאָעל צום ראַבינער צוגעטרעטן:
(דער אויבערשאַמעס רעפאָעל האָט דאָס אים אַזוי
געבעטן!)
נעמט... אַדוינ־קיניג! איך וועל אײַך נאָך דאַנקען
באַזונדער.
— אַ קערבל איז ווייניק... איך בין אַ מעטופּל מיט
קינדער!...
— מײַן ליבער האַרציקער ראַבינער! האָט מיר קיין
פאַריבל:

איך וועל אײַך ברענגען אַ פּאָר הינער... נעמט דער־
ווײַל דעם רובל!

אָט אזוי האָט שאָלעם־אַליי‏כעם, מאכנדיק זײַנע ערשטע,
נאָך ניט אײנגאַנצן רײַפע, ליטעראַרישע טריט אין ייִדיש,
געוויזן די ראָל פון די ייִדישע טשינאָווניקעס אינעם לעבן
פון די ייִדישע פאָלקס־מאַסן אינעם צאַרישן רוסלאַנד.

אין יאָר 1883 אין אַווגוסט כוידעש האָט שאָליעם־אַליי־
כעם פאַרלאָזן זײַן ראַבינער־שטעלע און האָט זיך אָפּגע־
זאָגט פון דער ראָליע צו זײַן אַ שטאַדלען בײַ דער ייִדי־
שער בורזשואַזיע און בײַם צאַריזם.

אין יאָר 1888, ווען שאָלעם־אַלייכעם איז שוין געווען
אַ באַוווּסטער שרײַבער, האָט ער אין זײַן אײנאַקטער „די
אַסיפּע“ אויסגעלאַכט זײַנע פּרוּוון צו ווירקן אַלס ראַבינער
אויף די קאָהאָל־פאַרוואַרגער און גאָטס־סטראַפּטשעס, זיי
זאָלן כאָטש מיט עפּעס־וואָס מיטהעלפן די אָרעמע ייִדישע
פאָלקס־מאַסן צו פאַרגרינגערן זייער ביטערן גוירל:

„...קיין פּאַרנאָסע איז ניטאָ. מע שלאָגט, מע יאָגט, מע
רײַסט, מע בײַסט, מע סיפּעט, מע ציפּעט — ס'איז
שלעכט! מענטשן פאַלן אין די גאַסן, מע גייט אויס פאַר
הונגער, נעבעך. אומעטום, אין אַלע ערטער, האָבן זיך
געפונען, ווי ס'איז אײַך באַקאַנט, מענטשן אָרנטלעכע,
געבילדעטע מענטשן, הומאַנע מענטשן, מענטשן, וואָס זאָרגן
לעטוויוועס האקלאל, מענטשן, וואָס טוען זייער פיל פאַר

זייערע אָרעמע, יעדער העלפט ווי וויט מעגלעכ, מיט וואָס ער קענ. מע מאכט אסיפעס, מע קלייבט געלט, מע טיילט צדאָקעס — האקלאל, מע טוט, מע ארבעט, מע שלאָפט ניט".

אָט מיט אזא שעפעליאווער שפראכ האָט שאָלעמ-אלייכעמ געקאָנט פארטיידיקנ די אָרעמע יידישע מאסנ פונ דער יידישער בורזשואזיע דעמלט, ווענ ער איז געווענ א ראבינער.

קאפיטל פינף

די ערשטע יאָרן פון שאָלעם־אַלייכעמס ליטעראַרישער טעטיקייט

די ערשטע פּרוּוון פון זײַן ליטעראַרישן שאַפן איז שאָלעם־אַלייכעמען ניט געלונגען צו פאַרעפנטלעכן. וועגן דער סאַמע פריִערסטער ליטעראַרישער טעטיקייט זײַנער דערציילט ער מיט זײַן שאָלעם־אַלייכעמישן שמייכל אַזוי:

„אין דער עפּאָכע... פון זיבעצן יאָר ביז איין און צוואַנציק יאָר... האָב איך אַ סאַך־אַ סאַך געלייענט, נאָך מער געשריבן. און געשריבן האָב איך אַלץ, וואָס איך האָב געלייענט: לידער, פּאָעמען, ראָמאַנען, דראַמען און אַ שיר און גלאַט „מײַמאָרים“ אין דער וועלט אַרײַן! מײַנע „ווערק“ האָב איך געשיקט אין אַלע... רעדאַקציעס (איך האָב געשריבן אין לאָשנקוידעש און אין רוסיש), און די רעדאַקציעס האָבן, באָרעכאָשעם, געהאַט מיט וואָס צו הייצן די הרובעס. נאָר איין „האַמײליץ“ האָט אָפּגעדרוקט אַ צוויי־דרײַ פון מײַנע „מײַמאָרים“ מיט אַ העאָרע פון דער רעדאַקציע מיט קליינטשיקע אויסע־

לעב: שפתך אתך (דײַנ שפראַכ איז מיט דיר) שלח דבריך וכבדנום (שיק דײַנע רייד, וועלנ מיר זיי פארצוקערנ). אונ איכ האָב אָנגעהויבנ שרײַבנ לאָשנקוידעשדיקע „מעמאָרימ" אפנ פּוד, גאנצע וואגאָנעס מיט „מעמאָרימ", נאָר מע האָט זיי ניט געוואָלט פארצוקערנ, איכ ווייס ניט פארוואָס"...

אינ יאָר 1881 האָט שאָלעמ-אלייכעמ אָפּגעדרוקט אַ ארטיקל וועגנ דערציִונג אינ דער פּעטערבורגער טעגלעכער צײַטונג „האמייליץ". דער דאָזיקער ארטיקל איז אָנגעשריבנ אינעם טראדיציאָנעל-מאסקילישנ סטיל פונ יענער צײַט, אָבער שוינ דאָ לאָזט זיכ דערקענענ שאָלעמ-אלייכעמס ליבע צו די פאָלקס-מאסנ, זײַנ סינע צו די זײַטנ פונ דער יידישער בורזשואזיע, צו איר יאָגנ זיכ נאָכנ אויסערלעכנ טראסק.

אינ א באמערקונג שרײַבט דאָרטנ דער צוקינפטיקער שאָלעמ-אלייכעמ וועגנ איינעמ א גוויר, וואָס האָט געגעבנ א סאכ געלט אפ אויסבויענ אונ אויספוצנ א בעסמעדרעש, אז „עס וואָלט א סאכ גלײַכער געווענ, ווענ אָט דאָס געלט וואָלט אויסגענוצט געוואָרנ אפ גרינדנ מוסטערהאפטע שולנ אונ קיכנ פאר אָרעמע קינדער".

אונטער דעמ דאָזיקנ ארטיקל האָט זיכ נאָכ שאָלעמ-אלייכעמ אונטערגעשריבנ:

דער יינגסטער אינ דער קאָהאָרטע פונ יעהודע ראבינער שאָלעמ ראבינאָוויטש.

די קליינע העברייִשע ארטיקלענ שאָלעמ-אלייכעמס

האָבנ געהאט א פובליציסטישנ כאראקטער. דער קינסטלער שאָלעמ=אליכעמ ווײַזט זיכ ערשט אינ יאָר 1883, אונ ניט אינ דער העברייִשער פרעסע, נאָר אינ דער ייִדישער, אינ דער דעמלט אײנציקער ייִדישער צײַטונג „ייִדישעס פאָלקס=בלאט“, וואָס האָט דערשײַנט אינ פעטערבורג.

די העברייִשע שפראכ, וואָס שאָלעמ=אליכעמ האָט אויסגעצייכנט געקענט, האָט ניט געקענט ווערנ די שפראכ פאר די קינסטלערישע שאפונגענ פונעמ גענײאלנ ייִדישנ פאָלקס=שרײַבער. ניט פונ דער העברייִשער שפראכ האָבנ געשלאָגנ די קוואלנ פונ שאָלעמ=אליכעמס פאָלקישקײַט אינ דער ליטעראטור. דאָס פאָלק האָט דאָכ אפ דער שפראכ ניט גערעדט אונ האָט זי ניט פארשטאנענ. דער פאָלקישסטער צווישנ די ייִדישע פאָלקס=שרײַבער שאָלעמ=אליכעמ האָט אזא געקאָנט ווערנ נאָר דעמלט, ווענ ער האָט גענומענ שעפנ פונעמ סאמע לעבעדיקסטנ פאָלקס=קוואל — פונעמ ייִדישנ פאָלקס=שאפנ אונ פונ דער ייִדי=שער שפראכ.

דאָ האָט שאָלעמ=אליכעמ אראָפגעוואָרפנ פונ זיכ די פענטעס פונ א סטאטעטשנעמ העברייִשנ ריטאָריקער. ער איז געוואָרנ אויס זעלנער פונ די באטאָלאָנישע „קאָהאָר=טעס פונ יעהודע“, וואָס האָבנ זיכ געיִבט אינ דער קונסט פונ מעליצע. ער איז געוואָרנ דער קעמפער פארנ רעאליזמ אינ דער ייִדישער ליטעראטור, דער פאָנענ=טרעגער פונ דער עכטער פאָלקסטימלעכקײַט.

די ערשטע דערציילונג שאָלעמ=אַלייכעמס אינ ייִדיש „צוויי שטיינער" טראָגט נאָכ, עמעס, דעמ כאַראַקטער פונ אווטאָביאָגראַפישע מעמוארנ וועגנ זײַנ ליבע צו זײַנ צוקינפטיקער פרוי אָלגא לאָיעוו=ראַבינאָוויטש. אַלס קינסטלער איז נאָכ דאָ שאָלעמ=אַלייכעמ ניט רײַפ. שאָלעמ=אַלייכעמ דער הומאָריסט — ווײַזט זיכ עטוואָס שפעטער, אינ זײַנע סקיצנ פונעמ לעבנ פונ דער פראָווינצ, וואָס זײַנענ אויכ געווענ געדרוקט אינ „פאָלקסבלאַט".

ער האָט זיכ אויסגעקליבנ פאַר זײַנ פסעוודאָנימ די אַלטע, גוטמוטיקע ייִדישע באַגריסונג „שאָלעמ=אַלייכעמ"— פרידנ צו אײַכ.

אָט דער דאָזיקער פסעוודאָנימ אַליינ „שאָלעמ אַלייכעמ" האָט שוינ מיט זיכ געבראַכט א פריידיקנ אָנזאָג. דער יונגער קינסטלער האָט זיכ געווענדט מיט א גוטברודערישנ, מיט א כאַווערישנ שמייכל צו די פאַרהאָרעוועטע אונ אונטערדריקטע פאָלקס=מאַסנ.

אונ די גאַנצע צײַט פונ זײַנ שאַפנ האָט זיי שאָלעמ=אַלייכעמ ניט פאַרלאָזנ, געפרייט זיכ אונ געטרויערט מיט זיי אינאיינעמ, אַרײַנגעדרונגענ אינ די ענגע געסלעכ פונ זייער געטאָ, געטראָגנ זיי ליבע אונ פרייד פונ שאַפנ אונ געוויזנ פאַר דער גאַנצער וועלט, ווי אַזוי אָט די דאָזיקע אומגליקלעכע אָרעמע מאַסנ פאַרלירנ ניט זייער מענטשלעכ פאָנעמ, קעמפנ מוטיק פאַר זייער רעכט אַפ לעבנ.

— שאָלעמ=אַלייכעמ אײַכ! איכ קעמפ מיט אײַכ אינאיי=

נעמ! איכ ליב דעמ מענטשנ אינ אײַכ, כאָטש ער זינקט אינ א טיפנ זומפּ. איכ זע די לויטערקײט פונ אײַער שיינקײט, כאָטש עס איז פאַרדעקט מיט א בארג פונ אומצאָליקע שמאטעס. שאָלעמ-אַלייכעמ אײַכ! איכ פריי זיכ אונ איכ טרויער מיט אײַכ צוזאמענ!

גלויבנ אונ אָפּטימיזמ האָבנ געקלונגענ פונ שאָלעמ-אַלייכעמס געלעכטער, קינסטלעריש-טיפע אונ דערהויבענע מענטשנ-ליבע האָט ער געטראָגנ אינ זײַנע ווערק — דעמ אָפּטימיסטישנ הומאניזמ.

די ערשטע פיר יאָר פונ זײַנ ליטעראַרישער טעטיקײט, פונ יול 1883 ביז אָנהייב 1887, זײַנענ, אייגנטלעכ, געווענ פאַר שאָלעמ-אַלייכעמענ יאָרנ פונ זוכנ זײַנ ליטעראַרישנ זשאנר. שאָלעמ-אַלייכעמ האָט דעמלט געפּרוווט זײַנ פענ אינ פאַרשיידענע זשאנרענ פונ דער ליטעראַטור: דערציילונגענ, לידער, דראַמאטישע ווערק, קריטיק אונ פובליציסטיק.

א באזונדער אָרט אינ שאָלעמ-אַלייכעמס שאפנ פונ זײַנ ערשטנ פּעריאָד פאַרנעמענ זײַנע לידער, אינ וועלכע עס האָט זיכ געפילט די ווירקונג פונעמ רוסישנ דיכטער נ. א. ניעקראסאָוו.

ניט נאָר די גרויסע ליבע צו די פאָלקס-מאסנ, צומ עקספּלואַטירטנ פאָלק האָט שאָלעמ-אַלייכעמ גענומענ באַמ גרויסנ רוסישנ דיכטער, ניט נאָר זײַנ זויבערע טרער וועגנ דער וויסטער דאָליע פונ די פאָלקס-מאסנ אונ זײַנ סינע

צו די הערשנדיקע קלאסנ, נאָר אויכ דעמ ריטמ אונ די מאָס האָט שאָלעמ=אלייכעמ גענומענ בא ניעקראסאָווג. אפ א סאכ לידער פלעגט שאָלעמ=אלייכעמ אָנווײַזנ: „זינגענ עס לויט דעמ מאָטיוו פונ דער אָדער יענער ניעקראסאָווס ליד".

Голодно, странничек, голодно,
Холодно, родименький, холодно.
(Некрасов)

דאָס איז געווענ דער דעוויז פונ שאָלעמ=אלייכעמס לידער. ער האָט דערציילט אינ זיי וועגנ הונגער, דאכקעס אונ נויט, פאָליטישע באגרענעצונגענ פונ די יידישע פאָלקסמאסנ, עקספלואטאציע פונ די הערשנדיקע קלאסנ. מיט די אידייענ פונ ניעקראסאָווס דיכטונג איז דורכגעדרונגענ שאָלעמ=אלייכעמס פאָעמע „יידישע טשינאָווניקעס", די לידער: „דער כאָלעמ", „מע פרעגט מיכ, וואָס איכ וויינ?" אונ אנדערע. דעמ יונגנ שאָלעמ=אלייכעמס לידער זײַנענ פארשפרייט געוואָרנ צווישנ די יידישע מאסנ, אונ פיל פונ זיי זײַנענ געוואָרנ פאָלקס=לידער, צומ בײַשפיל: „גוטמאָרגנ, וואָס מאכסטו, מײַנ טײַערע עסטער?" אונ אנדערע.

שאָלעמ=אלייכעמס מאָטיווג פונ יענער צײַט איז צו זענ
פונ זײַנ ליד „מע פרעגט מיכ, וואָס איכ וויינ?"

ריידנדיק אינ דער דאָזיקער ליד וועגנ די רעדיפעס פונ די יידישע פאָלקס=מאסנ מיצאד דעמ צאריזמ, גייט שאָ=

לעמ=אלייכעמ נאָכדעמ איבער צו די הערשנדיקע קלאַס,
בא די ייִדנ גופע. אונ אָט וואָס ער זאָגט:

אונ צו מײַנע אייגענע ברידער, ווענ איכ קוק זיכ צו,
הער איכ די זעלבע לידער אונ האָב קיינ הילפ דאצו.
איכ פארשטעל שטארק די אויגנ, איכ זאָל נימ זענ,
וואָס טוט זיכ דאָ,
ווי דער אָרעמאנ ווערט ארויסגעצויגנ, ווי עס איז
קיינ עמעס ניטאָ,
ווי איינער יאָגט דעמ צווייטנ אונ מאכט פונ אימ א
טעל,
אפ איינ האנט טראָגט ער קייטנ אונ אפ דער אנדע=
רער—די פעל...
די קאָהאָלשע רעדלפירער, די גאבאָימ, די נעמאָנימ,
די שאמאָסימ, די פארזאָרגער — ראכמאָנימ בניי
ראכמאָנימ...
די באלטאקסעס, די באלטויוועס, וואָס עסנ פלייש
אונ פארקויפנ ביינער,
די גאלאָגנ מיט די כויוועס, וואָס וואקסנ ווי א בארג
מיט שטיינער,
די „גוטע=ייִדנ“, די צאדיקימ, מיט די פײַערדיקע
כסידימ,
די באלמויפסימ, די מאזיקימ, די זאָגטערס, די מאגי=
דימ,

די מאַסקילים, די פּאַטריאָטן, וואָס זיינען אויך ניט
בעסער...
די דאָקטוירים, די דעספּאָטן, וואָס קוילן אָן א מעסער,
און נאָך, און נאָך, און נאָך... נאָר וואָס האָבן מיר
צו ריידן?
לעזער! ווי איז מיר און אָך — אי מיר, אי דיר,
אונדז ביידן!!..
איר פרעגט מיך, וואָס איך וויין, וואָס באַטייטן מיינע
טרערן?
איר זעט זיך שוין אליין — איך בין דאָס אליין ניט
געוואָרן...

פון דעם ערשטן ליטעראַרישן דעביוט זיינעם האָט שאָ־לעם־אַליינעם געשטעלט פאַר זיך אַלס אויפגאַבע צו גיין מיטן וועג פון דער פאָרגעשריטענער רוסישער ליטעראַטור און אַנטוויקלען די בעסטע טראַדיציעס פון דער יידישער דעמאָקראַטיש־אויפקלערערישער ליטעראַטור, פון מענדע־לען, לינעצקין, גאָלדפאַדענען.

אינעם וועג פון מענדעלע מוכער־ספאָרים

אָנהייבנדיק פון יאָר 1883, ווען שאָלעם ראַבינאָוויטש האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אָנגערופן מיטן פּסעוודאָנים שאָלעם־אַליינעם, קאַרגע צוויי

יאָר זײַנען אַריבער זינט ער האָט געגומען דרוקן זיך אין פּעטערבורגער „יידישן פֿאָלקסבלאַט".

פֿאַר דער צײַט האָט ער אויסער זײַנע לידער פֿאַר־עפֿנטלעכט זײַן סעריע „איבערגעכאַפּטע בריװ פֿון רעב לייבלען אַף יענער־װעלט צו רעב װעלװלען אַף דער־װעלט", און דאָרטן האָט ער געפֿרוּװט גיין אין דעם װעג פֿון אונ־דזער גרויסן קלאַסיקער־סאַטיריקער מענדעלע, אויסנוצנדיק אויך די סאַטירישע מאָטיװן פֿון יצחק ערטערן.

פּונקט אַזױ װי מענדעלע, האָט זיך שאָלעם־אַליײכעם געפּרוּװט אַראָפּרײַסן די מאַסקעס פֿון די פֿרומע גאָטס־סטראַפּטשעס און פֿון די גװירים. פּונקט אַזױ װי מענדע־לע, האָט ער זיך געפּרוּװט אויסלאַכן פֿאַרעלטערטע זיטן און מינהאָגים, װאָס זײַנען נאָך אַפּילו ענדע אַכציקער יאָרן געװען גענוג שטאַרק.

גלײַך װי שאָלעם־יאַנקעװ אַבראַמאָװיטש, װעלכער האָט זיך פֿאַר דעם לעזער פֿאַרגעשטעלט אין דעם געשטאַלט פֿון דעם אָפּטמאָל גוטמוטיקן, אָפּטמאָל בייזן ייִדן פֿון אַ גאַנץ יאָר מענדעלע מוכער־ספֿאָרים, האָט אויך שאָלעם ראַבינאָװיטש זיך פֿאַרגעשטעלט אין דעם געשטאַלט פֿון שאָלעם־אַליײכעם, װאָס איז עפּעס „אַזאַ מאַמזער, אַ שלאַק, אַ מאַרשעליק, אַ קאַלבוױניק, אַ טרייפֿענער פּיסק", װי עס האָבן װעגן אים געשמועסט פֿאַרשיידענע פּערסאָ־נאַזשן אין זײַנע פֿעליעטאָנען.

גלײַך װי בײַ שאָלעם־יאַנקעװ אַבראַמאָװיטשן איז מענ־

דעלע מויכער־ספֿרים געווען אין צענטער פֿון די באַשרײַ־
בענע פֿאַרשוינען, איז געווען אַן אַקטיווער אָנטײלנעמער
אין דער האַנדלונג, איז אויך בײַ שלום ראַבינאָוויטשן דאָך
געשטאַלט שלום־עליכעמס געווען דער אַקטיווער אָנטייל־
נעמער פֿון אַלע זײַנע דערמאָנטע ווערק.

און אַזוי ווי מענדעלע, האָט אויך שלום־עליכעם
אויסגעפֿונען פֿאַר זײַנע שטעט און שטעטלעך כאַראַקטע־
ריסטישע נעמען, וואָס זאָלן פּאַראַלגעמיינערן דעם אויסער־
לעבן אויסזען און דעם אינערלעכן טאָך פֿונעם ייִדישן
שטעטל. האָט מענדעלע די שטעטלעך אַ נאָמען געגעבן
קאַפּצאַנסק, גלופּסק, צוויאַטשיטש, האָט זיי שלום־עלי־
כעם אויך געגעבן אַן אַלגעמיינעם נאָמען דורמאַנאָוו, לע־
פּעטיווקע, קאַפּצעניוווקע.

מענדעלע איז געווען דער גרעסטער אויטאָריטעט בײַם
יונגן שלום־עליכעמען, און עס האָט זיך אים, שלום־
עליכעמען, געוואָלט וויסן, וואָס זאָגט וועגן זײַנע ליטעראַ־
רישע פּרוּוון דער, וועמען ער האָט אַזוי הויך געשטעלט,
אין וועמעס וועגן ער גייט אַזוי פֿלײַסיק און איבערגע־
געבן.

ענדע 1884. מענדעלעס פֿרײַנט און פֿאַרערער פּראַווען
דעם פֿינף־און־צוואַנציקיאָריקן יובילײ פֿון מענדעלעס לי־
טעראַרישער טעטיקייט, וועלכער האָט געהאַט אַ גאַנץ
באַדײַטנדיקן פֿאַר יענער צײַט אָפּקלאַנג אין דער
פּרעסע.

דער יונגער שאָלעמ=אלייכעמ באשליסט זיכ צו באגרייפנ דעמ גרונטלייגער פונ דער נײַער ייִדישער ליטעראטור. אונ מיט א יונגטלעכנ ציטער שטעלט ער זיכ פאָר פארנ גרויסנ ליטערארישנ אווטאָריטעט מענדעלע — אינ א באגריסונג אפ רוסיש, וואָס ער שיקט אימ צו זײַנ פינפ=אונ=צוואנ=ציקיאָריקנ יובילײ. „קאָנ זײַנ, אז אינ די פיל בריוו אונ באגריסונגענ וועט זיכ אײַער אופמערקזאמקײַט ניט ווילנ=דיק אָפּשטעלנ אפ די דאָזיקע שורעס, וועלכע עס שיקט אײַכ פונ דער ווײַטער פראָווינצ, אזוי צו זאָגנ, פונ די סאמע טיפענישנ פונ אונדזער רוסישנ געטאָ, א יונגער, נאָר א הייסער פארערער פונ אײַער טאלאנט. א פארערער, וואָס ארבעט אפ דעמ באָדנ, וואָס איר האָט אופגעאקערט, אונ פאָלגט נאָכ פלײַסיק אונ אײַנגעשפארט נאָכ אײַערע שפורנ, וואָס איר האָט אזוינע שארפע איבערגעלאָזט אפ די פעלדער פונ אונדזער זשארגאָנישער ליטעראטור“.

פול מיט פאטאָס אונ האָפענונגענ אפ דער צוקונפט פונ דער ייִדישער ליטעראטור איז געווענ אָט דער ערשטער בריוו פונ שאָלעמ=אלייכעמענ צו מענדעלענ.

עס איז שוינ דעמלט געווענ פאר שאָלעמ=אלייכעמענ קלאָר, אז אינ זײַנ שרײַבנ גייט ער ארויס ניט פונ זײַנע אינדיווידועלע אינטערעסנ, נאָר פונ די אינטערעסנ פונ דער ייִדישער ליטעראטור אונ פונעמ פאָלק.

זיך ווידער באגעגנט

א פּאָר יאָר נאָכאַנאַנד האָט אָלגא לאָיעוו ניט באַקומען קיין בריוו פון איר געליבטן סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש. א פּאָר יאָר נאָכאַנאַנד האָט סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש געשריבן צו זיין געליבטער אָלגא לאָיעוו, און זי, אָלגא, האָט ניט געוווּסט, אז סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש שרייבט איר בריוו און אז דער באַאַמטער פון דער נאָענטער פּאָסט־סטאַנציע גיט זיי איבער איר פאָטער עלימעלעך לאָיעוו. זי האָט ניט געוווּסט, אז איר פאָטער לייענט די בריוו, ווערט אין כּעס, שפּייט אויס, צערייסט זיי און וואַרפט אַרויס די צעריסע־נע שטיקלעך פּאַפּיר.

עס זיינען אַריבער דריי יאָר — 1880—1882.

צוויי באַוווּסטזיניקע — האָבן זיך געצויגן איינער צום צווייטן, געבענקט און אָפטמאָל אפילו באמת זיך פאַרגעסן איינער אין דעם אַנדערן. צוויי באַוווּסטזיניקע זיינען געווען באַליידיקט איינער אויפן צווייטן, פאַרוואָס איז מען אזוי ווייט געוואָרן, און יעדערער האָט בא זיך אין האַרצן געטראָגן א פאַר־דראָס: פאַרוואָס האָט דער באַוווּסטער אויף מיר פאַרגעסן?

דעמאָלט האָט דער יונגער שרייבער שאָלעם־אַליכעם אָנ־געשריבן א ליד אויפן מאָטיוו פונעם באַוווּסטן העברעיִשן דיכטער יעהודע־לייב גאָרדאָן, געווידמעט דעם גורל פון דער ייִדישער פרוי. און אָט וואָס פאַר א פערזן מיר געפינען דאָרטן וועגן דער דעמאָלטיקער שטימונג שאָלעם־אַליכעמס:

איך געדענק דײַנ געװײנ, דײַנע ביטערע טרערנ,
(כאָטש פונ מיר האָסטו דאָך זײ טאָמער פארבאָרגנ...)
קײנער האָט ניט געװאָלט דײַנע טײַנעס אױסהערנ:
אַלע האָבנ געװאָלט דײַנ טאַכלעס פארזאָרגנ!..
צי דו װעסט האָבנ א מאנ א גוטנ צי א שלעכטנ,
דאָס האָבנ דײַנע עלטערנ ניט געװאָלט קלערנ:
דײַנ פאָטער האָט געזוכט א מעכוטנ א רעכטנ,
אונ דײַנ מוטער האָט געװאָלט א שװיגער שױנ װערנ.

עס איז געקומענ דאָס יאָר 1883. אָלגא לאָיעװ אונ סאָלאָמאָנ ראבינאָװיטש האָבנ זיך װידער באגעגנט, אונ דאָס מאָל האָט זײ שױנ קײנער ניט געקאָנט צעשײדנ. אינ יאָר 1883 איז פאָרגעקומענ זײער כאסענע, אונ דאָס יונגע פאָרפאָלק האָט זיך באזעצט אינ דער שטאָט בעלאָצערקאָװ.

א גאסט

סאָלאָמאָנ ראבינאָװיטש האָט ניט אײנ מאָל אופמערקזאמ געמאכט זײַנע נאָענטע באקאנטע אפ די נאָטיצנ אינ די פעטערבורגער צײַטונגענ װעגנ די ארױסטרעטונגענ פונעמ יונגנ טענאָר מיכאַיל יעפימאָװיטש מעדװעדיעװ. יעד פלעגט זײ דערצײלנ, אז אָט־דער מעדװעדיעװ — דאָס איז דער מײערקע, װאָס פלעגט מיט אימ אינ װאָראָנקאָ אפ דער טאָרהאָװיצע פארשטעלנ זיך אינ דער שפיל פונ דעמ „גאזלענ אונ אָרעמאנ“.

שאָלעם-אליכעם און זײַנ פרוי צו זייער
כּאסענע (קיִעוו, דעם 12 מײַ 1883)

איצטער איז מעדוועדיעוו דורכ א צופאַל געוואָרנ א סטודענט פונ דער פעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע, אונ די אַקטיאָרישע קרײַזנ אינ פעטערבורג לייגנ אַפ אימ גרויסע האָפענונגענ, ער איז איצטער געקומענ אַפ וואַקאַציעס צו זיכ אינ זײַנ שטעטל מעדוועדיעווע. האָט ער אינ דער קרײַזשטאָט פערעיאַסלאַוו ספעציעל אײַנגעאָרדנט קאָנצערטנ פאַר די געליטענע פונ די פאָגראָמענ. הײַנט איז ער געקומענ קיינ בעלאָצערקאָוו.

עס איז א זומערדיקער אָוונט. פונ די פענצטער פונ דער ייִדישער קאַזיאָנער שול, וואָס געפינט זיכ אינ עק שטאָט, אַפ א ברייטנ, ניט אַרומגעצוימטנ, לייִמיקנ פלאַצ, באַוואַקסנ מיט פאָלינ, פאַרשפרייט זיכ א העלע שײַנ. די רויִקע גאַס, וואָס פירט צו דער קרוינ-שול, די שטענדיק שלעפעריקע אינ אָוונט, איז הײַנט געוועקט אוֹפ. אַרומ דער געמויערטער געבײַדע, וואָס פונ אירע ווענט האָבנ אַרויסגעקוקט געלע לאַטעס פונעמ אָפגעפאַלענעמ טינק, האָט זיכ אַרומגעדרייט יוגנט.

א פאָר עלטערע בעלאָצערקאָווער באַלעבאַטימ אינ לאַנגע קאַפאָטעס, וואָס זײַנענ געגאַנגענ פאַרבײַ, האָבנ זיכ אָפגעשטעלט, אופגעהויבנ די קעפ, פאַרנומענ די בערד אינ די הויפנס אונ געשמועסט.

— אינ באַלטע, אינ קיִעוו שלאָגט מענ ייִדנ, אונ דאָ, נאַ דיר, גאָר הוליאַנקעס! מער ליגט זיי אינ קאָפ ניט.

וואָסי וואָס. אומזיסט שלאָגט מען אוואַרע? מע איז מער ניט זייער איסגעלאסנ: ניט צו גאָט, ניט צו לײטנ.

— באַלצדראָקעס איז מענ געוואָרנ אפ א פרעמדער קעשענע! אז טו אונ גיב! א וועלט געוואָרנ! דעם קווארטאלנעם גיב, דעם ראָוו גיב, דעם כאזנ גיב, אונ נא דיר, גיב ווײטער.

ביידע האָבנ זיי זיכ אײנגעקוקט אינ פענצטער, אויסגעשפיגנ אונ זײנענ אוועק. גייענדיק, האָט זיכ אײנער געווענדט צום צווייטנ:

— אײכ איז גוט. איר זײט, אָנ אײנאָרע, א בעזדיעטניק, דיר דא באבא. מיכ קאָסט אָבער אזא מײסע געלט. די טעכטער מײנע וועלנ דאָס ניט דורכלאָזנ... וואָס איז מיר די פולע, וואָס דאָרטנ איז מענ אָרעמעלײט. דער אײגענער אָרעמאנ איז בילכער, ווי מיינט איר, הא?

אונ לעבנ דער צוויישטאָקיקער קאזיאָנער ייִדישער שול איז אלצ מער אונ מער אוילעמ געוואָרנ. די פענצטער פונעמ צווייטנ שטאָק זײנענ געווענ צעעפנט, אונ פונ שול האָט זיכ געטראָגנ אפ דער גאס א טומל אונ א געלעכטער. דער אוילעמ האָט אלצ נאָכגעפרעגט, צי איז שוינ געקומענ דער פעטערבורגער זינגער מעדוועדיעוו.

— ס'איז קיזעוו=ליגנ, ס'איז ניט קיינ פעטערבורגער זינגער. אינסינואציע, א יִכעס א גרויסער, פאראנ דאָ וועמענ צו הערנ, א שטיקל מעלאמעדס א זונ פונ מעדוועדיעווקע, א גדולע, איכ זאָג אײכ! — האָט א יונגערמאנ אינ א

שוואַרצנ גאַרניטור זיכ געבלאָכמעט אונ געוויזנ זײַנע פּאָדערשטע גרויסע ציינ. דאָס איז געווענ אנ עקסטערנ, א זונ פונ א בעלאָצערקאָווער קאַרגנ גוויר. ער האָט זיכ גע=סטאַרעט אַרויסצוברענגענ אינ זײַנ לעקסיקאָנ גאָרוואָס אויפגעכאַפּטע ווערטער פונ די ביכער. האָט ער דעריבער ווידעראַמאָל איבערגעכאַזערט:

— אנ אינסינואַציע, וואָס די וועלט גיט ניט!

א יונגער שנײַדער, וואָס האָט זיכ אויכ געשטופּט אַרײַנצוגיינ אינ שול אפנ קאָנצערט, האָט אים באַלד גע=ענטפערט:

— וואָס, א מעלאַמעד טאָר גאָר קיינ גוטע קינדער ניט האָבנ? ערשטנס, איז זײַנ טאַטע גאָר ניט קיינ מעלאַמעד, נאָר מעדוועדיעווקער ראָוו.

— מעדוועדיעווקער ראָוו! אויכ מיר א ראָוו! א סקאַר=פּעטקע א בעגעד, מעדוועדיעווקע א שטאָט, — האָט ווי=דער דער יונגערמאַנ אינ שוואַרצנ גאַרניטור געלאַכט אונ געוויזנ זײַנע פּאָדערשטע גרויסע ציינ. — אָט וועט איר זענ, — האָט ער געזאָגט, — זיי שרײַבנ אינ די אָביאַווו=לעניעס, אַז ס'וועט נאָכ הײַנט זײַנ ספּעקטאָר אויכ. ס'איז ווײַטער קיזעוו=ליגנ, אינסינואַציע, קיינ ספּעקטאָר וועט ניט קומענ. אָט האָט איר אײַכ זײַנעם א פּעליעטאָנ אינ „פּאָלקסבלאַט“. נאָכ מיט דרײַ טעג צוריק איז ער דורכגע=פאָרנ בעלאָצערקאָוו אונ איז אוועקגעפאָרנ גלײַכ אינ סאַנקט=פּעטערבורג.

אפ דער גאס האָט זיכ געלאָזט הערנ א גלעקל קלינגענ. דאָס האָט באטײַט, אז דער אָוונט הייבט זיכ אָנ.

דער עולעמ איז שוינ געווענ אינגאנצנ צונויפגעזאמלט, די ערטער פארנומענ. אפ דער עסטראדע זײַנענ ארופ דאָקטער טשערני, א הויכער, א ברייטבייניקער, מיט א גרויענ, געקרויזטנ קאָפּ האָר, אונ דער בלאָנדער יונגער שאָלעמ=אלייכעמ. דאָקטער יאנקעוו טשערני איז געווענ בארימט אינ בעלאָצערקאָוו. ער איז געווענ בארימט ניט נאָר אדאנק דער מעדיצינישער הילפ, וואָס ער פלעגט ארויסווײַזנ די אָרעמע מאסנ, נאָר אויכ מיט זײַנ ליבע צו די פאָלקס=מאסנ אונ צו זייער שאפונג.

ער איז געווענ איינער פונ די ווייניקע יידישע דאָקטוירימ אינ צארישנ רוסלאנד, וואָס האָבנ געשריבנ פאָפולערע ארטיקלענ אפ אנ עמעסער פאָלקס=שפראכ וועגנ מעדיצינ, סאניטאריע אונ היגיענע. אליינ א יוגנט=כאווער פונ דעמ דיכטער אונ שעפער פונעמ יידישנ טעאטער אווראָמ גאָלדפאדנ, האָט דאָקטער יאנקעוו טשערני אינ דער פרײַער צײַט ליב געהאט צו זינגענ יידישע פאָלקס=לידער אונ לידער פונ יידישע דיכטער.

בא דאָקטער יאנקעוו טשערני אינ שטוב פלעגנ זיכ פאר=זאמלענ די בעסטע פאָרשטייער פונ דער בעלאָצערקאָווער יידישער אינטעליגענצ, אונ דאָרטנ פלעגט שאָלעמ=אלייכעמ לייענענ זײַנע ערשטע ווערק.

דאָ האָט שאָלעמ=אלייכעמ באגעגנט די ערשטע פאר=

ערער פונ זײַנ טאַלאַנט. צווישנ זיי איז געווענ יויסעפ פּעטריקאָווסקי, דער רוסישער איבערזעצער פונ מענדעלעס „טאַקסע“, דער דעמלט באַקאַנטער זשורנאַליסט אונ אויטאָר פונ אייניקע אַרטיקלענ וועגנ דער יידישער ליטעראַטור, באַזונדערס וועגנ לינעצקינ אונ מענדעלענ.

דאָקטער טשערני האָט געמאָלדנ, אַז באַלד טרעט אַרויס דער יונגער טאַלענטירטער זינגער מעדוועדיעוו, אונ האָט געבעטנ דעמ אוילעמ האַלטנ זיכ רויק.

אויפ דער עסטראַדע איז אַרויפ מעדוועדיעוו. ער האָט זיכ פאַרנייגט צומ פּובליקומ אונ האָט אָנגעהויבנ זינגענ אַריעס פונ „פּיקאָוואַיאַ דאַמאַ“, פונ „דעמאָנ“. זײַנ בלייכ פּאָנעמ האָט אַרויסגעקוקט פונ די לאַנגע שוואַרצע האָר. ער האָט פאַרענדיקט זײַנ זינגענ, האָט זיכ ווידער אַ נייג געטאָנ אונ איז שנעל אַראָפּ פונ דער עסטראַדע. אַ שטורעמ פונ אַפּלאָדיסמענטנ האָט אויסגעבראָכנ אינ זאַל, געשרייענ „בראַוואָ“, „ביס“ האָבנ ניט אופגעהערט, ביז ער איז ווידער אַרופ אונ האָט אָנגעהויבנ זינגענ די באַקאַנטע אוקראַינישע ליד פונ טאַראַס שעווטשענקאָ.

Реве та стогне Днипр широкий,
Сердитий витер завива...

דער זינגער האָט שוינ לאַנג געענדיקט די ליד, אונ דער אוילעמ האָט אַלץ איבערגעכאַזערט דעמ מאָטיוו שוינ אָנ אימ. מעדוועדיעוו איז געשטאַנענ לעבנ נאָווער פונ זײַנ

קינדהייט שאָלעמ נאָכעמ ווערויקס — שאָלעמ=אַלייכעמ. זיי
אינ דער קינדהייט אינ וואָראָנקאָ אפ דער טאָרהאָוויצע
פלעגנ זיי קוקנ איינער דעמ אנדערנ אינ די אויגנ נאָכ זיי=
ערע פאָרשטעלונגענ, אזוי האָבנ זיי היינט ביידע, די צוויי
קינסטלער, געקוקט איינער אפנ צווייטנ מיט ליבע.

דאָקטער טשערני איז ארופ אפ דער עסטראדע, האָט
געבעטנ דעמ אוילעמ אופהערנ צו זינגענ, וויל באלד וועט
ארויסטרעטנ דער שרייבער פונ „פאָלקסבלאט“ שאָלעמ=
אַלייכעמ.

שאָלעמ=אַלייכעמ האָט געלייענט דעמ דריטנ אופטריט
פונעמ ערשטנ אקט פונ „רעוויזאָר“. ער האָט אזוי קונציק
געביטנ די שטימ זיינע, די באוועגונגענ פונ זיינ קערפער,
איבערגעבנדיק דעמ דיאלאָג פינ דאָבטשינסקי אונ באָב=
טשינסקי, אז עס האָט זיכ געדוכט, אז עסריידנ גאָר צוויי
באזונדערע מענטשנ. דער אוילעמ האָט געגאפט קוקנדיק
אונ הערנדיק אונ האָט זיכ גאָר פארגעסנ, אז פאר זיי
שטייט א נאָענטער באקאנטער.

ער האָט געענדיקט דעמ דיאלאָג, אונ עס האָבנ זיכ גע=
וויזנ נייע דריי געשטאלטנ — דער גאָראָדניטשי, ארטיעמ
פיליפאָוויטש, אמאָס פיאָדאָראָוויטש. ווידער האָבנ זיכ גע=
הערט נייע דריי שטימענ, ווידער האָבנ זיכ געוויזנ נייע
באוועגונגענ. א שטורעמ פונ אפּלאָדיסמענטנ האָט באגלייט
די ווערטער פונ „רעוויזאָר“, מיט וועלכע שאָלעמ=אַלייכעמ
האָט פארענדיקט:

„שלוימע האמעלעכ אלײנ װעט ניט דערגײנ, װאָס עס איז דאָרפנ עמעס אונ װאָס איז דאָרפנ ניט עמעס“.

— מע האָט געשריבנ אינ די „אָביאַװלעניעס“, אַז עס װעט קומענ דער שרײַבער פונ סאַנקט-פּעטערבורג ספּעק-טאָר. װוּ איז ער? דאָס איז אָפּגענאַרט, אינסינואַציע! — האָט אויסגעשריִענ דער יונגערמאַנ אינעם שװאַרצנ גאַרני-טור, דעם קאַרגנ גװירס זונדל.

ספּעקטאָר האָט אינדערעמעסנ באַדאַרפט קומענ אַפּ דעם דאָזיקנ אָװנט. ער איז דעמלט געװענ אינ אומאַנ, אינ זײַנ געבורטס-שטאָט, אונ שאָלעמ-אַלײכעמ האָט אימ אײַנ-געלאַדנ אַפּנ אָװנט אינ בעלאַצערקאָװ, אָבער ער האָט דרינ-גענד געמוזט אַװעקפאָרנ קײנ פּעטערבורג אונ איז אַפּנ אָװנט ניט געקומענ.

דאָקטער יאַנקעװ טשערני האָט אַ גלעט געטאָנ זײַנ גרויע באָרד, האָט אַ שמײכל געטאָנ אונ געענטפערט:

— ס'איז געװענ אַ טאָעס, ספּעקטאָר האָט געמוזט דרינגענד אַװעקפאָרנ קײנ פּעטערבורג. דערפאַר װעט אונדז דער אַנדערער שרײַבער פונ „פּאָלקסבלאַט“ שאָלעמ-אַלײכעמ דורכלײענענ זײַנעמ אַ בריװ צו ספּעקטאָרנ!

שאָלעמ-אַלײכעמ האָט גענומענ לײענענ דעמ בריװ, װאָס איז געװענ פול מיט װיצ אונ הומאָר. יעדע װײַלע פלעגט אויסברעכנ אַ געלעכטער, װאָס פלעגט זיכ אַװעקקײַקלענ

איבערן גאנצן זאל. אינעם בריוו איז געווען באשריבן, וואָס פאר א וועטשערע ער וואָלט פאר אזא גאסט, ווי ספעקטאָר, צוגעגרייט און וואָס פאר א געלעגער מע וואָלט פאר אים אויסגעבעט:

צוויי איבערבעטן, א שטיק פינף קישנס, אכוץ קליינע קאָפּ־קישעלעך, און ניט גלאט פון פעדערן, נאָר פון עכטן ווייסן פוך, צוליב וואָס בעלאָצערקאָווער ווייבער האָבן גע־האָדעוועט עטלעכע ווינטערן געגדז און א טוץ אלטע ווײַ־בער האָבן די פעדערן געפליקט אין די לאנגע נעכט דעם גאנצן ווינטער.

נאָכדעם האָט שאָלעם־אליינעם געשפילט אפן פידל מע־לאָדיעס פון גאָלדפאדנס יידישן טעאטער. דאָקטער טשערני האָט אקאָמפּאנירט אפן פיאנע.

דער אָוונט האָט זיך פארענדיקט מיט א דעקלאמאציע פון שאָלעם־אליינעמס א ליד:

איך וואָלט, גלייבט מיר, גערן לאכן,
לאכן שטענדיק און א סאך!
זיך און יענעם פריילעך מאכן —
לאָז מען הערן, ווי איך לאך!
וואָס קען איך העלפן, וואָס קען איך טאָן?
(איך קען אליין דאָס ניט פארשטיין!)
ווען צו לאכן איך הייב נאָר אָן,
גיסן טרערן זיך אליין!

טרערנ גיסנ,
טײַכנ פליסנ —
טײַכנ טרערנ,
הייסע טרערנ...

ליטעראַרישע פּלענער

אינ יאָר 1885 שטארבט שאָלעמ-אלייכעמס שווער עלמעלעכ לאָיעוו. שאָלעמ-אלייכעמ באקומט דעמלט א באדײַטנדיקע ירושע. דעמ זעלבנ יאָר דרוקט שאָלעמ-אלייכעמ אינ „יודישנ פאָלקסבלאט“ א פעליעטאָנ אינ א דיאַלאָגישער פאָרמ אונטערנ נאָמענ „קאָנטאָר-געשעפט“. דאָ ווײַזנ זיכ שוינ עסקיזנ פונ שאָלעמ-אלייכעמס שפּעטערדיקע געשטאלטנ — מענאכעמ-מענדל אונ שיינע-שיינדל.

מיר זעענ אויכ דאָ שאָלעמ-אלייכעמס באציִונג צו זיכ זעלבסט, דעמ צופעליקנ גוויר, וועלכער טרעט ארויס אינעמ ווערק אינ דעמ געשטאלט פונ דעמ יונגנ אייגנטימער פונ דעמ קאָנטאָר-געשעפט. צומ צופעליקנ גוויר קלעפּנ זיכ צו אפעריסטנ, וועלכע באגאנווענענ אימ, אונ ער ווערט ווידער דער זעלביקער אָרעמאנ וואָס פריִער. שאָלעמ-אלייכעמ האָט גוט געוווּסט, אז ניט די קאָנטאָר-געשעפטנ זײַנענ זײַנ בארופ, אז זײַנ לעבנס-בארופ איז די ליטעראטור.

ענג איז געוואָרנ דאָס לעבנ פאר שאָלעמ-אלייכעמענ



שאָלעם-אלייכעם און ײַן פאָטער
(קיִעוו, 1885)

אינ בעלאָצערקאָוו. דאָ אינ בעלאָצערקאָוו קאָנ ער ניט פארווירקלעכנ זײַנע ליטעראַרישע פּלענער. שוינ א פּאָר יאָר צײַט, אז ער טראָגט זיכ ארומ מיט א פּלאַנ ארויסצוגעבנ ליטעראַרישע זאמלביכער.

ער האָט שוינ אפילע אָנגעמערקט א צעטל שרײַבער, וועלכע ער וועט אײַנלאדנ מיטצואַרבעטנ אינ זײַנ צוקינפטיקנ זאמלבוכ.

דאָס זײַנענ די שרײַבער, וואָס האָבנ זיכ ניט געשעמט נאָכ אינ די 60=ער אונ 70=ער יאָרנ צו שרײַבנ אפּ ייִדיש, צו געבנ סאטירישע בילדער פונ ייִדישע גאָטס=סטראַפּטשעס אונ צו שילדערנ געשטאלטנ פונ די פארשטויסענע, פארייאָגטע ייִדישע מאסנ, אויפצומונטערנ די דאָזיקע מאסנ גופע אונ מיטצופילנ זיי אינ זייערע לײַדנ.

אינ זײַנ זאמלבוכ וועט ער אײַנלאדנ נאָר די שרײַבער, וואָס זייער הארצ ווייטעקט פאר דער אָרעמער „בערדיטשעווער גאס“, — אָט די גאס, וווּ עס ליגט „א מאָרעשבוירע אפּ אלע הײַזער, — הײַזער? בליוונ, זעמליאנקעס, דורכגענעצטע, שווארצע, קאלטע, מיט ערד באדעקט, די פענצטער ארומגעשטעלט מיט געלע קישעלעכ, רויטע קאָלדרעס אונ שווארצע שמאטעס“.

שאָלעמ=אלייכעמ האָט געשטרעבט צו באשאפנ אנ אייגענע ליטעראַרישע טריבונע מיט א דעמאָקראטישער פּראָגראמ. ער האָט געוואָלט, אז זײַנ פארמעגנ, וואָס איז אימ צופעליק געקומענ אינ די הענט, זאָל אויסגענוצט ווערנ אפּ

דער בויונג פונ דער יונגער ייִדישער ליטעראטור, פונ אזא ליטעראטור, וואָס זאָל באלויכטנ וויכטיקע געזעלשאפטלעכע פראָבלעמענ אונ זאָל שילדערנ די געשטאלטנ פונ דער „בערדיטשעווער גאס“.

אויסער דעמ, וואָס אינ בעלאָצערקאָוו האָט ער ניט געקאָנט פארווירקלעכנ זײַנע ליטעראַרישע פּלענער, האָט אימ שטארק דערעסנ דער „בעלאָצערקאָווער מוראַווייניק“, אונ אָט די דאָזיקע באלעבאטישע סוויווע האָט שאָלעמ-אלייכעמ באשלאָסנ אײנמאָל פאר אלעמאָל צו פארלאָזנ.

אינ דער צײַט דערפילט שוינ שאָלעמ-אלייכעמ זײַנ נירנ-קרענק, וואָס האָט אימ צענדליקער יאָרנ געמאטערט, ביז זײַנ טויט. אינ יאָר 1886 פאָרט שאָלעמ-אלייכעמ ספּעציעל היילנ זיכ אינ אויסלענדישנ קוראָרט קארלסבאד. צוויי כאדאָשימ איז דעמלט שאָלעמ-אלייכעמ אָפּגעווענ אינ אויסלאנד.

דאָ אפנ קוראָרט האָט שאָלעמ-אלייכעמ געהאט א מעגלעכקײַט זיכ צוקוקנ צו דעמ אומגעלומפּערטנ צײַט-פארטרײַב פונ דער ייִדישער בורזשואזיע, צו איר זעלבסטצופרידנקײַט. אונ ער האָט עס דערנאָכ אויסגענוצט אינ זײַנע ווערק.

נאָכ זײַנ צוריק-קער פונ אויסלאנד באזעצט זיכ שאָלעמ-אלייכעמ אינ קיִעוו. פונ 1886 ביז 1890 איז זײַנ וווינאָרט דאָרטנ.

צווישנ די קיעווער יידישע שרײַבער

סאָפ אווגוסט פונ יאָר 1886. אפ מאלאָ=וואסילקאָווסקע גאס נומער 26 אינ קיעוו, ווו עס האָט געוווינט שאָלעמ=אלייכעמ, האָט זיכ הײַנט צונויפגעזאמלט א גרופּע קיעווער יידישע שרײַבער. אינגאנצנ זײַנענ געקומענ הײַנט צו שאָ=לעמ=אלייכעמענ א פינפ=זעקס מענטשנ. קימאט אלע זײַנענ געווענ אינ די עלטערע יאָרנ אונ אפילע אינ טיפנ עלטער.

עס איז בײַגעווענ דער גרויער מוישע=ארנ שאצקעס, דער אווטאָר פונעמ בוכ „האמאפטייאכ“, א בוכ, וואָס האָט אפ א ראציאָנאליסטישנ אויפנ דערקלערט די אוראלטע יידישע מיטנ אונ לעגענדעס, האָט אראָפּגעריסנ פונ זיי דעמ רעליגיעז=געטלעכנ שלייער. אָט דער בוכ האָט ארויס=גערופנ א שטורעמ אינ דער קלעריקאל=ראבאָנישער וועלט. אינ די שטעט אונ שטעטלעכ פונעמ געוועזענעמ „טכומ“ אינעמ צארישנ רוסלאנד האָבנ זיכ אפ די שולהויפנ גע=ווייכערט שײַטערהויפנס, ווו מע האָט געברענט מ.=א. שאצ=

יאקנעהאז

קעסעס בוכ, וואָס האָט זיכ געשטעלט פאר זײַנ ציל, ווי די ראבאָנימ האָבנ געוואָרנט די ייִדישע פאָלקס=מאסנ, אָפּצו=ווענדנ זיי פונעמ אלטנ ייִדישנ גאָט יאהווע. די ראבאָנימ האָבנ ארײַנגעוואָרפנ דעמ אווטאָר אינ כיירעמ.

די ברייטע פאָלקס=מאסנ איז מוישע=ארנ שאצקעס גע=ווענ באקאנט מיט זײַנ בוכ אינ דער ייִדישער שפּראכ, וואָס האָט געטראָגנ דעמ נאָמענ „דער ייִדישער פאר=פיי=סעכ״. דאָס איז געווענ א קינסטלעריש=סאטיריש ווערק קעגנ פארעלטערטע אונ פארגליווערטע ייִדישע מינהאָגימ,

וואָס האָבן אין מעשעכ פין יאָרהונדערטער מיטגעהאָלפנ דער אָפגעזונדערטקייט און אָפגעשטאנענקייט.

דער אלטער גרויער פאָרשטייער פונ דער האסקאָלע, וואָס האָט זיכ ניט אָפגעשראָקנ פאר דער פינצטערער רעאקציע פונ די 80=ער יאָרנ, האָט שוינ אָבער ווייניק געשריבנ. אונטער דער ווירקונג פונ שאָלעמ=אלייכעמענ האָט ער זיכ ווידער גענומענ צו שרייבנ יידיש. ער איז הײנט צוליב דעמ געקומענ צו שאָלעמ=אלייכעמענ.

עס איז אויכ געקומענ צו שאָלעמ=אלייכעמענ דער דעמלט באקאנטער העברייִשער שרייבער יִצכאָק=יאנקעוו ווייסבערג.

דאָס האָט ער דער ערשטער אין דער העברייִשער ליטעראטור אינ XIX יאָרהונדערט פארעפנטלעכט אנ ארבעט וועגנ דער פרויענ=פראגע בא יידנ אינ אוראלט און אינ מיטלאלטער.

עס איז אויכ געקומענ דער שוינ אונדז באקאנטער דיכטער יעהאלעל.

עס האָט אויכ געזאָלט קומענ הײנט דער גרויסער זאָקנ, דער בארימטער יידישער פאָלקס=דיכטער, מיכל גאָרדאָנ, ער איז שוינ אָבער געווענ אזוי שוואכ, אז ער האָט ניט געקאָנט אוועקגיינ פונ זיינ בעט. שוינ אייניקע יאָר, אז ער געפינט זיכ אינ מוישעוו=זקיינים. דער דיכטער, וואָס האָט איינער פונ די ערשטע אינ דער יידישער פאָעזיע אויפמערקזאמ געמאכט די יידישע פאָלקס=מאסנ אפ צוויאקעס,

אפ פאלשע גאָטס-סטראַפּטשעס, דער פאָלקס-דיכטער מיכל גאָרדאָנ, וואָס מיט זײַנע לידער האָט די מוטער פונ די יידישע אָרעמע שיכטנ פאַרוויגט איר קינד אונ קײנ אײנ פאַרווײַלונג אינ די שטעט אונ שטעטלעכ פונעמ יידישנ טכום פלעגט ניט פאָרקומענ אָנ דעמ געזאַנג פונ זײַנע לידער, איז אינ זײַנ טיפער עלטער געווענ עלנט, פאַרלאָזנ אונ האָט געמוזט אינ א מוישעוו-זקײנימ ציִענ זײַנ לעבנס-מיטל דערפונ, וואָס ער פלעגט זאָגנ טילימ אפנ קאָל אינאײנעמ מיט פּראָפעסיאָנעלע שנאָרער.

אָבער שוינ באַלד א האַלב יאָר, אז ער האָט זיכ באַפרײַט פונ זײַנ טילימ-זאָגערײַ: קימאַט יעדע וואָכ באַזוכט אימ דער יונגער, מוטיקער, שײנ געקלײדטער שאָלעמ-אַלײכעמ. ער קומט אינעמ קיִעווער מוישעוו-זקײנימ שטענדיק אינ אָוונט. זײַנ קלינגענדיקע שטימ פאַרטרײַבט די אומעטיקע, גאָטספאַרכטיקע שאָטנס. דער מאַזשגיעכ ווערט דעמלט מילדער צו די אָרעמעלײַט די זקײנימ, אונ ווי אלעמאָל אינ א גוטער שטימונג, קראַצט ער דעמלט זײַנ שוואַרצע באָרד פונ אונטער דער גאָמבע ארופ. ער שטײט שוינ באַמ ארויסגאַנג, אונ עס ווערט אימ ניט מיִעס וואַרטנדיק: ער ווײסט, דער מאַזשגיעכ, אז באַלד וועט אַוועקגײנ דער גאַסט, אָט דער פרײלעכער, מיט די לאַנגע בלאָנדע האָר אונ מיטנ שוואַרצנ אויסבינדער. דער גאַסט וועט אימ שוינ אָפּגעבנ דאָס, וואָס אימ קומט, אונ בעטנ, ער זאָל אכטונג געבנ אפ מיכל גאָרדאָנענ. עס קלינגענ שוינ אינ

זײַנע אויערנ די ווערטער, וואָס שאָלעמ=אלייכעמ זאָגט אימ שטענדיק באמ אוועקגאנג:

— אנ עלנטער, א טאלמיד=כאָכעמ, א מעשווירער, א פּאָעט, היט אימ!

אונ זינט שאָלעמ=אלייכעמ האָט גענומענ באזוכנ מיכל גאָרדאָנס לעצטע היימ, האָט זיכ מיכל גאָרדאָנ דערפילט, אז עפּעס קומט צו אימ א צווייטע יוגנט, אז עפּעס ווינקט זי צו אימ מיט דער אמאָליקער קאמפּס=לוסטיקײַט אירער. ער האָט אפילע גענומענ שרײַבנ איבעראנײַס אונ געשאפנ דעמאָלט פיל נײַע לידער.

הײַנט קאָנ ער ניט קומענ צו שאָלעמ=אלייכעמענ, אָבער ער איז מיט אימ. ער ווייסט, דאָרט וועט מענ ריידנ וועגנ אָרגאניזירנ ליטעראַרישע זאמלביכער אינ יִדיש. וואָס פאר א מינ גרויסע געשעעניש דאָס איז פאר דער ליטעראטור!

אנ אלטער קאנטאָניסט, וואָס האָט אָפּגעדינט זײַנע פינפ אונ צוואנציק יאָר מיליטער=דינסט אונ איז אויכ זײַנע לעצטע יאָרנ אָפּגעקומענ אינ דעמ אינוואלידנ=הויז, איז געווענ מיכל גאָרדאָנס איינציקער נאָענטער פרײַנט. שטענדיק איז ער געזעסנ לעבנ אימ, פלעגט אימ דערציילנ פונ זײַנ קינדהײַט אונ יוגנט, וואָס איז אזוי רײַכ געווענ מיט ליידנ אונ שמערצנ.

הײַנט האָט זיכ גאָרדאָנ מיט דער הילפ פונעמ אינוואליד אוועקגעזעצט אפנ בעט אונ האָט פאר אימ געלייענט א ליד, געלייענט מיט אנ אלטנ פאָלקס=ניגנ. די גרויע אויגנ

א. גאָלדפאַדען.

זײַנע האָבן געשײַנט, די געל־בלײַכע הענט אױפגעהױבן אין דער הײך.

עס טוט אַמאָל פון יאַם אַ שפּריץ
אַ טראָפּן װאַסער פאַרן זונען־שײַן
און פאַלט געשװינד, אַזױ װי אַ בליץ,
צוריק אַראָפּ אין יאַם אַרײַן.

צווישן די שרײַבער בײַ שאָלעם־אַלייכעמען אין שטוב איז אויך געווען דער דעמאָלט נאָך גאָר יונגער לערער, וואָס פֿלעגט איבערוואַנדערן יעדן האַלבן יאָר פֿון איין שטאָט אין דער צווייטער. ער האָט שוין געשריבן דערציילונגען אין „האַמייליץ“, דערציילונגען וועגן די ליידן און פֿריידן פֿון די סאַמע פֿאַרשטויסענע ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן. ער האָט זיך געהאַלטן שעמעוודיק, און זײַן לאַנגער ראָק און דער גאַנצער הילעך זײַנער האָט זיך ווייניק געפּאַסט צו די רײַך־מעבלירטע צימערן פֿון שאָלעם־אַלייכעמס דעמאָלטיקער דירה. דאָס איז דער שרײַבער שייע־ניסן גאָלדבערג, וואָס האָט געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים יאַקנעהאַז.

שאָלעם־אַלייכעם האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער. ער האָט זיך אַלץ געסטאַרעט, די געסט זאָלן זיך פֿילן ווי היימישער, אויפֿגעכאַפּט יעדן איינציקנס באַוועגונג, צוגע־הערט זיך צו די רייד פֿון יעדן איינעם.

— עס איז נאַזוו, — זאָגט שאָלעם־אַלייכעם,— אַרײַנ־צופֿאַלן אין אַזאַ שווערער שטימונג, ווי דער דיכטער יאַ־לאַג (יעהודע־לייב גאָרדאָן). ער קלאָגט זיך אין זײַן ליד „פֿאַר וועמען האָרעווע איך“, אַז ער איז עלנט. ער האָט אָבער אַ טעות. ס'איז פֿאַראַן פֿאַר וועמען צו האָרעווען. ס'איז דאָ מיליאָנען פֿאַרוואָגלטע, פֿאַריאָגטע, פֿאַרשטויסע־נע פֿאָלקס־מאַסן. מע דאַרף נאָר ריידן צו זיי אויף זייער שפּראַך און ניט אויף דער אַלטער העברעיִשער שפּראַך, וואָס דער גרעסטער טייל פֿון ייִדישן פֿאָלק פֿאַרשטייט זי ניט

אויב די שפראכ פונ די מיליאָנענ ייִדישע פאָלקס=מאסנ איז נאָכ ניט פולקומ ליטעראריש, ווי אנדערע ליטעראטור=שפראכנ, דארפנ מיר זי דערפירנ צו דער שטופע פונ א ליטעראטור=שפראכ, אונ ניט אָפזאָגנ זיכ צו שרײַבנ ייִדיש.

עפעס איז הײַנט דער לוסטיקער שאָלעמ=אַלייכעמ געווענ ערנסט אונ גערעדט מיט מער ברענ ווי אלעמאָל. דער פריילעכער וויצ האָט הײַנט אָפגעטראָטנ זײַנ אָרט.

דער דיכטער יעהאלעל איז געזעסנ אומרויִק אפ זײַנ שטול. עפעס א פארדראָס האָט פארצויגנ זײַנ פאָנעמ. ער האָט אלצ אופגערעגט געעפנט אונ פארמאכט די דעקלענ פונ זײַנע קאסאָקע אויגנ. עס האָט זיכ געראנגלט אינ אימ זײַנ פארגאנגענהײַט פונ אנ איבערזעצער פונ מארקסנ אונ זײַנ קעגנווארט פונ א רעאקציאָנער א נאציאָנאליסט.

ער איז מאסקימ, יעהאלעל, אז עס איז פאראנ פאר וועמענ צו האָרעווענ, אָבער דאָס פאָלק טרינקט זיכ אינ א יאמ פונ טרערנ, אונ מיר, שרײַבער, שפאָטנ איבער אימ אונ טרײַבנ לעצאָנעס. זאָל אונדזער טרער זיכ אויכ ארײַנגיסנ אינעמ שטראָמ פונ פאָלקס טרערנ. מע דארפ וויינענ צוגלײַכ מיטנ פאָלק. ס'איז איצטער קיינ צײַט ניט צומ לאכנ, ניטאָ קיינ אָרט פאר הומאָר אינ דער ליטעראטור.

שאָלעמ=אַלייכעמ האָט אימ ניט געלאָזט פארענדיקנ אונ איז אימ ארײַנגעפאלנ אינ די רייד:

— געוויינ, זאָגט איר! דאָס וועט נאָכ שווערער מאכנ דעמ געמיט פונ פאָלק. מיר טאָרנ ניט דערטרינקענ אונדזע=

רע ווערק אין א יאמ פונ טרערנ. לאָמיר וויקנ דאָס פאָלק צו מונטערקייט, אונ טאקע דורכ א געלעכטער. ניט אלעמאָל האָט דער, וואָס גיסט טרערנ, ליב, אונ דער, וואָס לאכט, האָט פיינט.

שאָלעמ=אליי כעמ האָט די פארזאמלטע דערמאָנט וועגנ איינער אנ ארויסזאָגונג זיינער אינ „די בילדער פונ דער בערדיטשעווער גאס".

— די דאָזיקע וויסטע, פינצטערע גאס, וועט איר מיר גלייבנ? איז מיר טייער, ליב, איינגעבאקנ אינ הארצנ, עפעס ווי א נעבעכל, ווי א יעסוימעלע, ווי אנ אומגליקלעכ קינד... א נעבעכל, מישטיינסגעזאָגט, וואָס סע דרייט זיכ אומעטומ אונ איז גרויס בא יעדערנ אינ די אויגנ, אונ דערפאר טאקע, סע הייסט, מעהיי טיימע, ווייל עס לעבט, ווייל עס רודערט זיכ אונ ווייל עס דרייט זיכ פאר די אויגנ, הארגעט מענ עס, מע מיימעסט דאָס... אינ האָב זי ליב, די בערדיטשעווער גאס, איכ האָב זי ליב מיט מיינ גאנצנ כיעס אָנ כאָכמעס, אָנ כניפע, אָנ קאָמפּלימענטנ, כאָטש ניט איינ מאָל קומט מיר אויס אויסלאכנ זי אויס אירע ווילדע מעשונע אנטיקלעכ, וועלכע געפינענ זיכ נאָכ בא איר.

אינ דעמ דאָזיקנ אָוונט איז געלייגט געוואָרנ דער ערשטער פונדאמענט פאר שאָלעמ=אלייכעמס באקאנטע זאמלביכער „די יידישע פאָלקס=ביבליאָטעק", וואָס האָט געשפילט א וויכטיקע ראָליע אינ דער אנטוויקלונג פונ דער יידישער ליטעראטור.



די יודישע

פאלקס-ביבליאטהעק

א בוך פיר ליטעראטור, קריטיק און וויססענשאפט.

הערויסגעגעבען

פון

שלום עליכם.

ערשטעס בוך

תרמ"ח

קיעוו

דרוק פון יעקב שעפטיל, בערדיטשוב.

ДИ ІУДИШЕ ФОЛКСБИБЛІОТЕКЪ.

т. е.

ЕВРЕЙСКАЯ НАРОДНАЯ БИБЛІОТЕКА.

Сборникъ статей литературныхъ, критическихъ и научныхъ,

[illegible]

ШАЛОМЪ-АЛЕХЕМА

(Соломона Рабиновича)

ТОМЪ I

КІЕВЪ.

1888

„די יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק“

(טיטלבלאַט)

א קריטיקער און א רעדאקטאָר

שאָלעם-אַליכעמ ווערט איצט מעטיק אויך אַלס קריטי-קער, וועלכער טראָגט דרייסט די פאָן פונעמ רעאַליזמ אין דער יידישער ליטעראַטור, פון אָט דעמ רעאַליזמ, וואָס עס האָבן אזוי מעכטיק פארפּלאַנצט אין דער יידישער ליטע-ראַטור מענדעלע, לינעצקי און אנדערע פאָרגעשריטענע שרייבער פון די 60-ער און 70-ער יאָרן פון פאָריקן יאָר-הונדערט.

אין נאָמען פונעמ רעאַליזמ האָט זיך שאָלעמ-אַליכעמ גענומען אויסצוראָטן דאָס ווילדגראָז פון דער יידישער לי-טעראַטור. און די סאַמע גרעסטע געפאַר פאַר דער אַנ-טוויקלונג פונעמ רעאַליזמ אין דער יידישער ליטעראַטור און פאַר דער דערציִונג פונעמ לעזער איז דעמאָלט געווען שאָמער מיט זיינע ראָמאַנען.

דאָס איז, אייגנטלעך, געווען א שרייבער — א פּאָ-וועלטלעכטער קלעריקאַלער מאַגיד, וואָס האָט מיט זיינע ווערק איינגעשלעפערט דעמ לעזער, וועלכער האָט געליטן פון דאַלעס, פון פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער רעכטלאָזי-קייט באַמ צאַריזמ. אין זיינע ווערק האָט שאָמער געפּריי-דיקט שאָלעמ צו מאַכן מיטן דאַלעס, בייגן זיך איינדרייען פאַר דער קלאָגעדיקער קעגנוואַרט, זיין טאָמער פּאַסיוו און וואַרטן אַפ א נעס, ווען דער אָרעמער שוסטער און שניי-



שמרים משפט.

אָדער

דער סוד פֿריקאַזשנה אויף אַללע ראָמאַנען פֿון שמ״ר,

סטענאָגראַפירט וואָרט אָט-וואָרט

דורך

שלום עליכם.

בערדיטשוב

דרוק פֿון יעקב שעפטיל

שנת תרמ״ח לפ״ק

„שאָמערס מישפּעט״
(טיטלבלאַט)

דער וועט פלוצעמ דורכ א ווונדערלעכנ צופאל ווערנ א גראפ אָדער אנ אנדער סראָרע.

שאָלעמ=אלייכעמ האָט דעמלט אָנגעשריבנ זײַנ ליטעראַרישנ פאמפלעט אונטערנ נאָמענ „שאָמערס מישפּעט", ווו שאָמער אונ זײַנע נאָכמאכער טרעטנ ארויס, ווי באשולדיקטע פאר א געריכט. די גרונט=באשולדיקונג, וואָס שאָלעמ=אלייכעמ האָט זיי ארויסגעשטעלט, איז געווענ דאָס פארקריפלענ די ווירקלעכקײַט אינ דער ליטעראטור.

„אלעס, וואָס ריכטיק איז, — שרײַבט שאָלעמ=אלייכעמ אינ „שאָמערס מישפּעט", — איז גוט, איז רעאלנע. אונ דאָס פאָדערט די עסטעטיק, די פּאָעזיע, די קונסט, אזוי דארפ מענ שרײַבנ אונ באשרײַבנ. אזוי איז מעכויעוו יעדער בעלעטריסט געבנ אינ זײַנ ראָמאנ נאָר דאָס, וואָס מעגלעכ איז, וואָס אינעמ לעבנ געפינט זיכ, וואָס קענ זיכ געפינענ".

שילדערנ דאָס, „וואָס מעגלעכ איז, וואָס אינעמ לעבנ געפינט זיכ, וואָס קענ זיכ געפינענ",—אָט דאָס איז געווענ דער ליטעראַרישער קרעדאָ פונ שאָלעמ=אלייכעמ ענדע די 80=ער יאָרנ פונ פאָריקנ יאָרהונדערט. קעגנ סכעמאטיזמ, קעגנ פּוסטע, ווילדע, אויסגעטראכטע מײַסעס, וואָס קענענ ניט פאָרקומענ אינ לעבנ, קעגנ מאגידעס אינ דער קונסט האָט געקעמפט שאָלעמ=אלייכעמ דער קינסטלער אונ דער קריטיקער.

אינ זײַנ „שאָמערס מישפּעט" טרעט שאָלעמ=אלייכעמ

ארויס ווי א פארטיידיקער פונ די אידייענ פונ דער האס־
קאָלע־ליטעראטור, פונ אירע בעסטע טראדיציעס. דאָ,
אינ זײַנ „שאָמערס מישפּעט“, ווענדט שאָלעמ־אַלייכעמ די
אויפמערקזאמקײַט פונעמ לעזער אפ די בעסטע פאָרשטייער
פונ דער ײִדישער ליטעראטור — מענדעלע, לינעצקי, גאָלד־
פאדנ אונ דיק.

„אזעלכע ריזנ, ווי אבראמאָוויטש (מענדעלע מויכער־
ספאָרימ), לינעצקי, גאָלדפאדנ אונ אײַזיק־מייִער דיק, האָבנ
זיכ געפילט געזונט אינ קויעכ אריבערצוטראָגנ פונ דער
צענאָ־אורענאָ מיטנ טײַטש־כומעש אינ דער לעבעדיקער לי־
טעראטור ארײַנ, פונ דער באָבע־מײַסע אינ דעמ ראָמאנ
ארײַנ, פונ „שבחי בעשט“ אינ דער פּאָעזיע, פונ די טכי־
נעס אינ דער סאטירע ארײַנ. די דאָזיקע פיר גיגאנטנ האָבנ
ארײַנגעלאָזנ דעמ אייראָפּייִשנ דוכ אינעמ אלטנ זשארגאָנ.
אונ עס זײַנענ אויסגעוואקסנ לעזער מאסנווײַז!.. ס׳איז קי־
מאט ניט געווענ די ײִדישע שטוב, ווו מע האָט זיכ ניט
געהאלטנ בא די זײַטנ פאר געלעכטער פונ „דעמ פּוילישנ
ייִנגל“ פונ לינעצקי, געזונגענ די אומשטערבלעכע זיסע לי־
דער פונ גאָלדפאדנ, געשלונגענ, געדעקלאמירט, איבערגע־
כאזערט די שיינע סצענעס פונ אבראמאָוויטשעס „טאקסע“
אונ ד. גל. אקלאל, דאָס איז געווענ א גליקלעכ שטיקל
צײַט אינעמ ײִדישנ לעבנ ביכלאל“.

שאָלעמ־אַלייכעמ האָט געמאָנט בא די ײִדישע שרײַבער,
זיי זאָלנ פאָרזעצנ די טראדיציעס פונ רעאליזמ, באווײַז־

אין דער יידישער ליטעראַטור די ליידן פון די יידישע פאָלקס־מאסן, דעם דאָלעס זייערן, גלייך ווי עס האָבן עס געטאָן מענדעלע, לינעצקי, דיק און גאָלדפאַדן. ניט נאָר אין דעם דאָזיקן וועג האָט בא שאָלעם־אליינכעמען געהייסן פעלשן אינעם פאָלק און אין זיינע אינטערעסן. שאָמער האָט שאָלעם־אליינכעם דערקלערט אלס פארברעכער דער־פאַר, וואָס ער דערציילט ניט פונעם פאָלקס לעבן, וואָס ער פארהוילט פון אים זיין עמעסע לאַגע, וואָס ער נאַרט אים אָפּ.

„אָפּנאַרן א מענטשן... הארגענען, קוילען איז, נאָך מיין מיינונג, א קלענערער פארברעכן, — זאָגט שאָלעם־אליי־כעם אין „שאָמערס מישפּעט“,—איידער אָפּנאַרן א גאַנץ פאָלק, קוילען א גאַנצע ליטעראַטור, פארדארבן דעם גע־שמאַק פון טויזנטער לעזער. אין דעם ערשטן פאַל קומט אָפּ א יאָכיד, און דאָ ליידט א קלאַל, דאָ ליידט דער גאַנ־צער האַמוין־אַם“.

שאָלעם־אליינכעם האָט געשעצט די שרייבער פון דער האסקאָלע טאַקע דערפאַר, וואָס זיי האָבן געשילדערט דאָסווירקלעכע לעבן, טאַקע דערפאַר, וואָס זיי האָבן באַ־שריבן, — ווי שאָלעם־אליינכעם זאָגט אין אַן אַנדער קרי־טישער ארבעט „דער יידישער דאָלעס אין די בעסטע ווערק פון אונדזערע שריפטשטעלער“, — „דעם נידעריקן קלאַס, געגעבן בילדער פון די קראַנקע, הונגעריקע, געדריקטע, אָרעמע, באַליידיקטע, אומגליקלעכע לייט“.

וויאַזוי קען דער שרייבער לויט שאָלעם־אליינכעמען דער־

גרײכנ זײַנ ציל? דאָס קענ ער דערגרײכנ נאָר דעמלט, „װענ ער גיט אונדז אַזעלכע בילדער, װאָס זײַנענ אונדז באַקאַנט, װאָס מיר האָבנ אינ זײ אַ באַגריף, װאָס קענענ לעבנ אָבער ניט אַזױ, אָבער ניט אַזױ, װי שאָמער, װעלכער פֿאַרקריכט אַזױ אינ פֿאַנטאַזיע, אַז פֿונ אַ מעלאַמעד װערט בײַ אים אַ לאָרד, פֿונ אַ קױמענקערער אַ גראַף, פֿונ טױט—לעבעדיק אונ פֿונ לעבעדיק—טױט. מיליאָנענ מיט בריליאַנטנ װאַלגערנ זיך בײַ אים װי מיסט".

דעם רעאַליזם ראַט שאָלעמ=אַלײכעמ די יִדישע שרײַבער צו לערנענ זיך ניט נאָר בײַ די יִדישע קלאַסיקער, נאָר אױך בײַ די קלאַסיקער פֿונ דער רוסישער ליטעראַטור. צװישנ די רוסישע קלאַסיקער האָט שאָלעמ=אַלײכעמ אָנגערופֿנ די נעמענ פֿונ גאָגאָלנ, שטשעדרינענ, ניעקראַסאָװנ, אָסטראָװסקינ, טורגעניעװנ.

שאָלעמ=אַלײכעמ איז געװענ דער אײנציקער באַדײַטנדיקער יִדישער קריטיקער ענדע די 80=ער יאָרנ פֿונ פֿאָריקנ יאָרהונדערט. אַלס קריטיקער האָט ער געמאָנט בײַ די שרײַבער די בעסטע קװאַליטעט פֿונ זײער שאַפֿנ. ער האָט געמאָנט דעם רעאַליזם פֿאַר די אינטערעסנ פֿונ דער „שומער=גאַס", פֿאַר אירע לײדנ אונ פֿרײדנ.

„אַהאַ, די „שומער=גאַס"!.. אונדזערע אַריסטאָקראַטנ פֿאַרגעסנ, — זאָגט שאָלעמ=אַלײכעמ, — אַז אַנ עמעסער מאַסקיל הײסט דער, װאָס קאָנ זיך אַראָפּלאָזנ צומ פֿאָלק אונ אױסלערנענ אַלע זײַנע באַדערפֿענישנ, דאָס

לעבן זיינס, מיט אלץ, וואָס אים פעלט און וואָס גוצלעך איז".

„אין די אמאָליקע ראָמאַנען פלעגן אונדז די מעכאַבר־ים אויסקלייבן העלדן, — האָט געשריבן שאָלעם־אַליכעם, — אָדער גאָר הויכע מענטשן — קימאַט מאַלאָכים, אָדער גאָר נידעריקע, מעשוגע ווילדע, קימאַט שיידים. דערצו פלעגן יענע מעכאַברים צוטראַכטן פאַנטאַזיעס, וואָס ניט געשטויגענע, ניט געפלויגענע... נאָר דאָס אלץ איז געווען אַמאָל. היינט האָט זיך אַלצדינג איבערגעביטן אין דער וועלט, און אויך דאָס שרייבן. דער אַרט ראָמאַן איז שוין ניט דאָס, וואָס אַמאָל. די מאַלאָכים מיט די שיידים האָבן זיך אויסגעלאָזט".

אָט ווי שאָלעם־אַליכעם פאַרשטייט דעם פּראָצעס פון קינסטלערישן שאַפן: „אַ שרייבער אַ ראָמאַניסט אין דער איצטיקער צייט — דאָס איז אַ קינסטלער, וואָס מאָלט אונדז ניט נאָר די אויסווייניקסטע צורע, דאָס געשטאַלט פונעם מענטשן, נאָר אויך אַלע אינווייניקסטע ווינקעלעך מיט אַלע קנייטשעלעך פונעם מענטשנס כאַראַקטער, מיט אַלע אונדזערע האַסאָגעס און טייוועס, מיט אונדזערע פאַרגעניגנס, יעסורים, פרייד און לייד — אַלץ, וואָס פילט אָן אונדזער פאַרטאַרעראַמט, פאַרומערט לעבן אַף דער וועלט; יעדער טאָג, יעדע שאָ, וואָס מיר לעבן איבער, איטלעכס באַכמע, איטלעכס נארישקייט, וואָס מיר טוען, האָט פאַר דעם שרייבער דעם קינסטלער אַ גרויסע ווערט. ער קלייבט

צונויפ די אלע קלייניקייטנ פונ אונדזער לעבנ אונ שטעלט דאָס נאָכדעמ צונויפ אונ באפוצט דאָס, געווייגלעכ, מיט אלערליי פארבנ. ער פלייסט זיכ, עס זאָל האָבנ א גופ מיט א נעשאָמע, עס זאָל לעבנ, עס זאָל, ווי מע זאָגט, רייד־ווערטער, צוטראכטנדיק דערצו א פאנטאזיע, געווייגלעכ, אלפי דערעכ האטעווע, ניט מעשונע־ערווייז, — מאכט ער פונ דעמ א גאנצנ ביניענ".

ווי א רעאליסט, איז שאָלעמ־אלייכעמ ניט קעגנ דער פאנטאזיע אינ דער ליטעראטור. ער פאָדערט בלויז, אז די פאנטאזיע זאָל זיינ „קעדערעכ האטעווע".

צוליבנ רעאליזמ אונ צוליב דער עמעסער פאָלקס־ליטעראטור האָט שאָלעמ־אלייכעמ פריער פאר אלצ געדארפט פירנ א קאמפ פאר דער אָנערקענונג פונ דער פאָלקס־שפראכ.

„הער, וואָס דענקט נאָר לאָגיש, — שרייבט שאָלעמ־אלייכעמ, — וועט אָנערקענענ, אז די אופלעבונג פונ זשארגאָנ איז דאָס בעסטע מיטל, אז דער גייסט פונ פאָלק זאָל גיינ אלצ העכער. אונ דער דערפאָלג, וואָס די שפראכ וועט מאכנ, וועט אונדז ווייזנ, אז מיר שרייבנ ניט פאר א קליינע גרופּקעלע אויסדערוויילטע, נאָר פארנ גאנצנ פאָלק, אינגאנצנ גענומענ. אונדזערע אָנשווינגענ וועלנ געפינענ א וועג צו די הערצער פונ אונדזערע ברידער — אונ וואָס דארפנ מיר נאָכ?"

שאָלעמ־אלייכעמ האָט געקעמפט פאר דער פאָלקס־

שפּראכ דערפֿאר, ווײַל דורכ איר האָט די ליטעראטור געקאָנט געפינענ א וועג צו די ברייטסטע פאָלקס=מאסנ.

שאָלעמ=אלייכעמ האָט זיכ באמיט אײַנצושטעלנ אויכ א סיסטעמ אינ דער ייִדישער שפּראכ, אינ איר לעקסיק אונ אפילע אינ איר אויסלייג. ער האָט דער ערשטער א רוק געטאָנ פאָרויס דעמ צושטאנד פונעמ אויסלייג אינ ייִדיש. אינ זײַנ „ייִדישער פאָלקס=ביבליאָטעק“ האָט ער פארעפנטלעכט קלאָלימ פונ אויסלייג אונטערנ טיטל „עטלעכע ווערטער וועגנ זשארגאָנ=אויסלייג“.

שאָלעמ=אלייכעמ האָט אוועקגעשטעלט די פּראָבלעמ פונ שאפנ א געשיכטע פונ דער ייִדישער ליטעראטור. דורכ זײַנ מיטווירקונג האָט זיכ עלאָזער שולמאנ גענומענ אָנשרײַבנ די געשיכטע פונ דער ייִדישער שפּראכ אונ פונ דער ייִדישער ליטעראטור אינ מיטלאלטער. אָבער איידער שולמאנ האָט אָנגעשריבנ זײַנ געשיכטע פונ דער מיטלאלטערלעכער ייִדישער ליטעראטור, האָט שאָלעמ=אלייכעמ געפונענ פאר נייטיק, אז אינ דער „פאָלקס=ביבליאָטעק“ זאָלנ געגעבנ ווערנ ביאָגראפישע ידיעות פונ די ייִדישע שרײַבער פונ XIX יאָרהונדערט. צוליב דעמ צוועק האָט ער זיכ געווענדט צו דעמ דעמלט שוינ אכציקיאָריקנ זאָקנ, צו דעמ שרײַבער אווראָמ=בער גאָטלאָבער, וועלכער האָט פארעפנטלעכט אינ דער „ייִדישער פאָלקס=ביבליאָטעק“ זײַנע „זיכרוינעס וועגנ ייִדישע שרײַבער“.

שאָלעמ=אלייכעמ האָט ניט נאָר געהויבנ די ווירדע פונ

דער יידישער ליטעראַטור, ער האָט אויך געהויבן די ווירדע פונעם יידישן שרייבער און קינסטלער. זייענדיק דער רעדאַקטאָר און דער אַרויסגעבער פון דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק“, האָט ער געזאָרגט וועגן דעם, אַז די אַרבעט פונעם שרייבער זאָל אָפּגעשאַצט און באַלוינט ווערן און דער שרייבער זאָל ניט זיין אָפּ הפקר אין די הענט פון צופעליקע סאָבאַקעווישן פאַרלעגער. ער האָט איינגעשטעלט נאָרמאַלע האָנאָראַרן פאַר קינסטלערישער ליטעראַטור, — אַ דערשיינונג, וואָס איז נאָך ביז דעמאָלט ניט געווען אינעם יידישן ליטעראַטור־וועזן.

באַזונדערס פּילבאַר איז שאָלעם־עליכעם געווען צו עלטערע און קראַנקע שרייבער, וואָס האָבן זיך געפונען אין דאַחקעס און נויט. אין דער צייט פון זיין אַרויסגעבן „די פאָלקס־ביבליאָטעק“ איז איינער אַ מיטאַרבעטער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. האָט שאָלעם־עליכעם גענומען דעם גרעסטן אָנטייל אין איינאָרדענען די פאַרי־אָסעמטע פאַמיליע פון דעם דאָזיקן מיטאַרבעטער.

אין יאָר 1889 האָט דער שרייבער קאַלמען שולמאַן געפּראַוועט זיין זיבעציקיאָריקן יובילייִ. דאַחקעס און נויט, הונגער און קעלט, עלנט און פאַרוואָרלאָזטקייט איז געווען דער גורל פונעם דאָזיקן שרייבער אָפּ דער עלטער. שאָלעם־עליכעם נעמט אונטער אַן אַקציע דורכצופירן אַ געלט־זאַמלונג אין קיעוו פאַר אָט דעם אַלטן שרייבער.

די דאָזיקע באַציִונג האָט שאָלעם־עליכעם איינגעהיט

ביזנ סאָפ פונ זײַנ לעבנ. אינ יאָר 1907, זײַענדיק אינ אמעריקע, האָט שאָלעמ=אלייכעמ אָרגאניזירט א ספּעציעלנ פאָנד לעטויוועס דעמ בלינד=געוואָרענעמ ייִדישנ ארבעטער=פּאָעט מאָרים ראָזענפעלד.

שאָלעמ=אלייכעמ זוכט אָפּ אונ מונטערט אופ יונגע טאלאנטנ, שרײַבט זיכ מיט זיי דורכ, אינטערעסירט זיכ ניט בלויז מיט זייער ליטערארישנ שאפנ, נאָר אויכ מיט זייער פּערזענלעכ לעבנ.

א באזונדערע ליבע ווײַזט שאָלעמ=אלייכעמ ארויס צו אזוינע טאלאנטנ, וואָס דאָס לעבנ האָט זיי פונ קינדווײַז אופ פארשטויסנ, אָדער צו די באגאבטע טרעגער פונ דער ייִדישער פאָלקס=קונסט, וואָס האָבנ קיינמאָל קיינ גליק ניט געזענ. זיי, אָט די דאָזיקע אומגליקלעכע פאָלקס=קינסטלער, ווידמעט שאָלעמ=אלייכעמ זײַנע צוויי פריִקע ראָמאנענ „סטעמפּעניו“ אונ „יאָסעלע סאָלאָוויי“.

„מײַנע כאוויירימ די שרײַבער האָבנ ניט געקענט אריבערטראָגנ, — האָט געשריבנ שאָלעמ=אלייכעמ, — וואָס האָב איכ זיכ עפּעס אָנגעכאפּט אָנ סטעמפּעניו? „אײַ, פע, א קלעזמער גאָר!“ אזוי האָבנ זיי צו מיר געשריבנ גאנצ ערנסט. דאָס אייגענע וועלנ זיי מיסטאמע פרעגנ אפ יאָסעלענ אויכ: „יאָסעלע, א מעשוירערל?!“ איכ וואָלט אָבער זײַנ א באלנ צו וויסנ, וויפל גרויסע מענטשנ, ארטיסטנ, עמעסע טאלאנטנ זײַנענ בא אונדז פארפאלנ געוואָרנ אונ גייענ לעיִבעד נאָכ אדאיאָמ? אזא טאלאנט, ווי „סטעמפּע=

ניו", וואָלט בא לײַטנ עפּשער געווענ א גרויסער קינסטלער, ער וואָלט געהייסנ ארטיסט, ווירטואָז אוכדוימע. אונ בא אונדז וואָס איז ער? א קלעזמער!.. אזא גענו, אזא קינסטלער, מיט אנ עמעסער פּאָעטישער נעשאָמע, ווי יאָסעלע סאָלאָוויי, וואָלט דאָכ בא אנדערע געהאט קאָוועד אָנ א שיר, ס'וואָלט מיט אימ געקלונגענ די וועלט, אפ די הענט וואָלט מענ אימ ארומגעטראָגנ. אזעלכע טאלאנטנ, ווי סטעמפּעניו, ווי יאָסעלע אוכדוימע, זײַנענ בא אונדז לעראָוו, גאָר זיי ליגנ באגראָבנ ערגעץ אינ א העק, ניט אָנקוקנ די ליכטיקע וועלט".

אינ „סטעמפּעניו" אונ אינ „יאָסעלע סאָלאָוויי" האָט שאָלעמ-אלייכעמ אויפמערקזאמ געמאכט אפ דעמ עלנט פונעמ יִדישנ פאָלקס-קינסטלער, וועלכער פלעגט, ווי א מעטעאָר, א שײַנ טאָנ אינעמ יִדישנ געטאָ אונ באלד אנידערפאלנ אינ א טהאָמ פונ פײַנ אונ דערנידעריקונגענ.

ערשטנ די גרויסע סאָציאליסטישע אָקטיאבער-רעוואָליוציע האָט אויסגעלייזט אונ דערהויבנ די אייניקלעכ פונ די סטעמפּעניוס אונ די סאָלאָוויים אונ האָט געוויזנ דער גאנצער וועלט, וואָס פאר א קינסטלערישע אויצרעס זײַנענ פארבאָרגנ אינ די טיפענישנ פונ פאָלק.

שאָלעם־אליי כעמס ערשטע ראָמאַנען

די יאָרן 1887—1889 זײַנען געװען די סאַמע פּרוכט־באַרסטע און רײַפסטע אין דער ליטעראַרישער טעטיקײַט פונעם יונגן שאָלעם־אַליי כעם.

נאָך אין יאָר 1886 האָט שאָלעם־אַליי כעם אין זײַנע װיי־ניק רײַפע דערציילונגען „נאַטאַשאַ" און „קינדער־שפּיל" געמאַכט אַ פּרוּװ צו געבן דעם מאָדערנעם עקספּלואַטא־טאָר, זײַן פּסיכאָלאָגיע און זײַן אױפפירונג. איצטער, אין יאָר 1887, שרײַבט שאָלעם־אַליי כעם אָן זײַן ערשטן ראָ־מאַן „סענדער בלאַנק", װוּ ער גיט שױן אַ גרעסער סאַטי־ריש בילד פונעם נײַעם יידישן בורזשוא.

סענדער בלאַנק — דאָס הױפּט־געשטאַלט פונעם ראָ־מאַן — איז דעמאָלט געװען אַ נײַס אין דער יידישער לי־טעראַטור. דאָס איז אַ געשטאַלט, װאָס איז אױסגעװאַקסן אױף די קאַפּיטאַליסטישע באַציונגען.

נאָכגעגאַנגען איז אױף דאָס ראָזיקע געשטאַלט נאָך שאָ־לעם־אַליי כעמען נאָך פון דעם ערשטן טראָט פון זײַן לי־טעראַרישן שאַפן. מױשע ליכטינאָװ, דער אײגנטימער פו־נעם גוט „מאָגילאַ" אין זײַן ערשטער דערציילונג „צװײ שטײנער", איז, אײגנטלעך, דער ערשטער װאַריאַנט פון „סענדער בלאַנק". און װער איז ליכטינאָװ?

„ער האָט אַ פעסטן כאַראַקטער... איז קײנמאָל בא זיך ניט אַראָפּגעפאַלן. מיט די גאָטליבער יידן האָט ער ניט

שאָלעם-אלייכעם אין קארלסבאד, זומער 1887

געקאָנט הויזנ און איז געווענ אינ קריג מיט דער גאנצער שטאָט... אָנגעזאמלט א היפשנ קאפּיטאל... געוואָרנ א פּאָסעסאָר פונ עטלעכע דערפער... האָט זיכ פארשלאָסנ מיט דער מישפּאָכע אינ „מאָגילא“... די גאָטליבער האָבנ אימ נאָכ מער פײַנט געקראָגנ פאר זײַנ אשירעס און פרײַלעבנ“.

אינ „סענדער בלאנק“ האָט שאָלעמ=אלייכעמ געשטעלט פאר זיכ אלס ציל צו געבנ די בורזשואזע מישפּאָכע, ווײַזנ די פּוסטקײַט און די געלטגײַציקײַט פונ דער יִדישער בורזשואזער פאמיליע.

דער דאָזיקער ראָמאנ שאָלעמ=אלייכעמס האָט געהאט נאָכ א ציל אָפּצוווענדנ דעמ יִדישנ פאָלקס=לעזער פונ די בולוואר=ראָמאנענ, „ווו עס קומענ פאָר פיל פארדרייטע, פארפּלאָנטערטע אינטריגעס, רירנדע און הארצרײַסנדע סצענעס, ווו מע גאנוועט, מע גאזלט אינמיטנ העלנ טאָג, ווו מע טראָגט מײַסימ פונ די קוואָרימ, מע הארגעט זיכ ביזנ טויט איבער א שיינ מיידל א ברונעטנ, אָדער א פײַנעמ באָכער א בלאָנדינ און קעדוימע אזעלכע ווילדע פאנטאזיעס, באצויגנ פונ פארשיידענע פּוסטע רוסישע, דײַטשישע אָדער פראנצויזישע ראָמאנענ פונ קסאוויע דע מאָנטעפּענ, פּאָל דע קאָק און אנדערע“.

און שאָלעמ=אלייכעמ האָט אינ א גאנצער רײ שטעלנ פונ זײַנ ראָמאנ פּאראָדירט שאָמערנ און זײַנע שונדישע גענג.

דאָס יִדישע פאָלק איז ניט קײנ אויסדערוויילטס, ווי עס

האָבנ הונדערטער יאָרנ נאָכאנאנד געוואָלט אײַנשמועסנ:
די יידישע עקספּלואטירנדיקע קלאסנ אונ די גאָטס=
סטראַפּטשעס. דעמ דאָזיקנ געדאַנק פירט דורכ שאָלעמ=
אַלייכעמ, ער ווײַזט, אז „פאַר קיינ פאָלק פּאסט ניט צו
מאכנ א צימעס דערמיט, וואָס מיר, מישטיינסגעזאָגט,
זײַנענ א צאַצקע באמ ריבוינעשעלוילעמ, אנ אטאָ=בעכאר=
טאָנו“. אונ שאָלעמ=אַלייכעמ גיט אונדז אינ „סענדער
בלאַנק“ א נעגאטיוו געשטאלט פונ א יידישנ קאפּיטא=
ליסט לויטנ מוסטער פונ אָסטראָווסקיס קיט קיטיטש.

די יידישע בורזשואזע קריטיק האָט ניט געקאָנט פאַר=
טראָגנ, פאַרוואָס שאָלעמ=אַלייכעמ האָט אינ נעגאטיווע
פאַרבנ ארויסגעשטעלט „דעמ צוקער=הענדלער, דעמ גרויסנ
סויכער, דעמ רײַכנ סויכער“.

דער יידישער קריטיקער יויסעפ=יעהודע לערנער, וואָס
האָט זיכ אינ די 60=ער יאָרנ דערקלערט פאַר א טאַלמיד
פונ די גרויסע רוסישע אויפקלערער אונ האָט געענדיקט
זײַנ קאריערע אלס צארישער צענזאָר, איז ארויס מיט אנ
ארטיקל אינ דער בײַלאגע צומ „יידישנ פאָלקסבלאט“ קעגנ
שאָלעמ=אַלייכעמענ אונ קעגנ זײַנ ראָמאנ.

„דער מעכאבער אליינ, — האָט געשריבנ לערנער, —
זעט מענ ארויס, האלט זײַנ סענדער בלאנק פאַר אזא מי=
מעשונע באשעפעניש, פאַר א פאַרזעעניש, וואָס ער רופט
עס אָנ קיט קיטיטש אפ דעמ יידישנ שניט, אפ דעמ
יידישנ פאסאָנ... איכ מוז אָפּנ זאָגנ, אז ער האָט זיכ

דערמיט שטארק פארזינדיקט, ווײַל באשאפנ יִדישע קיט קיטיטשעס הייסט — אזא כאראקטער, וואָס מע באגעגנט באַ א גראָבנ קופּעצ... ווער עס קאָנ דאָס יִדישע פאמיליענ-לעבנ, ווייסט, אז קיינ יִדישע קיט קיטיטשעס האָבנ מיר ניט".

אָט פארוואָס דער בורזשואזער יִדישער קריטיק איז ניט געפעלנ געווענ „סענדער בלאנק". דאָס יִדישע פאָלק איז דאָכ, לויט איר מיינונג, אנ אויסדערוויילטס, דער יִדישער „קופּעצ" קאָנ דאָכ ניט זײַנ קיינ „גראָבער".

אינ דער דאָזיקער צײַט האָט שאָלעמ-אליכעמ אָנגעשריבנ אויכ זײַנע באקאנטע ראָמאנענ „סטעמפּעניו" אונ „יאָסעלע סאָלאָוויי", ווו ער האָט ארויסגעפירט די געשטאלטנ פונ יִדישע פאָלקס-קינסטלער. שאָלעמ-אליכעמ האָט דאָ אויכ געשילדערט די אונטערטעניקע לאגע פונ דער יִדישער פרוי. שאָלעמ-אליכעמ האָט אָנגערופנ די ביידע ראָמאנענ „יִדישע ראָמאנענ", ווײַלנדיק דערמיט אונטערשטרײַכנ, אז ער האָט געשטרעבט וואָס נעענטער צו שילדערנ די ווירקלעכקײַט אונ די ספּעציפישע כאראקטערנ אינ דער יִדישער סוויווע. דאָס איז געווענ אויכ אנ אויסדרוק פונ זײַנ רעאליסטישער ריכטונג.

שאָלעמ-אליכעמ האָט זײַנ „סטעמפּעניו" געהאלטנ פאר זײַנ שטארקסט ווערק פונ דעמ פעריאָד. „סטעמפּעניו" איז א קינסטלעריש ווערק, — האָט שאָלעמ-אליכעמ געשריבנ אינ זײַנעמ א בריוו, — פונ אימ איז אָפּהענגיק דער גאַנ-

צער ווײַטערדיקער גורל פֿונ מײַנ ליטעראַרישער טעטיקײַט. איבערנעמענדיק זיכ מיטנ געדאַנק אָנצושרײַבנ א ייִדישנ ראָמאַנ פֿארנ פֿאָלק, האָב איכ איבערגענומענ פֿונ אימ אַלע ווּנדערשיינע לעגענדעס וועגנ דער דאָזיקער, אזוי צו זאָגנ, היסטאָרישער פּערזענלעכקײַט, וועלכע עקזיסטירנ בא אונדז אינ לאַנד אונ אינ בערדיטשעוו (ווּ ער איז געבוירנ געוואָרנ), זשיטאָמיר אונ אנדערע שטעט פֿונ וואָלינ אונ אוקראַינע. דאָרט איז ניטאָ קיינ איינ אַלטער ייִדישער אײַנוווינער, וואָס זאָל ניט קענענ, אויב ניט סטעמפּעניונ אַליינ, איז ווייניקסטנס די גרויסע צאָל אַנעקדאָטנ, געשיכטעס אונ לעגענדעס וועגנ אימ".

אָבער דער יונגער שאָלעמ-אַלייכעמ האָט זיכ ניט באַנוגנט בלויז מיט די מאַטעריאַלנ, וואָס ער האָט צונויפֿגעזאַמלט וועגנ אָט דעמ דאָזיקנ פֿאָלקס-קינסטלער סטעמפּעניו. שאָלעמ-אַלייכעמ האָט דאָך געוווּסט, אַז קעדיי צו שאַפֿנ א קינסטלעריש ווערק, איז נאָכ ווייניק אופֿצוזאַמלענ רוי-מאַטעריאַלנ. די דאָזיקע מאַטעריאַלנ דאַרפֿנ געלײַטערט ווערנ, אופֿגעלעבט ווערנ דורכ דער קינסטלערישער פֿאַנטאַזיע.

„סטעמפּעניו" איז שוינ ניט קיינ קאָפּיע פֿונ דער ווירקלעכקײַט, — שרײַבט שאָלעמ-אַלייכעמ אינ אַנ אנדער בריוו, — נאָר א קינסטלעריש בילד, וואָס באַלעבט די ווירקלעכקײַט מיט זײַנע שיינע, האַרמאָנישע אונ קלאָרע בילדער אונ שטריכנ. דאָס איז מײַנ ערשטער פּרוּוו איבער-

צוזאמענגעפאסטע אויסדרוקן פון דער יידישער שפראך; שוין גאנץ פעסט באוויזן, אז דער ווארט־באשטאנד פון דער שפראך

פאנטאזיע אפ א יידישן, פאלקסטימלעכן אונטערשלאק".

די ביידע ראמאנען, „סטעמפעניו" און „יאסעלע סאלאוויי", האט שאלעם־אליכעם פארעפנטלעכט אין זיין „יידישער פאלקס־ביבליאטעק".

דער אנגריף פון דער בורזשואז־נאציאנאליסטישער פרעסע

א שטורעם האט אנגעמאכט דאס דערשיינען פון דער „יידישער פאלקס־ביבליאטעק" אין דער יידישער קלערי־קאל־בורזשואזער פרעסע. דאס „יידישע פאלקסבלאט" און דער „האמייליץ" האבן זיך געלאזן אין שלאכט קעגן דער „יידישער פאלקס־ביבליאטעק", קעגן איר רעדאקטאר און קעגן דער יידישער ליטעראטור בכלל.

פון די שפאלטן פון „האמייליץ" און „פאלקסבלאט" האבן געגראגערט, ווער עס האט נאר געוואלט. דער נאציאנאליסטישער פובליציסט לעווינסקי האט זיך צעלאזן מיט א גאנצער סעריע ארטיקלען קעגן שאלעם־אליכעמען און קעגן „וויכענען דעם שוסטער", ווי ער האט אנגערופן דעם יידישן באלמעלאכע און דעם יידישן ארבעטער. לעווינסקי האט אין דער „פאלקס־ביבליאטעק" דערזען א נייע קראפט, וואס הייבט אן צו ווירקן אפ די יידישע פאלקס־מאסן, וואס הייבט זיי אן אויפקלערן זייער קלענגלעכע לאגע,

וואָס סטארעט זיכ ארײַנטראָגנ ליכטיקײַט אינ זייער פינצטערניש אונ אומוויסנ.

ער האָט ניט געקאָנט פארטראָגנ באזונדערס די פובליציסטישע ארטיקלענ שאָלעמ=אלייכעמס אונ דעריקער דעמ ארטיקל וועגנ די באלמעלאָכעס, ווו שאָלעמ=אלייכעמ שרײַבט וועגנ א „באלמעלאָכישנ פּאָדריאד“ אָדער וואָס „בא דער וועלט הייסט עס אסאָציאציע, בא אונדז אינ רוסלאנד ווערט עס אָנגערופנ ארטעל“, אונ דאָס, וואָס שאָלעמ=אלייכעמ ווענדט זיכ צו די ייִדישע שרײַבער, אז די שרײַבער זאָלנ אָט די דאָזיקע פראגע דערלערנענ אונ פראָפאגאנדירנ זי צווישנ די באלמעלאָכעס.

לעווינסקי האָט געמאכט א גוואלד סטײַטש, „עס האָט זיכ געפונענ אנ אויסלייזער פונ זשארגאָנ, דער הער שאָלעמ=אלייכעמ... גאָט האָט אימ געבענטשט מיט רײַכקײַט אונ פארמעגנ אונ מיט א פילנדיק הארצ צומ זשארגאָנ. זײַנ גאנצע טעטיקײַט אונ זײַנע גאנצע ווונטשנ זײַנענ נאָר צומ גונסטנ פונ אָט דעמ קוידערוועלש, אופצוהייבנ זײַנ פרעסטיזש אונ מאכנ פונ אימ א ליטעראטור=שפראכ. צוליב דעמ ציל זשאלעוועט ער קיינ געלט ניט, דרוקט ביכער אונ פארקויפט זיי אפ ביליקע פרײַזנ. ער צאָלט גוטע האָנאָרארנ די שרײַבער, אזא האָנאָראר, אז אונדזערע גרעסטע אונ בעסטע שרײַבער האָבנ עס אינ כאָלעמ ניט געזענ. שאָלעמ=אלייכעמ האָט אויסגערופנ צו אלע ייִדישע שרײַבער אונ האָט אויסגעקריצט אפ זײַנ פאָנ פאָלגנדיקע

ווערטער: „צען קאָפּעקעס פאַר אַ שורע פּראָזע און צוואַנ־
ציק קאָפּעקעס פאַר אַ שורע דיכטונג".

און לעווינסקי שפּאָט און שפּאַסט איבער די ייִדישע שרײַבער אין דעם סטיל פון מאַנאַכ: „אַלטע גיבורים, — שרײַבט ער, — גיבורים פון דער העברייִשער שפּראַכ, מענטשנ מיט נעמענ, ווי זיי האָבנ עס אויפגעלעבט, דער־שמעקנדיק דעם ריח פון געלט אינ דער נאָז. אַלע האָבנ זיי זיכ אוועקגעשטעלט אינ איינ קאָמאַנדע צו שרײַבנ זשאַרגאָנ... ייִדישע שרײַבער דאַרפנ האָבנ פּאַרנאָסע, און זיי וועלנ אײַכ שרײַבנ אויפ יעדער שפּראַכ, צאָלט נאָר גוט. זיי וועלנ אײַכ זינגענ אויפ אַלע שפּראַכנ, זאָל דאָס זײַנ זשאַרגאָנ אָדער טאַטעריש, נאָר צאָלט אָפּ".

דער אָנפאַל לעווינסקיס איז אייגנטלעכ געווענ ניט אַזוי קעגנ דעם „זשאַרגאָנ", ווי קעגנ די אויפוואַכנדיקע פאָלקס־מאַסנ, וואָס זייער שטימ האָט זיכ געהערט אינ די בעסטע ווערק פון די ייִדישע דעמאָקראַטישע שרײַבער.

„אויב דער הער שאָלעמ־אַלייכעמ, — זאָגט לעווינסקי, — רעדט וועגנ די נוצנ פאַרנ פאָלק, ווייסט דאָכ יעדער מענטש, אַז עס איז מער נוצ פאַראַנ אינ דעם מאַנאַכ, איידער אינ הונדערטער זאַמלביכער. פאַרוואָס זשע זאָל מענ ניט איבערזעצנ דעם מאַנאַכ? — פאַרוואָס געפינענ זיכ ניט קיינ גוטע איבערזעצער, קעדיי איבערזעצנ דעם סי־דער? דאָס זײַנענ ווירקלעכ וויכטיקע זאַכנ, און זיי טוענ דאָס ניט".

אזא ליטעראטור אפ יידיש האָט געפאָדערט געוויגסקי פונ שאָלעמ-אַלייכעמענ. ס'איז געווענ נייטיק פאר דער בורזשואזיע, אז די שנײַדער- אונ שוסטער-יונגענ זאָלנ זײַנ געבויגנ אינדרײַענ ווי פריער, אז די קינדער פונ דער יידישער אָרעמשאפט זאָלנ ניט אראָפּוואַרפנ פונ זיכ דעמ יאָכ פונ דער בורזשואז-וואוכערישער יידישלעכקײַט אונ זאָלנ זײַנ געהאָרכזאמע קנעכט פונעמ קאפיטאליזמ.

מיט נאָכ א גרעסערנ ציניזמ האָט זיכ אָנגעוואָרפנ אפ שאָלעמ-אלייכעמענ דער דעמלטיקער רעדאקטאָר פונ דעמ „יידישנ פאָלקסבלאט" לעווי, וועלכער איז בארימט געוואָרנ מיט זײַנע העסלעכע ארויסטרעטונגענ קעגנ די בעסטע יידישע שרײַבער:

„זיי פאלנ אָנ ווי די בריטאנעס אפ שאָמערנ אונ שרײַענ גוואלד, אז זײַנע דיבורימ מאכנ אומגליקלעכ דאָס יידנטומ, נאָר איכ מוז זאָגנ, אז נאָכ מײַנ דייע האָבנ שאָמערס צווייעטאזשנע, אונ אפילע ווענ ער וואָלט געשריבנ פינפטויזנטע 16-עטאזשנע, ווי די אמעריקאנער הײַזער, ראָמאנענ, וואָלטנ זיי ניט געבראכט א טויזנטביילעק שאָדנ דעמ יידנטומ, ווי דער איינער „יידישער פאר-פייסעכ" האָט געבראכט, כאָטש שאָלעמ-אלייכעמ דווייקעט זיכ, ווי א כאָסיד, איבער אימ".

לעווי האָט אָנגעטאָנ זײַנ ראבאָנישע יארמלקע אונ האָט זיכ גענומענ מוסערנ שאָלעמ-אלייכעמענ אונ די עלטערע שרײַבער מאסקילימ, וואָס זײַנענ געגאנגענ מיט אימ.

„שוינ באָרעכאשעט מער אלס דרײַסיק יאָר, — האָט
געשריבנ לעווי אינ „פאָלקסבלאט“, — איז מע הערט פונ
די גרויסע ייִדישע „מאסקילימ“ נאָר אזעלכע כאָכמעס,
אזעלכע לעצאָנעס איבער ייִדישע מינהאָגימ, ייִדישער טוי-
רע אונ דעמ ייִדישנ לעבנ ביכלאל. זיי לאכנ פונ לעבעדי-
קע אונ פונ טויטע, זיי מאכנ לעצאָנעס פונ אלצ, וואָס
ייִדנ איז הייליק אונ טײַער געווענ טויזנטער יאָרנ... קימאט
די גאנצע „נײַע ייִדישע ליטעראטור“, מיט גאנצ קליינע
אויסנאמענ, שטעלט, ליידער, פאָר א טײַוולאָנישנ געלעכ-
טער, עפּעס א מינ וואלפּורגישע נאכט פונ אלע אָרעמע
באלאוויירעס, פונ... נאקעטע נעשאָמעלעכ, וואָס האָבנ זיכ
צו קיינ רעכטער זאכ ניט געקאָנט צושלאָגנ, כוצ צו די
לעצאָנעס איבער ייִדנ אונ ייִדישקײַט“.

סאטירע איז גוט פאר אנדערע פעלקער, אָבער ניט פאר
ייִדנ, האָט געטײַנעט דער רעדאקטאָר לעווי, שלעכטע מי-
דעס האָבנ אלע פעלקער, נאָר ניט ייִדנ. עס איז ניטאָ וואָס
אויסצולאכנ פונ קיינ ייִדנ.

„מיסטאמע האָט אימ עמעצער געזאָגט, שאָלעמ-אליי-
כעמענ, — האָט געשריבנ לעווי, — אז דער אוילעמ האָט
האנאָע פונ זײַנע פּוסטינקע גלײַכווערטלעכ, האָט ער זיכ
אָנגעהויבנ אײַנצוריידנ בעצמעס, אז ער איז א גרויסער
מעכאבער. ער האָט געהערט זאָגנדיק, אז בא זיי, בייגיי-
העמ, איז עפּעס געווענ א גאָגאָל, א שטשעדרינ אדגל„
וואָס האָבנ מיט זייער סאטירע זייער פיל געווירקט אויפ-

צולעבן די שלעכטע מידעס, האָט ער אָנגעהויבן זיך אויב אריינצורעכענען צווישן די גרויסע סאטיריקער. דאָס האָט ער, דער שוטע, פארגעסן, אז יענע שרייבן אין אזא לאָשן, וואָס די מעליצע אליין פון דעם לאָשן האָט שוין א ווערט, און ביפראט נאָך זיי לאכן אָפּ פון עמעסע שלעכטע מידעס און העלפן מיט זייער סאטירע ארויסצו־יאָגן די כעסרוינעס, און ער שרייבט אין דעם גרייגרעווי־טשער לאָשן, וואָס אז ניט דער איניען גופע, איבער וועלכן מע רעדט, האָט דאָס לאָשן אליין קיין צורע ניט און קיין פּאָנעם, און ער לאכט אָפּ פון די מינהאָגים אָפּ אָן אָרע־מער כאסענע אין דער בערדיטשעווער גאס אדגל. איז דאָס נאָר קאָניקעס געצוויגן פון דער נאָז".

איין שרייבער בלויז פון דעם „יודישן פאָלקסבלאט" האָט געפרייט שאָלעם־אליכעמס געלעכטער. דער דאָזיקער שרייבער איז געווען דער נאָך דעמלט יונגער יודישער פּראָזאיקער מאָרדכע ספּעקטאָר. נאָך אין יאָר 1884 האָט ספּעקטאָר דער ערשטער אופמערקזאַם געמאכט שאָלעם־אליכעמען אָפּ זיין הומאָריסטישן טאלאנט. דעם הומאָר שאָלעם־אליכעמס האָט ספּעקטאָר באמערקט אין שאָלעם־אליכעמס א בריוו צו אים.

— אלץ איז אין דעם בריוו געמאָלט מיט א האנט פון א קינסטלער, און דערצו מיט אזויפיל הומאָר, — האָט ספּעקטאָר געשריבן צו שאָלעם־אליכעמען.

אין ספּעקטאָרן האָט דעמלט שאָלעם־אליכעם באקומען

א גאָענטן פרײַנט א שרײַבער, און אָט די פרײַנטשאַפט איז פאַר דעם יונגן שאָלעם־אַליכעם געווען זייער וויכטיק.

ביידע זײַנען זיי נאָך דעמאָלט געווען זייער יונג, ביידע האָבן זיי זיך ארומגעטראָגן מיט גרויסע ליטעראַרישע פּלע־נער, און ביידע האָבן זיי געשטרעבט מיטצוהעלפן דער אנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור.

דער זיידע און דאָס אייניקל

ערשט אָנהייב 1888 האָט זיך שאָלעם־אַליכעמען דעם רעדאַקטאָר אײַנגעגעבן צו פאַרבינדן זיך מיט מענדעלען דורך בריוו. מענדעלע האָט געענטפערט אַף שאָלעם־אַליכעמס ווענדונג אזוי: „ווען איר זאָלט ווּיסן... וויאזוי אונדזערע יידישע מעכאַברים פון גאַזעטן און זשורנאַלן מאַכן מיר קראַנק דעם קאָפּ מיט זייערע באַקאָשעס אַלץ אין איין קאָל: שרײַב, שרײַב! זאָגן דערבײַ צו גילדערנע בערג און בלײַבן דערנאָך ליגנער; וויאזוי מיִעס איך האָב מיך שוין אין מײַן לעבן פיל מאָל פון אזעלכע אָפּגענאַרט... איך קען אײַך ניט אָפּזאָגן און גיב אײַך מײַן וואָרט ווי ווײַט נאָר מעגלעך צו דינען אײַך מיט דער פּען".

מענדעלע וועט אָבער ניט גיין מיטאַרבעטן אין א זשור־נאַל, אין א צײַטונג, וואָס אנטשפּרעכט ניט זײַנע אָנשויונ־גען. און פּונקט ווי מיט צוויי יאָר צוריק, אין 1886, ענט־פערט ער ספּעקטאָרן אַף אן אײַנלאַדונג מיטצואַרבעטן אין

ספעקטאָרס א־געפּלאַנטער צײַטונג, אז „ס'איז ...שטאַרק
נײטיק באקאנט צו ווערנ מיט די בראָטימ, מיט איטלעכער
זאַכ באזונדער, וואָס צו דער גאזעטע, צו איר לײַב=אונ=
לעבנ, צו איר נעשאָמע איז נעגײע", אזוי פאָדערט מענדע=
לע אויכ פונ שאָלעמ=אלײכעמענ, אז ער מוז אימ ענטפערנ
„גאנצ רײנ אונ שארפ אפ די דאָזיקע זאכנ: ווי הײסט
אײַער זשורנאל, וואָס איז די פראָגראמ זײַנע".

באלד ווי שאָלעמ=אלײכעמ האָט נאָר באקומענ מענדע=
לעס ענטפער, האָט ער גלײַכ פארבונדנ מיט אימ א קאָ=
רעספּאָנדענצ. שוינ אינ דעמ ערשטנ בריוו האָט שאָלעמ=
אלײכעמ אויסגעגאָסנ דאָס אלצ, וואָס ער האָט געטראכט
אינ פארלויפ פונ יאָרנ וועגנ מענדעלענ, אונ דעמלט האָט
ער אימ אָנגערופנ „דער זײדע פונ דער יידישער ליטערא=
טור" אונ זיכ אלײנ פאָרגעשטעלט פאר מענדעלעס אנ
אײניקל. אונ וואָס ווײַטער, ווײַטער, הײבט שוינ אָנ דער
פּופּציקיאָריקער מענדעלע צו דערקלערנ זיכ אינ ליבע צו
זײַנ אײניקל. ער שרײַבט צו שאָלעמ=אלײכעמענ: „כ'וועל
ערגעצ ניט פאָרנ צו פארברענגענ דעמ זומער, ווי איכ בינ
טאָמעד געוווינט, נאָר זיצנ אינ דער הײמ אונ געשמאַק
שרײַבנ. איכ וועל דאָס טאָנ... נאָר צוליב אײַכ, ווײַל איר
געפעלט מיר עפּעס. דאכט זיכ, איר זײַט פונ מײַנע לײַט".
אזוי האָט שוינ מענדעלע געשריבנ צו שאָלעמ=אלײכעמענ,
צו זײַנ „ליבהארציק אײניקל", אינ יונ פונ 1888.

דורכ בריוו האָבנ זײ אײנע די אנדערע דערקענט: דער

„זיידע“ אונ דאָס „אייניקל“ פונעמ יידישנ רעאַליזמ. אונ דער „זיידע“ האָט אזוי ליב געקראָגנ דאָס אומבאַקאַנטע „אייניקל“ זײַנס, אַז ער שרײַבט צו אימ אינ א בריוו: „אײַער בילד איז בא מיר זייער אָנגעלייגט. כ׳האָב עס גוט באַטראַכט אונ געפונענ אינ אײַכ דאָס, וואָס איכ זוכ, — א גוטנ, קלוגנ, ערלעכנ מענטשנ. מײַנ אויג, מײַנ האַרצ נאַרנ מיכ קיינמאָל ניט אינ אַזוינע זאַכנ“. פריער פונ אַלצ האָט מענדעלע געזוכט אינעמ שרײַבער דעמ „גוטנ, קלוגנ אונ ערלעכנ מענטשנ“.

שאָלעמ־אַלייכעמ האָט באַלד צוגעשיקט זײַנע געדרוקטע ווערק צו מענדעלענ אונ געבעטנ, ער זאָל אימ זאָגנ זײַנ מיינונג וועגנ זיי. דאָס ערשטע ווערק שאָלעמ־אַלייכעמס, וואָס מענדעלע האָט געלייענט, איז געווענ „דער געט“, וואָס האָט זיכ געדרוקט אינ מ. ספּעקטאָרס „הויז־פרײַנט“ אינ יאָר 1888. אַנ אומגעהייערע פרייד האָבנ שאָלעמ־אַלייכעמענ פאַרשאַפט די פּאָר שורעס אינ מענדעלעס א בריוו צו אימ וועגנ אָט דעמ דאָזיקנ ווערק, ווי מענדעלע שרײַבט מיט זײַנ אייגנטימלעכנ פּאַראָדיע־סטיל: „נישקאָשע, ס׳איז מיר געפעלנ, כ׳ע זעט ערטערווײַז, אינ דעמ אייניקל רינט דעמ זיידנס בלוט. מיט א קניפּ אינ בעקעלע זאָג איכ אײַכ: א וויל אייניקל, נישקאָשע, א האָפענונג צו גאָט, אַז דער זיידע וועט פונ אײַכ אַפּ דער עלטער גרויס נאַכעס האָבנ!.. אייניקלעכ האָט דער זיידע פיל, נאָר געראָטענע זייער ווייניק“.



דאס מעסער׳ל

(א נאַרעשע, נאַר אַ טראַורינע געשיכטע פֿון מיין קינדהייט).

ערצעהלונג פֿון

שלום עליכם.

פ״ט פעטערבורג

בדפוס ר׳ ישראל לעווי ושותפו,

שנת תרמ״ז לפ״ק.

НОЖИКЪ

(Ничтожное но печальное событіе изъ моего дѣтства).

Разсказъ ШАЛОМЪ АЛЕЙХЕМА.

С.-ПЕТЕРБУРГЪ.

Типографія И. С. Леви и Кº. В. Подьяческая, д. № 25.

1887.

„דאָס מעסערל״, ערשטע אופלאגע

(טיטלבלאט)

אצינד האָט שוינ שאָלעמ־אליכעמ צונויפגעקליבנ אלע זײַנע ווערק אונ אוועקגעשיקט דעמ „זיידנ“ אפ מעווינעס. אונ דער „זיידע“ לייענט דורכ שאָלעמ־אליכעמס ווערק, אונ עס איז אימ שוינ ווייניק אָנצושרײַבנ א פּאָר שורעס אינ א בריוו וועגנ זײַנ „אייניקלס“ שאפנ. ס'איז אימ ווייניק אפ דעמ א גאנצער בריוו אונ מער פונ א בריוו. אונ דער „זיידע“ שרײַבט צומ „אייניקל“: „אצינד לייענ איכ אײַערע ספאָרימ. פונ פיל זאכנ האָב איכ שטארק האנאָע. ארויסשרײַבנ אײַכ מײַנ מיינונג איז אצינד אומעגלעכ, איכ וועל באדארפנ אָנשרײַבנ א סייפער“. אונ מענדעלע שרײַבט ווײַטער: „אכ, ווענ איכ זאָל קענענ מיט אײַכ ריידנ מינדלעכ, וואָלט געווענ זייער, זייער גוט אונ נוצלעכ. ביכלאל, זאָג איכ אײַכ, האָט דער „זיידע“ גרויס טײַנעג פונ זײַנ „אייניקל“.

דאָס זײַנענ געווענ פאר שאָלעמ־אליכעמענ די סאמע אווטאָריטעטע רייד פונ א קריטיקער, דאָס איז פאר שאָלעמ־אליכעמענ געווענ די איינציקע מיינונג פונ דער קריטיק. אונ שאָלעמ־אליכעמ באנוגנט זיכ שוינ ניט דערמיט, וואָס ער שיקט צו דעמ „זיידנ“ שוינ אָפּגעדרוקטע ווערק זײַנע. ער וויל, דער „זיידע“ זאָל זאָגנ זײַנ מיינונג וועגנ זײַנע נאָכ ניט געדרוקטע ווערק. ער וויל, אז מענדעלע זאָל דורכקוקנ זײַנ ראָמאנ „סטעמפּעניו“ אינ מאנוסקריפּט.

ביידע, סײַ דער „זיידע“ סײַ דאָס „אייניקל“, האָבנ געווארט מיט אומגעדולד אפ דעמ טאָג, ווענ זיי וועלנ זיכ

קענענ באגעגענענ פּאָנעמ צו פּאָנעמ, דורכריידנ זיכ וועגנ די פּראָבלעמענ, וואָס זײַנענ לויט זייער מיינונג דעמלט געשטאנענ פאר דער ײדישער ליטעראטור. אונ סאָפּקאָלסאָפּ איז שאָלעמ-אלייכעמ ספּעציעל אראָפּגעקומענ קיינ אָדעס זענ אונ זיכ דורכצוריידנ מיט דעמ „זיידנ“.

באמ „זיידנ“ צוגאסט

אינ א זומערדיקנ פארנאכט פונ יאָר 1890 איז אפּ באזארנער גאס אינ אָדעס, אינ איינעמ פונ די קווארטאלנ, וווּ עס האָט געוווינט די ײדישע אָרעמשאפט, צוגעפאָרנ א דראָזשקע אונ זיכ אָפּגעשטעלט בא דער געבײַדע פונ דער אָדעסער טאלמעטוירע. פונ דער דראָזשקע זײַנענ אראָפּ צוויי יונגעלײַט: איינער א מיטלוווּקסיקער, מיט העלבלאָנדע לאָקנ אונטער א קײַלעכדיק היטעלע. ער איז געווענ אויסגעפּוצט, לײַכט אונ מונטער איז געווענ זײַנ טראָט. ער האָט עפּעס גערעדט צו זײַנ באגלייטער, וואָס איז געווענ עטוואָס העכער פונ אימ, אונ יענער האָט געשמייכלט, גלעטנדיק זײַנ קורצ בערדל.

דאָס זײַנענ געווענ שאָלעמ-אלייכעמ, וואָס איז אָקאָרשט געקומענ פונ קיעוו מיטנ צוועק זיכ צו זענ מיטנ „זיידנ“, אונ אנ אָדעסער מיטארבעטער פונ דער „ײדישער פאָלקס-ביבליאָטעק“.

אינ אייניקע מינוט ארומ זײַנענ זיי ביידע — שאָלעמ-

אליכעם און זײַן באַגלײטער — געזעסן אין קאַבינעט באַם „זיידן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור" מענדעלע מוי־כער־ספֿרים. דאָס ערשטע מאָל האָט שלום־עליכעם געזען דעם „זיידן" אויג אויף אויג. דאָס ערשטע מאָל האָט דער „זיידע" דערזען לעבן זיך זײַן „ליב אייניקל", וועלכן ער האָט געקענט ביז דעמאָלט בלויז דורך בריוו און דורך פֿאָטאָגראַפֿישע בילדער.

אין מענדעלעס קאַבינעט, וואָס איז אין דער זעלביקער צײַט געווען אַן עסצימער אַ צימער פֿאַר געסט, איז הײַנט געווען עפּעס אַנדערש, ווי אין אַלע אָוונטן פֿון אַ גאַנץ יאָר.

דער „זיידע" מיטן „אייניקל" האָבן זיך דערזען פּאָנעם צו פּאָנעם. ביידע האָבן זיי דערפֿילט, אַז עס איז מיט־אַמאָל פֿאַרשוווּנדן פֿון זיי די בענקעניש, וואָס האָט זיי ביידן געמאַטערט די גאַנצע צײַט פֿון זייער שריפֿטלעכער באַקאַנטשאַפֿט.

מע האָט גערעדט וועגן דעם צושטאַנד פֿון דער ייִדי־שער ליטעראַטור, וועגן די אויפֿגאַבן, וואָס שטייען פֿאַר דער „פֿאָלקס־ביבליאָטעק", און גערעדט האָט אייגנטלעך מער מענדעלע, איידער שלום־עליכעם.

מענדעלע האָט אַ הייב געטאָן זײַנע אַקסלען און גע־זאָגט:

— איך בין געווען אין פּעטערבורג און האָב באַזוכט דעם אַזיאַטישן מוזיי פֿון דער וויסנשאַפֿטלעכער אַקאַדע־

מענדעלע מוכר־ספרים

מיע. דער ביבליאָטעקער האָט מיך ארײַנגעפירט אינעמ ביכער=אויצער, און עפשער צענ מינוט בינ איך געגאנגענ צווישנ ביכער, ביז דורכגעגאנגענ א גאנצנ קוואַרטאַל פונ העברעיִשע ביכער. דרײַ מענטשלעכע לעבנס זײַנענ עפשער וויניק, קעדיי דורכצולייענענ זיי. איך האָב מיך געפרעגט, וועגנ וואָס רעדט צו אונדז אָט די דאָזיקע ביכער=גאס? זי רעדט צו אונדז בלויז וועגנ הימלשע זאכנ. וועגנ ברויט, וועגנ געזונט, וועגנ לעבנ — פע, פע... בעסער טאנייסימ, לײַטערונג פונעמ גופ צוליב דער נעשאָמע, אָפזאָגנ זיך פונ דער=וועלט צוליב יענער=וועלט. און יאָרנלאנג האָבנ אָט די דאָזיקע ביכער פארשטעלט אזוינע פערלענ, ווי די בעסטע שאפונגענ פונ יעהודע האלייווי, גאביראָל און אנדערע. און אויב עמעצער האָט געהאט מוט ארויסצוטרעטנ קעגנ דער הימלשער הערשאפט, ווי דאָס האָט געטאָנ דער מוטיקער באָרוכ שפינאָזע, פלעגט ער אינ כײרעמ ארײַנגעוואָרפנ ווערנ.

מענדעלע האָט זיך צוגעזעצט אפנ שטול, א ביסל באטראכט זיך און ווידער גערעדט:

— איינ גליק איז נאָר, וואָס דאָס אָרעמע פאָלק האָט געלעבט אָנ דער זײַט פונ אָט דער ביכער=גאס, האָט גערעדט אפ איר שפראכ און האָט, נאטירלעכ, געוואָלט עסנ און געשטרעבט צומ לעבנ. ריידנ וועגנ לעבעדיקנ לעבנ צומ פאָלק אפ העברעיִש איז אומעגלעכ, דאָס איז א שפראכ בלויז אפ צו ריידנ וועגנ אוילעמ=האבע. ייִדיש — דאָס איז

די שפּראכ פונ אוילעם-האזע, פונ דער לעבעדיקער וועלט. דערפאר האָב איכ אָנגעהויבנ צו שרײַבנ אינ יידיש.

עפּעס א ווייכקײַט, א מילדקײַט האָט אויפגעגלאנצט פונ מענדעלעס יונגטלעכ פּאָנעם.

— ס'וואָלט שוינ לאַנג צײַט געווענ אויסצורייניקנ די קופּעס מיסט, — האָט מענדעלע געזאָגט, האָט זיכ אָפּגעשטעלט אונ א שאָקל געטאָנ מיט זײַנ גרויענ, געקרויזטנ קאָפּ, — די קופּעס מיסט, וואָס אונדזערע בעהיימעס האָבנ אינ דער שטאַל פונ דער יידישער ליטעראטור אָנגעמאכט. בעהיימעס זײַנענ דאָ זייער פיל, אונ קופּעס מיסט קומענ וואָס א טאָג מער.

אָט די רייד, ווענג וועלכע מענדעלע האָט אים דערמאָנט, אז ער האָט שוינ אים ווענג דעמ געשריבנ אינ א בריוו, האָבנ איצט שאָלעמ-אליי'כעמענ ווי געטראָפנ אינ פינטל. ער האָט זיכ ווידעראמאָל איבערצײַגט, אז דער „זיידע" איז אויכ אײַנשטימיק מיט זײַנ טעטיקײַט, וואָס ער פירט דורכ אינ דער יידישער ליטעראטור. א גאנצנ אָוונט האָט מענ אלץ גערעדט ווענג די אויפגאבנ, וואָס די פאָלקס-מאסנ שטעלנ פארנ יידישנ שרײַבער.

— זיי זײַנענ גערעכט, די ליטעראַרישע גראַגערס, זיי פארשטייענ, — האָט שאָלעמ-אליי'כעמ געזאָגט, — איכ מיינ טאקע אזוי, ווי זיי ווארפנ מיר אופּ, אז די יידישע ליטעראטור זאָל אוועק אינ דער „שוסטער-גאס".

עס איז שוינ געווענ טיפע נאכט, ווענ שאָלעמ-אלייכעמ

אונ זײַנ באַגלײטער האָבנ זיכ צעזעגנט מיטנ זיידנ אונ זײַנע אַוועק.

איצינד זײַנענ זיי געגאַנגענ זענ נאָכ איינעם א גרײַזגרויזענ זיידנ, וואָס איז שטענדיק יונג אונ פאַרלירט ניט זײַנ יוגנטלעכנ כיינ. שאָלעם־אַלייכעמ האָט אַזוי לאַנג געגאַרט נאָכ אימ. שוינ לאַנג, אַז ער האָט אימ געוואָלט זענ. דאָס איז דער יאם, דער שוואַרצער יאם, וואָס ליגט אפּ די שוועלנ פונ דער שטאָט אָדעס.

דער מעכטיקער אָטעמ פונ יאם האָט געגאָסנ מיט א פרישקײַט איבער דער שטאָט, איבער די סוואַרטאַלנ פונ דער אָרעמשאַפט, וואָס האָט געשלאָפנ נאָכנ טאָג פונ שווערער מי אונ האָרעוואַניע.

שאָלעמ־אַלייכעמ האָט געקוקט פונעם ברעג אינ דער ווײַט, געקוקט אינ דעמ האָריזאָנט, וואָס האָט זיכ שוינ גענומענ ראַנגלענ מיטנ טאָג. אונ דער יִדישער דיכטער האָט פּלוצעמ דערפילט לעבנ זיכ א נעפּלהאַפט געשטאַלט פונ א מענטשנ מיט א צעשויבערטנ, געקרויזטנ קאָפּ. זײַנע שטריכנ האָבנ אימ אויסגעזענ עפּעס מאָדנע נאָענט. עס האָט אפּ שאָלעמ־אַלייכעמענ א ווייע געטאָנ מיט יוגנט, אונ ער האָט זיכ דערמאָנט פּושקינס ווּנדערבאַרע פּערזנ וועגנ דעמ יאמ אונ אויכ פּושקינס דערציילונג וועגנ אַנ אַנדער דיכטער, פּובליוס אָווידיוס, וואָס איז אינ די צײַטנ פונ אַלטערטום א פאַרוואָגלטער אויכ געשטאַנענ אפנ ברעג פונ אָט דעמ יאמ אונ פאַרטרויט די כוואַליעס זײַנ טרויער.

א פײַפֿ פֿון א דאמפּער, װאָס איז ארויסגעקראָכן פֿון הינטערן האָריזאָנט, האָט צעשטערט די געפֿלעפֿטקײט פֿון שאָלעם־אליײכעמען, און פּושקין און אָווידיוס זײַנען פֿאר־שוווּנדן פֿון אים.

— איך בין אײַך מעקאנע, — האָט ער זיך פֿלוצעם געווענדט צו זײַן באגלייטער, — וואָס איר האָט די זכיה צו וווינען אין אָדעס, ווו איר קאָנט אָפּט געניסן דעם פֿארגעניגן צו זײַן באַם „זיידן", אים זען און הערן, צו זען דעם יאַם, דעם גרײַזגרויען יאַם, וואָס ווייסט פֿון אזויפֿיל טרויער צו דערציילן, איז קיינמאָל ניט אלט און פֿליעסקעט שטענדיק מיט א פֿריילעכן און יוגנטלעכן כיין.

קומענדיק צוריק קיין קיעוו, האָט שאָלעם־אליײכעם אוועקגעשטעלט בא זיך אפֿן שרײַבטיש דעם „זיידנס" בילד, און בעשאַסן שרײַבן פֿלעגט ער אָפּט קוקן אפֿן בילד און פֿרעגן בא זיך, צי וועט די זאך געפֿעלן ווערן דעם „זיידן" צי ניט.

אין א קורצער צײַט ארום איז שאָלעם־אליײכעם איינ־גענומען מיט זײַן פֿרוי ווידער געפֿאָרן קיין אָדעס פֿארברענגען מיטן „זיידן".

שאָלעם־אליײכעמס קומען איז געווען א פֿריידיקע דער־שײַנונג פֿאר אלע יודישע שרײַבער אין אָדעס. מע האָט זיך צונויפֿגעזאמלט אלע איינעם און מע האָט פֿארבראכט א גאנצע נאכט אין א פֿרײַנטלעכן שמועס.

און אז עס האָט אָנגעהויבן טאָגן און מע האָט זיך גע־

נומען קלײַבן אהיים, האָט דער שטענדיק ערנסטער און אָנגעכמורעטער מוישע־לייב ליליענבלום זיך אופגעהויבן פון זײַן שטול, האָט א פיר געטאָן מיט דער האנט איבער זײַן ברייטער געלער באָרד, האָט א זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— זײַט מיר געזונט. ס'איז שוין אופגעגאנגען דער מאָרגנשטערן, און איך דארף שוין גיין זיך פארנעמען מיט דער זאך פון באגראָבן ייִדן.

ווי יעדער איינציקער ייִדישער שרײַבער אין צארישן רוסלאנד, האָט אויך ליליענבלום ניט געקענט לעבן פון דער ליטעראטור. און קעדיי צו צו צוזען די מיטלען צום לעבן, האָט ער געמוזט דינען אין „כעווורע־קאדישע" אין אָדעס. בא דער זעלבער פראָפעסיע האָט זיך אויך געמוזט האלטן די בעסטע צײַט פון זײַן לעבן, אין זײַנע בעסטע שעפערישע יאָרן, דער ייִדישער קלאסיקער י. ל. פערעץ, וועלכער האָט געדינט אין דער ווארשעווער קעהילע, אין דעם אָפטייל, וואָס האָט געהאט צו טאָן מיט באגראָבן מייסים.

א מעכאבער

שאָלעם־אלייכעם איז געזעסן אין זײַן קאבינעט און האָט געארבעט. פלוצעם האָט זיך פון הינטער דער טיר געלאָזט הערן א געמאכטע הוסטערײַ. איין מאָל און נאָך אמאָל.

— אוואדע גאָר עמעצער זײַנער א פארערער פון א קליין שטעטל, וואָס איז געקומען אין קיעוו ארײַן, געקומען

אהער א קראנקער, אָדער מיט א קראנקן פון זײַן פאמי־ליע, צו היילן זיך בא א דאָקטער. און לוי דײַ וואָס ער האָט ניט פארוואָס צו היילן זיך, האָט ער נאָך קיין ווײַנ־רעכט אויך ניט.

האָט זיך שאָלעם־אליכעם גיך אופגעשטעלט פון זײַן שטול, צוגעלאָפן צו דער טיר, וואָס פירט אין זײַן פאָדער־צימער, געעפנט זי און געבעטן אריין.

אין דעם קליינעם, טונקעלן פאָדערצימער פון שאָלעם־אליכעמס דירע איז געשטאנען א מענטש פון א יאָר פינף און פערציק. זײַנע שווארצע אויגן, וואָס האָבן ארויסגע־קוקט פון זײַן גרינלעך פאָנעם, האָבן פארלוירן געזוכט עפעס אף די ווענט. ער איז געשטאנען און האָט מיט זײַנע דארע, לאנגע פינגער געהאלטן זיך פאר אן אָפגעטראָגע־נעם שווארצן פאלטאָ, וואָס האָט אויסגעזען שוין ניט שווארץ, נאָר עפוואָס גרינלעך. איצטער האָבן זײַנע אויגן שוין געפונען דעם הענגער, אָבער זײַנע פיס רירן זיך עפעס לעפישעוואטע.

אין א ווײַלע ארום, נאָך דעם, ווי שאָלעם־אליכעם האָט א כאפ געטאָן באם אומבאקאנטן דעם מאנטל און אופגעהאנגען אים, זײַנען זיי ביידע געווען בא שאָלעם־אליכעמען אינעם ארבעטס־קאבינעט. שאָלעם־אליכעם איז געשטאנען אָנגעשפארט אף זײַן הויך שרײַבטישל מיטן פּאָנעם צום אומבאקאנטן. און דער אומבאקאנטער באזוכער איז געזעסן באם גרויסן שרײַבטיש, וואָס איז גע־

וועג צוגעקליבנ מיט פארשיידענע שרײַב=געצײַג און שמאָכטעלײַענ.

— האָט קיינ פאריבל ניט, איכ שטער אײַכ אווארע אינ דער ארבעט? — האָט דער אומבאקאנטער, שוינ קומענדיק צו זיכ, געזאָגט צו שאָלעמ=אלייכעמענ. — אליינ בינ איכ פונ א קליינ שטעטל ניט ווײַט פונדאנענ. מײַנ געשעפט איז וואלד. ווי וואָלט איר דאָס אָנגערופנ אינ אײַערע ביכלעכ? א האק א בוימ, א פליוכ אינ וואסער. כע=כע=כע...

דער אומבאקאנטער האָט זיכ אזוי צעלאכט פונ זײַנ אייגענער כאָכמע, אז ער האָט זיכ אזש דערשראָקנ פאר זײַנ אייגענעמ געלעכטער, האָט פארשטעלט דאָס פאָנעמ מיט די הענט און האָט זיכ געוואָלט אײַנהאלטנ. נאָר וואָס מער ער האָט זיכ געסטארעט אײַנצוהאלטנ פונ געלעכטער, אלצ מער האָט ער געלאכט.

שאָלעמ=אליכעמ האָט שוינ געוואָלט ארויסהעלפנ זײַנ באזוכער, ארויסראטעווענ אימ פונ געפענקעניש באמ טעמפנ געלעכטער און האָט זיכ געווענדט צו אימ:

— וואָס זשע, אייגנטלעכ, האָט איר געוואָלט זאָגנ, און מיט וואָס קאָנ איכ אײַכ דינענ?

— זאָגנ?.. גאָרנישט... כ'האָב אײַכ גאָרנישט געוואָלט זאָגנ... — און קאטשעט זיכ ווידער פונ געלעכטער.—איכ בינ גלאט ארײַנ צו אײַכ... באקאנענ זיכ... ווי וואָלט איר געזאָגט אינ אײַערע ביכלעכ?.. אָנקוקנ די קאלע... כע=כע=כע... — און האָט זיכ ווידער צעלאכט.

שאָלעמ=אלייכעמענ האָט שוינ אָנגעהויבנ ווערנ א ביסל פריקרע פונעמ געלעכטער, אונ ער האָט גענומענ שפאנענ איבערנ צימער. די האסטיקע טריט זײַנע האָבנ אפ א ווײַלע אָפגעשטעלט דעמ טעמפ געלעכטער פונעמ באזוכער, אונ יענער האָט זיכ א ביסל פארלאָרנ.

— האָט קיינ פאריבל ניט, כ׳האָב צו אײַכ א שטיקל געשעפט אויכ. מיילע, וועגנ דעמ וועלנ מיר שפעטער ריידנ. איר דארפט וויסנ, אז איכ בינ אײַערער א הייסער כאָסיד... עס זאָל מיר קאָסטנ, האָב איכ מיר געזאָגט, מיעדייע וויפל, מוז איכ אײַכ זענ... רוב גיע דיענגי, א מוזשיק גיע בראט.. כע=כע=כע... וואָרעמ וואָס הייסט? כ׳וועל זײַנ אינ קיעוו אונ כ׳וועל אײַכ ניט זענ?.. כע=כע=כע...

איצט האָט שוינ דער באזוכער געלאכט ניט אזוי הילכיק, אײַנגעהאלטנ, אונ באלד האָט ער גענומענ ריידנ אפילע מיט א הייזעריקלעכער שטימ, פול מיט הארצ.

— הערט איר, געלט איז בא מיר בלאָטע, קײַ=אונ=שפײַ. נאָר, הערט איר, איכ האָב ליב ליטעראטור. מ׳איז דאָכ עפעס א ייִד, פונ „אמהאסייפער“, אונ איכ בינ דאָכ אײַערער א כאָסיד. וואָס הייסט א כאָסיד? א כאָסיד צו א כאָסיד איז ניט גלײַכ. מיילע, לאָמיר צוגיינ נעענטער צו דעמ איניענ. פארשטייט איר מיכ, מע זיצט אָפ כאדאָשימווײַז אינ וואלד, אונ עס ווערט סומנע אפנ הארצנ... יאָ, ניט פאר אײַכ גערעדט, כ׳האָב געקריגנ עפעס א נערוונקײַט, אונ עס שלאָפט זיכ ניט באנאכט... אָבער ניט שלאָפנ

וואָס ניט שלאָפנ הייסט!.. האָב איכ זיכ מעיאשעוו געווענ גאָר פרוּוונ ווערנ א שרײַבער, אָנשרײַבנ א סייפער.

— בא אונדז אינ מישפאָכע, — האָט שאָלעמ־אלייכעמס „פארערער" פאָרגעזעצט, — איז קימאט קיינ איינער ניט אוועק אפ דער עמעסער וועלט, ער זאָל ניט איבערלאָזנ נאָכ זיכ קיינ בוכ. דער זיידע מײַנער האָט אָפּגעדרוקט א סייפער אפ אויסגעצייכנטנ פאפיר.. דער סייפער האָט געהייסנ „אמודיי אייצ" (הילצערנע זײַלנ). דער פאָטער מײַנער האָט אויכ אָפּגעדרוקט א סייפער „אציי גויפער" (פימסנ־האָלצ), א רעמעז אפ דעמ, אז ער איז אויכ געווענ א וואלד־מענטש. נאָר אזוי ווי איכ האלט זיכ פאר א מאסקיל אונ האלט שטארק פונ דער זאכ, וואָס מע רופט עס פאָעזיע, האָב איכ מיר אָנגעשריבנ א פאנטאזיע, א ראָמאנ. איכ זאָג אײַכ, ס'איז צוקער־זיס, ניט ערגער פונ שאָמערנ. געלט איז בא מיר בלאָטע. א רענדל ארופ, א רענדל אראָפ, אבי אָפּדרוקנ, כע־כע־כע...

פונ דעמ באזוכערס רייד איז שוינ געווענ קלאָר, וואָס פאר א קינסטלעריש ווערק ער האָט אָנגעשריבנ אונ וואָס פאר א צילנ ער האָט זיכ געשטעלט אינ זײַנ ווערק. שאָלעמ־אלייכעמ האָט באלד פארשטאנענ, אז אנטקעגנ איטצט זיצט איינער פונ יענעמ מינ, וואָס הייסנ אינ דער ייִדישער סוויווע מיטנ נאָמענ „מעכאברימ", קעגנ וועלכע שאָלעמ־אלייכעמ איז ניט איינ מאָל ארויסגעטראָטנ אונ אויסגעלאכט זיי אונ די ווערק, מיט וועלכע זיי האָבנ פארמיס-

טיקט די ייִדישע ליטעראַטור. ניט װעלנדיק באַלײדיקנ דעמ באַזוכער, האָט אימ שאָלעמ=אַלײכעמ געבעטנ איבערלאָזנ זײַנע העפטנ. דער באַזוכער האָט אָבער ניט אײַנגעשטימט, ער מוז עס דאָ דורכלײענעג, אויב ניט אינגאַנצנ, איז כאָטש אײניקע טײלנ. ער װיל, שאָלעמ=אַלײכעמ זאָל אימ אָפּדרוקנ זײַנ װערק, װי ער, שאָלעמ=אַלײכעמ, װיל: אינ א צײַטונג, אינ א זשורנאַל, אינ א בוכ, — דאָס מאַכט אימ ניט אויס, אַבי דרוקנ.

בא שאָלעמ=אַלײכעמענ איז דעמלט געװענ צוגאַסט דער העברײיִשער שרײַבער דאָװיד פרישמאַנ. ער איז געזעסנ אינעמ צװײטנ צימער אונ האָט זיכ צוגעהערט צו די רײד פונ דעמ „מעכאַבער“. דער יונגער פרישמאַנ, װאָס האָט אינ די ליטעראַרישע קרײַזנ קאָקעטירט מיט קלױמערשטיקנ אײראָפּײיִשנ עסטעטיזמ, האָט באַשלאָסנ א שפּאַס טאָנ איבער דעמ קלײנשטעטלדיקנ „מעכאַבער“. ער איז אַרײַנ צו שאָלעמ=אַלײכעמענ אינ קאַבינעט, האָט זיכ פאָרגע=שטעלט פאַר דעמ באַזוכער אונ געבעטנ אימ פאָרלײענענ זײַנ װערק. דער „מעכאַבער“ האָט פונ גרויס פרײד גאָר ניט געקוקט אינ שאָלעמ=אַלײכעמס זײַט אונ האָט גאָר ניט געװאָלט באַמערקנ יענעמס אומצופרידנקײַט מיט פריש=מאַנס פאָרשלאָג. ער האָט גענומענ לײענענ, אונ שאָלעמ=אַלײכעמ האָט שוינ אויכ געמוזט הערנ.

„...יאָ, פרײַלנ, קאַזשעקעװע, װי איר זײַט דערצויגנ, איז אומפאַרגלײַכלעכ שענער אַלס פאַריזש, דענ דאָרט שײַנט

נור אײנ זאָנע, װערנד היר שײַנע צװײ זאָגעג, — האָט אדאָלפ געזאָגט.

— איכ פארשטײ זי ניט, מײַנ הער, — האָט בלומע א װײנענדיקע געזאָגט.

— װאָרומ פארשטײענ זײ מיכ ניט, פרײַלײַג? װענ קאַזשעקעװע האָט דאָס גליק ערלײַכט צו װערנ פאָנ אזוי אײַג-הערלעכע זאָנע, איז זי די שענסטע שטאָט אינ דער װעלט.

— ערהויבענ זי מיכ ניט, מײַנ הער, אזוי הויכ, איכ בעטע, — האָט בלומע געזאָגט מיט אנ ערנסטער מינע,— איכ בינ זאָ ניכט קײנ זאָנע, איכ בינ גאָר אײנ יידישעס מעדכענ.

— קאָנ זיכ א מענטש אײַנהאלטנ זײ ניט צו רימענ אונ דערהויבנ, קוקנדיק אפ אײַער ענגעלשײנעמ געזיכט? איכ גלויבע, דאָס די זאָנע האָט גענוג ערע, װענ מע פארגלײַכט אײַכ צו איר, — דיזע װערטער האָט דער גראפ גערעדט מיט געפיל אונ פײַער".

דאָס איז געװענ אנ אויסצוג פונ א ראָמאנ אינ צענ טײלנ נאָכגעמאכט שאָמערנ, פול מיט נארישע סענטימענטאלע פלאפלערײַענ אונ באזאלצנ מיט גראָב-יונגערישנ װיצ. דער „מעכאבער" האָט געלײענט זײַנ װערק מיט פאטאָס, באטאָנט די װערטער, װאָס האָבנ דערצײלט װעגנ די אומנאטירלעכע לײדנ פונ די העלדנ. ער האָט געמאכט מיט די הענט אונ האָט אלײנ געלאכט פונ זײַנע אײגענע װיצנ, אָנגעקװאָלנ פונ זײַנ טאלאנט.

שאָלעמ־אלייכעמ האָט זיך ווי פארשעמט, הערנדיק די דאָזיקע פּלאפּלערײַ. זײַנ פּאָנעמ איז רויט געוואָרנ. ער האָט אראָפּגעלאָזנ די אויגנ אונ געסטארעט זיך ניט צו קוקנ אפ פרישמאנענ אונ אפ דעמ פּאָרלייענער. ניט ווילנדיק האָט ער א קוק געטאָנ אפ פרישמאנענ, וועלכער איז געזעסנ קעגנ דעמ פּאָרלייענער אונ געלאכט אימ אינ פּאָנעמ ארײַנ. שאָלעמ־אלייכעמענ האָט פארדראָסנ פאר דעמ אומבאקאנטנ מענטשנ, פאר זײַנ טעמפּנ געשמאק אונ אָפּגעשטאנענקײַט. אָבער די אײַנגעשפּארטקײַט פונ דעמ פּאָרלייענער אונ זײַנ פארליבטקײַט אינ זיך האָט אויך שאָלעמ־אלייכעמענ געצווּנגענ זיך פונאנדערצולאכנ. ער האָט אָבער געוואָלט, דער „מעכאבער“ זאָל כאָטש ניט זענ ווי ער לאכט. דאָס איז אימ אָבער ניט געלונגענ. ער האָט זיך פונאנדערגעלאכט הויך אפנ קאָל. דער מעכאבער האָט זיך נאָכ מער צעלאכט אונ איז צעשמאָלצנ געוואָרנ פונ פרייד.

ער איז געווענ זיכער, אז דאָס האָט געווירקט דער הומאָר פונ זײַנ ראָמאנ. דער מעכאבער האָט אזוי געלאכט, אז ער האָט אוועקגעלייגט דאָס העפט אונ ניט געקאָנט לייענענ ווײַטער. אויסגעלאכט זיך, האָט ער זיך ווידער געכאפּט צו דעמ העפט, אָבער פרישמאנ האָט אימ אָפּגעהאלטנ.

— גענוג. מע דארפ שוינ מער ניט לייענענ. ס'איז אזוי גוט, אז מע פארשפּאָרט שוינ לייענענ ווײַטער. אלזאָ, יונגערמאנ, אינ וואָס גייט דאָ?

— און וואָס זאָל דאָ גיין? איך וויל, אז מײַנע „הילע צערנע הערצער“ זאָלן זײַן געדרוקט. איך האָב זיי שוין געזאָגט, אז דער ווילן צום דרוקן איז נאָך בא מיר בעיקרושע פון מײַן זיידן. און געלט, איז וויפל איר וועט זאָגן. און טאָמער איז דאָ ניט אלץ גלאַט, וועט איר דאָס שוין מאכן בעסער. איר מעגט עס אפילע אינגאנצן איבערמאכן. וואָס, וואָס? דער גוויר וויסאָצקי מעג, און איך טאָר ניט? ער שרײַבט דאָך גאָר ניט זײַנע ביכער. דאָס שרײַבט דאָך אים איזוו מימינסק, און גיין גייט עס אפ זײַן נאָמען. כ'וועל אײַך גאנץ שיין באצאָלן דערפאר. צו מײַן וואלד־געשעפט וועט עס אויך ניט שאטן...

— ניין, — האָט זיך אָפּגערופן שאָלעם־אלייכעם, — ס'איז אויסגעצייכנט, איר זײַט אליין א גאָט־געבענטשטער שרײַבער, איר דארפט ניט אָנקומען צו פרעמדע לאסקעס.

— מע באדארף נאָר וויסן דעם ווערט פון אײַער ראָמאן, — האָט פרישמאן צוגעגעבן, — און דאָס לאָזט זיך ניט אָפּשאצן, סײַדן מע זאָל וויסן די וואָג, וויפל עס וועגט. און דאָס איז ניט שווער צו דערגיין. מע נעמט, מע לייגט דאָס אוועק אפ א וואָג, דאָס הייסט — אפ איין שאָל דאָס ווערק און אפ דער אנדערער דאָס געוויכט, וועט מען וויסן אקוראט.

באלד זײַנען אלע דרײַ — שאָלעם־אלייכעם, פרישמאן און דער מעכאבער — אוועק אין א דערבײַיק קלייטל אָפּוועגן דעם מעכאבערס ווערק.

אינ קלייטל האָט פרישמאַנ אַ כאַפּ געטאָנ דעם מאַנוס=קריפּט פונ דעם מעכאַבערס האַנט, האָט עס אַרופגעלייגט אַפ דער שאָל, וואָס איז געהאַנגענ איבער אַ פעסל פינ הערינג, אָוועקגעשטעלט געוויכט אונ אויסגעשריענ:

— פינפ אַ האַלבע פונט.

— וואָס רעדט איר, איר וועגט שלעכט. דאָ איז מער ניטאָ ווי דרײַ מיט אַ פערטל.

— ניינ, ס'איז ריכטיק. פינפ אַ האַלבע פונט.

עס איז געבליבנ, מע זאָל ווידעראַמאָל וועגנ. דערווײַל האָט פרישמאַנ אַראָפגענומענ דאָס געוויכט, אונ די שאָל, אַפ וועלכער ס'זײַנענ געלעגנ די העפטנ, האָט זיך האַסטיק אַראָפגעלאָזנ, אונ די העפטנ זײַנענ אַרײַנגעפאַלנ אינ דעם ליאָק.

— אוי, ווי איז מיר, אָוועקגעפּאַטערט דעם ראָמאַנ! געקוילעט אָנ אַ מעסער!

דער מעכאַבער האָט זיך אַ צעשראָקענער אײַנגעבויגנ אינ פאַס, האָט אויסגעשמירט דעם הוט אונ קוימ אַרויסגעצויגנ דעם אײַנגענעצטנ מאַנוסקריפּט.

— אוי, ווי, מע זעט גאָר קיינ ווערטער ניט. כ'האָב דאָך געשריבנ מיט אַ בלײַפעדער!

— נישקאָשע, נישקאָשע, ס'איז נאָך ניט פאַרפאַלנ, — האָט געזאָגט שאָלעמ=אַלייכעמ, — איר וועט אָנשרײַבנ אָפּדאָסנײַ.

— ניט שוינ זשע וואָס, אַ ווערדע האָט זיס בײַ מיר

ס'וועט דויערנ א פאר וואכנ, אונ ס'וועט זײַנ אנ אנדער ראמאנ. שרײַבנ קאנ איכ דאכ?!

— יא, דאס קאנט איר. מיר קענענ אײַכ אפילע ארויסגעבנ אפ דעמ א קסאוו, כאטש אפילע מיר האבנ אײַער האנטשריפט ניט געזענ, — האט שאלעמ-אלייכעמ געזאגט.

דער מעכאבער איז געווענ שטארק צופרידנ פונ שאלעמ-אלייכעמס פארשלאג אונ האט געבעטנ, אז אי שאלעמ-אלייכעמ אי פרישמאנ זאלנ אימ דאס צעטל כאסמענענ.

מע איז אוועק צוריק צו שאלעמ-אלייכעמענ אינ הויז, אונ שאלעמ-אלייכעמ האט ארויסגענומענ פונ שרײַבטיש א בלאנק אונ אנגעשריבנ מיט א קלארער קאליגראפישער האנטשריפט פאלגנדיק צעטל:

„מיר, די אונטערגעשריבענע שרײַבער ד. פרישמאנ אונ שאלעמ-אלייכעמ, האבנ געהערט, ווי דער הער פידלהאלצ האט אונדז געלייענט זײַנ ראמאנ „די הילצערנע הערצער“, וואס שאמערס ראמאנענ זײַנענ אנטקעגנ אימ בלאטע. מיר האבנ געהערט אונ געקײַקלט זיכ פונ געלעכטער.

שאלעמ-אלייכעמ. ד. פרישמאנ“.

מיט א צופרידענעמ שמייכל אפ זײַנ פאנעמ איז פידלהאלצ אוועק פונ שאלעמ-אלייכעמס הויז.

65—15

קאַפּיטל זיבנ

אינ געראנגל פאר דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק”

ענדע 1890 האָט שאָלעמ־אלייכעמ פארלאָרנ דאָס פארמעגנ, וואָס ער האָט באקומענ אלס יערושע פונ זיינ שווער. מע האָט אימ אָנגעזעצט, אונ ער האָט קיינ אנדער בריירע ניט געהאט, ווי אויכ אָנזעצנ. עס האָט אימ געדראָעט דער צארישער געריכט אונ די צארישע טפיסע. די בירזשע־סאָכרימ אונ דער צארישער געריכט האָבנ זיכ גאָר ניט גערעכנט דערמיט, וואָס סאָלאָמאָנ ראבינאָוויטש איז געווענ דער באקאנטער שרייבער שאָלעמ־אלייכעמ.

שאָלעמ־אלייכעמ שיקט אוועק זיינ פאמיליע קיינ אָדעס, ווו זי קומט קוימ איבער א טאָג איבער א טאָג, אינ שווערע מאטעריעלע באדינגונגענ אונ אינ שרעק, עס זאָלנ זי ניט באפאלנ די קרעדיטאָרנ.

אליינ שאָלעמ־אלייכעמ שווארצט די גרענעצ. ער פאָרט א געוויסע צייט ארומ איבער רומעניע, גאליציע, עסטרייכ אונ פראנקרייכ. דאָ האָט שאָלעמ־אלייכעמ געהאט א מעגלעכקייט צו זענ באשיימפערלעכ די ערשטע שרעקלעכע

פאָלגנ פונ די עמיגראציע=גליקנ. דאָ האָט ער זיכ געקאָנט צוקוקנ צומ שווערנ, רעכטלאָזיקנ לעבנ פונ דער יידישער אָרעמשאפט אינ רומעניע.

דורכ שעוורע מאטערנישנ האָט זיכ שאָלעמ=אלייכעמ ווי=עס=איז איינגעאָרדנט, ער זאָל שוינ קענענ וווינענ אינ רוסלאנד לעגאל. אונ שאָלעמ=אלייכעמ קומט צוריק קיינ רוסלאנד. איצט איז די שטאָט, ווו שאָלעמ=אלייכעמ וווינט, אָדעס. דאָס איז געווענ אינ 1891.

שאָלעמ=אלייכעמס פארלירנ דאָס פארמעגנ האָט גע=בראכט צומ אונטערגאנג פונ דער „פאָלקס=ביבליאָטעק“. דאָס איז געווענ א שווערע געשעעניש ניט בלויז פאר שאָלעמ=אלייכעמענ אליינ. דאָס האָט זיכ אויכ אָפּגערופנ אפ דער שעפערישער טעטיקייט פונ די בעסטע שרייבער, וואָס האָבנ אָנטיילגענומענ אינ דער „פאָלקס=ביבליאָטעק“, אונ אפילע אפ מענדעלענ אויכ. די „יידישע פאָלקס=ביבליאָטעק“ איז געווענ דעמלט דער איינציקער אָרגאנ, ווו די פּראָגרעסיווע יידישע שרייבער האָבנ געהאט א מעגלעכקייט זיכ צו דרוקנ.

אָנהייב די 90=ער יאָרנ פונ פאָריקנ יאָרהונדערט האָט קיינ פעריאָדישע פרעסע אינ יידיש אינ רוסלאנד ניט עקזיסטירט. עס האָבנ עקזיסטירט דעמלט בלויז צוויי פע=ריאָדישע יאָרביכער: פרעצעס „יידישע ביבליאָטעק“ אונ ספעקטאָרס „הויז=פריינט“, וואָס האָבנ דערשיינט אינ ווארשע.

פאר דעמ יידישנ שרייבער האָט זיכ זייער ערנסט גע=

שטעלט די פראַגע וועגנ דרוקנ זײַנ ליטעראַרישע פראָדוק־ציע. אונ שאָלעמ־אַלייכעמ האָט ניט פאַרלאָזנ דעמ געדאַנק ווידער אופצושטעלנ זײַנ זאַמלבוך.

אינ די סאַמע שווערסטע מאַטעריעלע באַדינגונגענ, אינ א צײַט פונ עלנט וויל שאָלעמ־אַלייכעמ ווידער אופשטעלנ זײַנ ליטעראַרישע היימ. ער פאַרמאַשקנט דאָס לעצטע, וואָס איז אימ איבערגעבליבנ, אונ גיט אַרויס א מינ פראָספעקט צו א נײַעמ באַנד פונ „דער יִדישער פאָלקס־ביבליאָטעק" אונטערנ נאָמענ „קויל מעוואַסער צו דער יִדישער פאָלקס־ביבליאָטעק".

די דאָזיקע אויסגאַבע האָט שאָלעמ־אַלייכעמ קימאַט אַליינ צונויפגעשטעלט. דאָ האָט שאָלעמ־אַלייכעמ אָפּגעדרוקט דאָס ערשטע בינטל בריוו פונ מענאַכעמ־מענדלענ צו שײנע־שיינדלענ, וואָס גייט אונטערנ נאָמענ „לאָנדאָנ". דאָ האָט שאָלעמ־אַלייכעמ פאַרעפנטלעכט אייניקע קריטישע אַרטיק־לענ אונ פעליעטאָנענ. דאָ האָט ער אויך אָפּגעדרוקט זײַנ באַקאַנטע ליד „שלאָף, מײַנ קינד", וווּ ער האָט אַרויסגע־זאָגט זײַנ באַציִונג צו דער עמיגראַציע קיינ אַמעריקע.

> באַ דײַנ וויגל זיצט דײַנ מאַמע,
> זינגט א ליד אונ וויינט;
> וועסט אַמאָל פאַרשטיינ מיסטאַמע,
> וואָס זי האָט געמיינט.

שאָלעם־אַלייכעמס „קאָל מעוואַסער צו דער יוד. פאָלקס־ביבלי־אָטעק" (1892)

אינ אמעריקע איז דער טאטע
דײַנער, ליו-ליו-ליו!
דו ביסט נאָכ א קינד לעסאטע,
שלאָפ זשע, זוניוניו!

אינ אמעריקע איז פאר יעדנ,
זאָגט מענ, גאָר א גליק,
אונ פאר יעדנ א גאנײדנ,
גאָר עפעס אנ אנטיק.

דאָרטנ עסט מענ אינדערוואָכנ
כאלע, זוניוניו!
יויכלעכ וועל איכ דיר קאָכנ,
שלאָפ זשע, ליו-ליו-ליו!

גאָט וועט הייסנ, וועט ער שיקנ
בריוולעכ, זוניוניו,
גאָר אינגיכנ אונדז באגליקנ,
שלאָפ זשע, ליו-ליו-ליו!

ער וועט שיקנ צוואנציק דאָלער,
זײַנ פאָרטרעט דערצו,
אונ וועט נעמענ — לעבנ זאָל ער —
אונדז אהינצוצו.



שאָלעם־אַלייכעמס וויג־ליד „שלאָף, מײַן קינד״ מיט נאָטן צו איר
(אָפּגעדרוקט אַלס בײַלאגע צום „קאָל מעוואַסער צו דער יידישער
פֿאָלקס־ביבליאָטעק)

ער וועט כאפנ אונדז צו קושנ,
טאנצנ אזש פאר פרייד,
איכ וועל קוואלנ טרערנ גיסנ,
וויינענ שטילערהייט.

ביז עס קומט דאָס גוטע קוויטל,
שלאָפ זשע, ליו=ליו=ליו!
שלאָפנ — איז א טײַער מיטל,
שלאָפ זשע, זוניונינו!

אָט די ליד איז באלד געוואָרנ איינע פונ די סאמע פּאָפּולערסטע וויג=לידער, מיט וועלכע די מוטער פונ דער יידישער אָרעמשאפט פלעגט פארוויגנ איר הונגעריק קינד. קיינער האָט ניט געוווּסט, אז אָט די פאָלקסטימלעכע ליד, וווּ עס ווערנ אויסגעדריקט די ליידנ אונ טרוימענ פונ דער מוטער פונ דער יידישער אָרעמשאפט, געהערט צו שאָלעמ=אלייכעמענ, ביז שאָלעמ=אלייכעמ האָט אפ דעמ אליינ אופמערקזאמ געמאכט.

די „יידישע פאָלקס=ביבליאָטעק" איז אימ אָבער ניט געלונגענ אופצולעבנ, ווײַל צו ווייניק זײַנענ געווענ די מאטעריעלע מיטלענ פונ שאָלעמ=אלייכעמענ, קעדיי אופצוהייבנ אזא אונטערנעמונג.

שאָלעמ=אלייכעמ האָט זיכ אינ אָדעס געמוזט ווארפנ פונ איינ באשעפטיקונג צו דער צווייטער, קעדיי צו קאָנענ ווי=עס=איז אונטערהאלטנ די עקזיסטענצ פונ זײַנ פאמיליע.

מענאכעמ־מענדל

„מענאכעמ-מענדל איז ניט קיינ העלד פונ א ראָמאנ אונ איבערהויפּט ניט קיינ אויסגעקלערטע פיגור. דאָס איז נעבעכ א ייִד פונ א גאנצ יאָר, מיט וועלכנ דער פארפאסער איז פערזענלעכ אונ נאָענט באקאנט“, — אזוי האָט שאָלעמ-אליײכעמ געשריבנ וועגנ אײנעמ פונ זײַנע גרונט-געשטאלטנ. אינ די געבראכטע שורעס שאָלעמ-אליײכעמס איז פאראנ א גרויסער עמעס.

די סעריע דערציילונגענ, געשריבנ אינ אנ עפּיסטאָליארישער פאָרמ מיט דעמ הויפּט-העלד מענאכעמ-מענדל, האָט שאָלעמ-אליײכעמ, ווי אונדז איז שוינ באוווּסט, אָנגעהויבנ שרײַבנ אינ אָנהייב פונ די 90-ער יאָרנ. אינ פארלויפ פונ דער גאנצער צײַט פונ זײַנ ליטעראַרישער טעטיקײַט שפּירט ער נאָכ דעמ דאָזיקנ העלד זײַנעמ, באָבאכטעט אימ, באארבעט אונ ארבעט איבער די דערציילונגענ, וואָס ווערנ קלוימערשט געשריבנ פונ מענאכעמ-מענדלענ גופע אונ פונ זײַנ ווײַב שיינע-שיינדל אינ דער פאָרמ פונ א בריוו-וועקסלונג צווישנ זיי.

דער קלײנשטעטלדיקער סקארבאָווער האלב-אינטעליגענט מענאכעמ-מענדל, וועלכער איז אויסגעוואקסנ אפ די פארעלטערטע טראדיציעס פונ דעמ אײַנגעשלאָסענעמ לעבנ אינ אײנעמ ייִדישנ שטעטל פונעמ געוועזענעמ טכומ, פאלט ארײַנ אינ די גרויסע מאָדערנע שטעט פונ אוקראַינע — אינ

אָדעס און אינ קיעוו (יעהופעצ). מיט א פיבערהאפטער אָנשטרענגונג באמיט ער זיכ צוצופאסנ צו די פאר אימ נייע קאפיטאליסטישע פארהעלטענישנ און צו די נייע פאָרמעג פונעמ לעבנשטייגער. ער בויט פאנטאסטישע פראָיעקטנ, איינער פאנטאסטישער פונ דעמ צווייטנ, און שטענדיק פאלט ער דורכ שלימ-שלימאזלדיק.

מענאכעמ-מענדל איז אינ טאָכ א מענטש מיט באגאבטקייט, מיט פאנטאזיע און מיט איניציאטיוו, אָבער דאָס פעלנ פונ א רעאלנ באָדנ אונטער די פיס מוז אומפארמיידלעכ צונישט מאכנ אלע זיינע פראָיעקטנ, אלע זיינע פאנטאזיעס. סאָפקאָלסאָפ פאלט ער אריינ אינ א קאָמישער לאגע, ווערט לעכערלעכ און ווייזט זיכ אונדז אויס פאר א מענטש א טויגעניכצ, א פלאפלער, א מענטש, וואָס פאנטאזירט וועגנ ניט געשטויגנ, ניט געפלויגנ.

מענאכעמ-מענדל פארשטייט ניט און איז ניט אימשטאנד צו פארשטיינ דעמ זינ פונ די קליינלעכע רעזולטאטנ פונ זיינ טעטיקייט. דער שלימ-שלימאזל איז, לויט זיינ מיינונג, די סיבע פונ אלע זיינע מאפּאָלעס און צאָרעס. מענאכעמ-מענדל שטרעבט ניט איבערצואנדערשנ די וועלט, פארקערט, מיט אלע קויכעס שטרעבט ער זיכ צוצופאסנ צו דער קאפיטאליסטישער סיסטעמ. אָבער דער קאפיטאליזמ טאקע שמייסט אימ אָפּ און מאכט צונישט אלע זיינע פלענער און באשטרעבונגענ. קאָמיש איז ער דערפאר, וואָס ער פארשטייט ניט זיינע אייגענע אינטערעסנ

און וואָס ער זעט ניט די סיבעם פונ זײַנע דורכפאַלנ.

ער זעט בלויז די אויסערלעכע באַוועגונגענ פונעם קאַפּיטאַליזמ און זײַנ הו־האַ. ער ווערט, לויט שאָלעמ־אַלייכעמס אויסדרוק, א לופּטמענטש, שוועבט אינדערלופּטנ און האָט זיכ ניט אָנ וואָס אָנצושפּאַרנ.

מענאַכעמ־מענדל איז א געשטאַלט א טראַגי־קאָמישעס, ער איז הילפלאָז און פאַרשטייט ניט זײַנ לאַגע, ער רײַסט זיכ אומזיסט צומ לעבנ, רײַסט זיכ פונעמ אַלטנ שטעטל און שטרעבט צו א נײַ לעבנ, אָבער דאָס נײַע לעבנ וואַרפט אימ אומבאַראַכמאָנעסדיק אָפּ פונ זיכ. ער איז א טיפּישער פאָרשטייער פונ יענע שיכטנ פונעמ יידישנ שטעטל אינ צאַרישנ רוסלאַנד, וואָס האָבנ געזשיפּעט אינ רעכטלאָזיקײַט, אינ דאַלעס, ביז די גרויסע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע האָט זיי באַפרײַט און האָט זיי פאַרוואַנדלט אינ פּייִקע און נוציקע בירגער.

מענאַכעמ־מענדל וואַקסט איבער בײַ שאָלעמ־אַלייכעמענ די נאַציאָנאַלע ראַמענ, ער צעשטערט דעמ געמיטלעכנ הומאָר שאָלעמ־אַלייכעמס. אינ אונטערשייד צו זײַנ טעוויע דעמ מילכיקנ, וואָס איז א לירישער־הומאַניסטיש געשטאַלט, איז מענאַכעמ־מענדל געגעבנ גראָטעסקנאַרטיק, אינ שאַרפע שטריכנ. דאָ איז שאָלעמ־אַלייכעמ מער סאַטיריקער, איידער הומאָריסט. מענאַכעמ־מענדל וואַקסט איבער אינ א סאַטירע אָפּ דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעמ און שטײַגט איבער זײַנע נאַציאָנאַלע ראַמענ. ער ווערט א געשטאַלט

פונעם קליינבירגערטום, וואָס ווערט אָן ראכמאָנעס צע־
טראָטן פונעם קאפּיטאליזם.

„וועהאשייגים, זײַ וויסן, — שרײַבט מענאכעם־מענדל
צו שיינע־שיינדלען, — אַז דער אייסעק פון זאוואָדן איז
שטארק אָפּגעקילט געוואָרן, עס איז אָנגעקומען אָפּ זיי א
קריזיס. מאמעש עס וואלגערן זיך זאוואָדלעך אין גאס.
ניטאָ קיין קוינים... וואָרעם מע האָט אָנגעמאכט אזויפיל
צוקער, אז עס איז ניטאָ ווו זיך אהינצוטאָן מיט אים,
כאָטש נעם וואַרפּ אים ארויס. ס'איז אין דער ערד דאָס
געשעפט. די זאוואָדטשיקעס שטארבן נאָך א גראָשן. די
קאפּיטאליסטן האלטן זיך אָפּ, און די מעקלערס דרייען זיך
ארום אָן א שטאָך ארבעט, און איך אויך". — דער נאַוו־
טרוימערישער מענאכעם־מענדל דערציילט עס אין א בריוו
צו זײַן מער פּראַקטישער פרוי שיינע־שיינדל. ער קאָנסטא־
טירט בלויז דעם פאקט און, ווי אלעמאָל, דערקלערט ער
עס מיט זײַן שלים־שלימאזל.

אָבער שאָלעם־אלייכעם, דער שעפער פון דעם דאָזיקן
געשטאלט, קוקט גאָר אנדעריש אָפּ דעם גוירל פון זײַן שלי־
מאזלדיקן העלד. אין זײַן פאָרוואָרט צו דער צווייטער
אויפלאגע פון „מענאכעם־מענדל" שרײַבט שאָלעם־אליי־
כעם, אז ער האָט:

„...צוזויפגעזאמלט אלע זײַנע בריוו, וואָס ער (מע־
נאכעם־מענדל) האָט אין פארלויף פון די אכצן יאָר גע־
שריבן אין פארשיידענע צײַטן און געדרוקט אין פארשיי־

דינגע ערטער, צו זײַנ ווײַב שיינע-שיינדל, ווי אויכ די בריוו פונ זײַנ ווײַב צו אימ, און געמאַכט פונ זיי א בוכ, מע קענ זאָגנ, קימאַט א בריוונשטעלער.

טאַקע א בריוונשטעלער, אײַנגעטיילט אינ זעקס באַזונדערע אָפּטיילונגענ, אונ דערבײַ געהאַט א מיינ: א ייִד א סויכער, אז ער וועט וועלנ שרײַבנ א בריוו צו זײַנ ווײַב, לעמאָשל, פונ אָדעס, — זאָל ער זוכנ אינעמ ערשטנ בוכ „לאָנדאָנ“. א שפּעקוליאַנט אפ דער בערזע פונ יאַקנעהאָז, פונ אַקציעס אוכדוימע אזעלכע סכוירעס — וועט געפינענ א מוסטער אינעמ צווייטנ בוכ „פּאַפּירלעכ“ אָדער אינעמ דריטנ בוכ „מיליאָנענ“. א ייִד א מעקלער, א שאַדכנ אָדער אנ אַגענט — לאָז זוכנ ווײַטער. מיט איינעמ וואָרט — יעדער וועט זיכ געפינענ זײַנס... (מע דאַרפ) לאַנג ניט האָרעווענ בײַמ צונויפשטעלנ א בריוו. מע קאָנ אימ נעמענ גלײַכ, ווי ער שטייט אונ גייט. אונ טאָמער וועט זיכ געפינענ איינער פונ טויזנטער, וואָס די געשעפטנ זײַנע גייענ אימ דערווײַל גוט, קאָנ ער זיכער זײַנ, אז ס'איז ניט אפ לאַנג. אלצ, וואָס איז געבויט אפ לופט אונ אפ ווינט, מוז סאָפּקאָלסאָפּ פאַלנ. שטאַרק אָנגעלייגט איז דאָס ניט, דערפאַר איז דאָס אָבער עמעס“...

דערמיט האָט שאָלעמ-אַלייכעמ אונטערגעשטראָכנ די באַדנלאָזיקײַט פונ דעמ מענאַכעמ-מענדל-געשטאַלט, וואָס איז אויסגעוואַקסנ אינ א שוידערלעכער, פאַרקריפּלטער סוויווע פונ רעכטלאָזיקײַט אונ קאַפּיטאַליסטישנ הו-האַ.

א סאטירע אפ די בירזשע־סאָכרימ

נאָכ פארשיידענע פרוּוונ אופצולעבנ די „פאָלקס-ביבליאָטעק” אינ אָדעס פאָרט שאָלעמ-אלייכעמ ווידער אריבער קיינ קיעוו. דאָס איז געווענ אינ יאָר 1893.

קיינ פרעסע אינ דער יידישער שפראכ עקזיסטירט נאָכ אלצ ניט. קיינ פארלאגנ זיינענ ניטאָ. ער אָריענטירט זיכ שוינ ניט אפ דעמ, אז די פענ זאָל אימ איינאָרדענענ אינ לעבנ. ער איז געצווּנגענ זיכ צו נעמענ צו זייטיקע פראָפעסיעס, אונ דאָ האָט ער ניט איינ מאָל דורכגעמאכט די טרויעריקע דערפארונג פונ זיינ מענאכעמ-מענדלענ.

נאָכ טיפער, נאָכ שווערער ווערט דער עלנט פונעמ גרויסנ יידישנ שרייבער שאָלעמ-אלייכעמ. אָבער שאָלעמ-אלייכעמ וועט ניט אוועקלייגנ זיינ פענ. אומעטומ, ווו ער איז, מיט ווּעמענ ער איז, שטענדיק וועט ער שרייבנ אונ באשרייבנ פארנ גונסטנ פונ די פאָלקס-מאסנ. ער טראכט ניט, ווו אונ ווענ ער וועט עס דרוקנ.

ער קאָנ ניט פארליידנ די זייטנ פונ דער בירזשע-וועלט. ער זעט די פארדאָרבנקייט פונ די אופגעקומענע יידישע גווירימ, באנקירנ אונ פאבריקאנטנ. ער זעט, וויאזוי עס וואקסט אויס א באנק-קאָנטאָר אפ די פארהאָרעוועטע גראָשנס פונ די האָרעפאשנע שיכטנ. ער זעט, וויאזוי דער באנקיר נארט אויס דעמ לעצטנ גראָשנ בא אלמאָנעס, יעסוימימ, בא אָרעמע שניידער, שמידנ. אונ שאָלעמ-אלייכעמ

באשרײַבט עס, אַט די יעהופּעצער (קיִעווער) בירזשע.

אין יאָר 1894 דרוקט ער אָפּ א סאטירישע דראמע װעגן די קיִעװער בירזשע-סאָכרים און באַנקירן אונטערן נאָמען „יאקנעהאָז". ער װײַזט דאָרטן זייער פארדאָרבנ-קײט, לעבנשטייגער און צײַט-פארטרײַב, זייער ספּעקולירן אף די בלוטיקע גראָשנס פון די פּאָלקס-מאסן. ער לאכט אוים דעם קליינשטעטלדיקן קלייגבירגער, װאָס שארט זיך ארום זיי, װעמען זיי נארן ארײַן אין זאק.

פּײַנקוגל — איינער פון די הויפּט-העלדן פון דער סאַ-טירע „יאקנעהאָז", — א קלוגער ספּעקוליאנט, שפּילט א פּרומע ראָל, האָט ניט פּײַנט קיין קערטל; גרייגער — א הייסער ספּעקוליאנט, א נידעריקער, א גראָבער, מיט א רוי-טער באָרד. אין די צװיי פּערסאָנאזשן האָבן זיך באלד דערקענט דער קיִעװער באַנקיר פּײַנגאָלד און דער בירזשע-מעקלער גרײַמער. באלד האָבן די קיִעװער סאָכרים אופ-געהויבן א קאמפּאניע קעגן שאָלעם-אליי‌כעמען, אװעקגע-שיקט א מעסירעלע אין קיִעװער צענזור-קאָמיטעט, און די פּיעסע איז קאָנפיסקירט געװאָרן.

צװישן די כּײַעס באַם לייב

אף גרויס-װאסילקאָװסקע אין קיִעװ, לעבן דעם הויז פון איינעם פון די גרעסטע צוקער-פּאבריקאנטן אין או-קראַינע, איז א לאנגע רײ עקיפּאזשן. די פּראכטפולע גע-

בײַדע איז פאַרגאָסנ מיט ליכט. פונ די אָפענע פענצטער דערטראָגנ זיכ קלאַנגענ פונ מוזיק. דורכגײער גיבנ ניט ווילדיק א קער מיטנ קאָפּ אונ וואַרפנ א בליק אפ דעמ הויז, אפ די פערד, וואָס קלאַפנ אומגעדולדיק מיט די טלאָענ איבערנ ברוק.

דער מיליאָנער לײב בראָדסקי, אָדער „דער לײב צווישנ די כײַעס“, ווי עס האָט אימ איראָניש אָנגערופנ שאָלעמאלײכעמ אינ אײנעמ פונ זײַנע ווערק, פראַוועט הײַנט א באַל פאַר זײַנע פרײַנט אונ באַקאַנטע. גאַנצ קיִעוו ווײסט פונעמ דאָזיקנ באַל. יעדער יאָר, ווענ עס קומט פּייסעכ, אָרדנט בראָדסקי אײַנ אַזוינע אָוונטנ, אונ גאַנצע כאָדאָשימ רעדט מענ וועגנ אָט דעמ דאָזיקנ באַל. מע רעדט וועגנ אימ אינ די הײַזער פונ די רײַכע אפ וואַסילקאָווסקע, אפ קרעשטשאַטיק, אפ ביביקאָוו-בולוואַר.

אַריסטאָקראַטישע דאַמענ דערצײלנ מיט פאַרדראָס וועגנ דעמ צירונג אונ וועגנ די נײַע קלײדער, וואָס ווערנ ספּעציעל באַשטעלט צו די דאָזיקע אָוונטנ. מע שאַצט, וויפל צענדליק יאָר עס איז געשטאַנענ דער ווײַנ אינ קעלער, אָט דער ווײַנ, וואָס מע האָט דערלאַנגט צומ טיש. די אָנטײלנעמערנס פונעמ באַל דערמאָנענ מיט פאַרדראָס א לאַנגע צײַט נאָכאַנאַנד דעמ פוראָר, וואָס די אָדער יענע באַקאַנטע זײערע האָט געהאַט.

— וואָס די מאַנצבלענ זײַנענ... געפונענ פונ וועמענ ניספּאָעל צו ווערנ... ניט קײנ פּאָנעמ, ניט קײנ פיגור! א מויל

ווי א טויער. אוי, ווי איך קען זיי ניט אָנקוקן, די רינע ליפּעלעך!..

און באַלד טרייסט מען זיך אַליין:

— מע דאַרף ניט זײַן שיין, מע דאַרף ניט זײַן קלוג, מע דאַרף נאָר האָבן געלט.

אַף פּאָדאָל און אַף דעמיִעווקע — בײַ דער אָרעמשאַפט, רעדט מען גאָר אַנדערש וועגן די דאָזיקע בעלער.

— וויפל פאַמיליעס, אַשטייגער, וואָלט מען געקאָנט אויסהאַלטן פאַרן געלט, וואָס מע האָט געפּאַטערט אַף אָט דעם באַל?

און יעדערער שאַצט דערמיט, מיט וואָס עס וויקלט זיך אים אַפן האַרצן.

— א ווערטל צו זאָגן, דרײַ טעג נאָכאַנאַנד האָבן די שאָכטים נאָר געטאָן און געקוילעט הינער, קאַטשקעס און אינדיטשקעס!..

און דער אוילעם הייבט זיך אָן צו ווינטשן:

— ווען גאָט גיט, אַז איך פאַרמאָג אַזויפיל, וויפל עס באַטרעפן די ליידיקע פלעשער פונעם ווײַן, וואָס מע האָט אויסגעטרונקען אַף דעם אָוונט, וואָלט געווען גענוג אַף כּאַסענע צו מאַכן מײַנע דרײַ טעכטער.

א צווייטער כאַפּט אונטער:

— ווען גאָט גיט מיר, אַז איך זאָל פאַרמאָגן אַזויפיל, וויפל עס זײַנען ווערט די פעדערן פון די געקוילעטע אויפעס, וואָלט איך מיר אויסגעבויט א שטוב אַף פּאָדאָל.

וואָלט זיכ צוגעשריבנ צומ צעכ און געהאט פּראוואָזשיטיעלסטווע.

הײַנט האָט זיכ צעטראָגנ א נײַס אפנ באל: עס וועלנ ארויסטרעטנ בארימטע ארטיסטנ און ליטעראטנ. ווער פונ זיי וועט ארויסטרעטנ, דאָס איז קיינעמ ניט געווענ באוווּסט.

אנ עלעגאנטער יונגערמאנ מיט א קליינ צעצווייט בערדל, א געלער, מיט אנ אָפּגעצערט פארשלאָפנ פּאָנעמ, אינ גאָלדענע פּענסנע, האָט א זאָג געטאָנ צו די דאמענ, מיט וועלכע ער האָט פארבראכט:

— איר ווייסט, הײַנט וועט דאָ לייענענ זײַנע זאכנ א ייִדישער שרײַבער שאָלעמ־אליכעמ, א רעכטער כעוורע־מאנ... א טיפּ... א קאָמיק!

— טפו! אפ זשארגאָנ אוואדע? דאָ איז דאָכ ניט פּאָדאָל, מיט רעשפּעקט צו זאָגנ, — האָט געזאָגט איינע פונ די דאמעס און האָט געפּאָכט מיטנ פּאָכער.

— ס'איז אימ אָבער טשיקאווע צו הערנ. ער מאָלט זיי אזוי אָפּ אינ זײַנ קריטיקע—אז מע קענ פּלאצנ פאר געלעכטער... נישקאָשע, לעוו איזראַילעוויטש וועט ניט ארײַנלאָזנ צו זיכ אבי וועמענ... אפ זשארגאָנ אפּילע, אָבער אנ עמעסער אקטיאָר. איכ שווער אײַכ בא באָרד און פּייעס פונ מײַנ בעזדיעטנעמ עלטערזיידנ, אז ער מאכט עס ניט ערגער פונעמ „ריזשנ“ אינ צירק!

— ער טרעט דענ ארויס פארגרימירט? וויי, איכ האלט

ניט אוים! איך קען ניט ליידן די פארשמאָלצענע קאָפּאָ־טעס! איך האָב האָלט פּרישנ וואָזדוך, — האָט גענאָגט א הויכע שטשופלע דאמע מיט א באָראָדעווקע אף דער נאָז.

— איך בעט אייך, ווילהעלם פּאוולאָוויטש, עפּשער וואָלט גאָר געווען מעגלעך אָנ דעם שיינעם פּארגעניגנ... אָנ דעם קאָמיק אַיערנ, מיט רעשפּעקט צו מעלדנ? — האָט גע־זאָגט די דאמע מיטנ פּאָכער, צונויפגעצויגנ די ליפּנ אונ קאָקעטיש אריינגעקוקט דעם יונגנמאנ אינ פּאָנעם אריינ.— הער פּייפּער, איר האָט זיך שוינ היינט ווידער ניט אויס־געשלאָפנ? אך, די קאָרטנ, די קאָרטנ! מיט רעשפּעקט צו מעלדנ...

פּייפּער האָט ברויגעז דורך די ברילנ א קוק געגעבנ אפ דער דאמע. שוינ לאנג, אז פּייפּער וויל איר צודינענ, אָט דער דאָזיקער אריסטאָקראטקע. ראק זי זאָגט אים מוסער. ער וועט זי ווענ־עס־איז אָנלערנענ.

שאָלעמ־אליכעמ אונ דער יונגער קיעווער פידלער שטור־מאנ האָבנ געשפּאנט איבערנ זאל. דער יונגער מוזיקער האָט שוינ לאנג געוואָלט א שמועס טאָנ מיטנ אוטאָר פונ־נעמ ראָמאנ וועגנ סטעמפּעניו, אָט דעם עמעסנ פאָלקס־קינסטלער, וואָס האָט ניט געהאט די מעגלעכקייט ארויס־צוברענגענ אפ דער ליכטיקער שיינ זיינ גאנצע באגאבט־קייט.

פּארטיפּט אינ געשפּרעך, זיינענ זיי דורכגעגאנגענ דעם

זאל אונ זיכ אָפּגעשטעלט לעבנ די דאמענ, וואָס האָבנ נאָרוואָס גערעדט וועגנ שאָלעמ=אלייכעמענ.

דער עלעגאנטער יונגערמאנ מיטנ צעצווייטנ בערדל האָט זיכ באגריסט מיט שאָלעמ=אלייכעמענ אונ מיטנ פידלער.

— סאָלאָמאָנ נאומאָוויטש, ווי גייט עס עפּעס?

— נישקאָשע, הער פּײַפּער, — האָט שאָלעמ=אלייכעמ גלײַכגילטיק געענטפערט.

— אכ, יאָ, — האָט זיכ פּײַפּער געכאפּט, אונ א צופרידנ פּײַערל האָט א בליאסקע געטאָנ אינ זײַנע אויגנ, — כ'האָב אײַכ נאָכ ניט באקאנט. זײַט באקאנט, הער ראבינאָוויטש, — האָט ער אָנגעוויזנ אפּ די פרויענ, וואָס האָבנ מיט אינטערעס באטראכט דעמ יונגנ פידלער אונ דעמ אומבאקאנטנ מאנ מיטנ שמייכלענדיקנ פּאָנעמ.

אינ אייניקע מינוט ארומ האָבנ די דאמענ לעבהאפטיק געשמועסט מיט זייער נײַעמ באקאנטנ.

די דאמע מיטנ פּאָכער, וואָס האָט זיכ נאָרוואָס געקאטשעט פאר געלעכטער פונ שאָלעמ=אלייכעמס א וויצ, האָט זיכ צו אימ געווענדט:

— וואָס זאָגט איר, מסיע ראבינאָוויטש, ווי געפעלט אײַכ לעוו איזראילעוויטש? צו וואָס א מיליאָנער קאָנ זיכ דערטראכטנ! ער מאכט דאָכ אונדז הײַנט, מיט רעשפּעקט צו מעלדנ, א סיורפּריז, עס וועט דאָכ עפּעס הײַנט ארויסטרעטנ א זארגאָנישער שרײַבער, א קאָמיקער. וואָס זאָגט איר דערצו, מיט רעשפּעקט צו מעלדנ?

שאָלעמ=אַלייכעמ האָט זיכ דורכגעקוקט מיט זײַנ באַגלייטער און געענטפערט:

— איכ האָב, מיט רעשפּעקט צו מעלדנ, עפּעס אויכ געהערט וועגנ דעמ דאָזיקנ קאָמיקער.

און שאָלעמ=אַלייכעמ האָט קאַלטבלוטיק פאָרגעזעצט דעמ געשפּרעכ מיט די דאַמענ. די דאַמענ האָבנ זיכ גאָר ניט פאָרגעשטעלט, אַז זייער פרײַנטלעכער גוטער באַקאַנטער איז דאָס דער שרײַבער, דער „קאָמיק", וועגנ וועלכנ זיי האָבנ מיט אַזאַ ביטל זיכ אָפּגערופנ. שאָלעמ=אַלייכעמ האָט גלענצנדיק געשפּילט די ראָל פונ אַ וועלטלעכנ יונגנמאַנ. שטורמאַנ האָט געמאַכט די סאַמע שווערסטע אָנשטרענגונגענ, ער זאָל זיכ ניט פאַנאַנדערלאַכנ. ער פּלעגט אָפּט אָפּקערנ זײַנ בלאַס, מיט זומערשפּרענקלעכ באַשאָטנ פּאָנעמ, גלײַכ ער וואָלט עמעצנ געזוכט אינעמ פּובליקומ.

די אַרויסטרעטונגענ פונ די באַרימטקייטנ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ. איינער אַ פאָרלייענער האָט מיט אַ הייזעריקער שטימ מאָנאָטאָנ געלייענט אַ לאַנגע און אַ לאַנגווײַליקע דערציילונג. דאָס פּובליקומ האָט געהוסט, געגענעצט אינ קאָל און האָט שטילערהייט פאָרגעזעצט זײַנע געשפּרעכנ.

שאָלעמ=אַלייכעמ און שטורמאַנ האָבנ זיכ אַנטשולדיקט פאַר די דאַמענ און זײַנענ אַוועק. דאָס איז געווענ מיט אייניקע מינוט פאַר שאָלעמ=אַלייכעמס אַרויסטרעטונג.

שאָלעמ=אַלייכעמ האָט פאַרנומענ דאָס אָרט פונעמ פאָרלייענער, וואָס האָט אָקאָרשט פאַרענדיקט זײַנ אײַנשלע=

פערנדיקע דערציילונג, און האָט גענומען ריידן אַף פּראָסט יִדיש.

די דאמען, וואָס האָבן נאָרוואָס מיט אים פאַרבראַכט, זײַנען געוואָרן אויסער זיך. די דאמע מיטן פּאָכער האָט אָנגעשטעלט איר לאָרנעט, קעדיי איבערצײַגן זיך, צי דאָס איז אינדערעמעסן איר נײַער באַקאַנטער סאָלאָמאָן נאומאָוויטש. רויטע פלעקן האָבן זיך צעשפּרייט אַף איר פּאָנעם.

— מיט רעשפּעקט צו מעלדן, ס'איז דאָך טאַקע ער... וואָזמוטיטיעלנאָ!

און די דאמע מיט דער באָראָדעווקע אַף דער נאָז האָט זיך אַ צעקאַסטעט געוועגדט צו פײַפערן:

— ווילהעלם פּאַוולאָוויטש, פאַרוואָס האָט איר אונדז ניט געזאָגט? דאָס איז אַ סקאַנדאַל! בעזאָבראַזיע!..

ווילהעלם פּאַוולאָוויטש האָט זיך געמאַכט, אַז ער הערט קלוימערשט גאָרניט. ער איז געווען זייער צופרידן, וואָס די, וואָס האָט אים אַזוי ליב צו מוסערן, איז אַרײַנגעפאַלן אין אַזאַ קאָנפוז.

שאָלעם־אַליינעם האָט געלייענט איינעם פון זײַנע מאָנאָלאָגן. ער האָט געלייענט און האָט ניט אַראָפּגענומען זײַנע שמייכלענדיקע אויגן פון די צעקאָנפוזעטע דאמען. פאַרן צוהערער זײַנען דורכגעגאַנגען פּערסאָנאַזשן פון שאָלעם־אַליינעמס דערציילונגען, און איבערן זאַל האָט זיך געקײַקלט אַ געלעכטער.

די דאמענ מיטנ פאָכער אונ מיט דער באָראָדעווקע זײַנענ געזעסנ אָנגעבלאָזנ אונ מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ.

די דאמע מיטנ פאָכער האָט ניט אופגעהערט צו מיסערנ ווילהעלמ פאוולאָוויטשנ:

— מיט רעשפּעקט צו מעלדנ, דאָס דארפנ מיר אײַכ דאנקענ, — אונ האָט ארײַנגעשושקעט איר פרײַנדנ, — פײַפער בלײַבט פײַפער!

שאָלעמ-אלייכעמ האָט געמאָלדנ, אז באלד וועט ער לייענענ אייניקע סצענקעס פונ זײַנער א פּיעסע. אפ די דאמענ האָט ער שוינ מער ניט געקוקט. ער האָט באלד באקומענ אנ אנדער אויסזענ. ניט בײַטנדיק אינגאנצנ די שטימ, האָט ער דאָכ געשילדערט די מאנירנ אונ די אופירונג פונ א רעבילעסניצע — א קאָקעטקע.

„מאדאמ פאסטערנאק. איר ווייסט ניט, ווער מיר נייט? מיר נייט שטענדיק קלארא. קיינער קאָנ מיר ניט אזוי צוטרעפנ צו מײַנ כאראקטער, ווי קלארא. זי איז שוינ אזוי געניט, מיט רעשפּעקט צו מעלדנ, אינ מײַנ פיגור, אז זי פארשפּאָרט מיר נעמענ א מאָס. זי טרעפט אינ דער פינצטער. נאָר וואָס רעדנ איז איר כיסאָרנ? זי איז, מיט רעשפּעקט צו מעלדנ, א גרויסע גאנעווטע. פונ צוועלפ ארשינ מאטעריע קאָנ זי אראָפּכאפּנ דרײַצנ. אונטער די הענט ווערט בא איר פארברענט... געניסט עפּעס. פארוואָס זאָלט איר עפּעס ניט געניסנ? אָט שטייענ ניס, מאראנצנ, אײַנגעמאכצ...

מ א ד א מ כ י נ ק י ס (צו די איבעריקע דאמענ). וואָס מע קאָנ זיכ שוינ בא איר אָנגאנווענענ! (צו דער מאדאמ פאסטערנאק) פארוואָס זאָלט איר זיכ בעסער ניט נייענ בא דער מאדאמ אונטערשלאק? אלע יעהופּעצער דאמענ נייענ זיכ בא דער אונטערשלאק. זי איז טאקע אונדזערע א קאָמענעצערנ.

מ א ד א מ פ ײ נ ק ו ג ל. איכ נײ מיר נאָר אינ אויס-לאנד. מיר זאָל מענ אופּנייענ א מאלבעש הי, ניט אינ אויסלאנד, וואָלט איכ דאָס ניט געקאָנט אָנטאָנ אפילע".

דער עוילעמ, וואָס האָט געקענט די דאמע מיטנ פּאָ-כער, האָט באלד פארשטאנענ, וועמענ דער שרײבער האָט געמיינט, אונ אלע האָבנ גענומענ קוקנ אפ די דאמענ, וואָס זײנענ געזעסנ אופגעקאָכטע אונ מיט ארויפגעלאָזענע קעפּ.

שאָלעמ-אליײכעמ האָט פאָרגעזעצט:

„מ א ד א מ כ י נ ק י ס. וואָס טויג אײַכ ריידנ פונ מאָ-דיסטקעס? הערט זיכ צו, עכ וועל אײַכ בעסער דערציילנ א נײַס פונ דער מאדאמ מייערצימעס מיט איר טעכטערל. מיר דאכט, אז מיר וועלנ אינגיכנ האָבנ א מאזלטאָוו.

א ל ע ד א מ ע נ. א קנאסמאָל?

מ א ד א מ כ י נ ק י ס. נאָכ ערגער פונ א קנאסמאָל...

א ל ע ד א מ ע נ. א כאסענע?

מ א ד א מ כ י נ ק י ס. נאָכ ערגער פונ א כאסענע...

א ל ע ד א מ ע נ (קוקנ זיכ איבער פארוואונדערט). אוי! וואָס הייסט? טאקע אנ עמעס? (א פּליעסק מיט די

הענט.) וואָס זשע האָט איר געשוויגנ ביז אהער? דערציילט זשע אונדז, נעשאָמעניו, הארצעניו, ליובעניו! (מע כאפּט זי ארומ, מע קוועטשט איר די הענט, מע בעט זי דערציילנ.)

מאדאמ כינקיס. דערציילנ וועל איכ אײַכ, נאָר ביטנײַ, אז צווישנ אונדז זאָל דאָס בלײַבנ. קיינ פויגל זאָל ניט וויסנ! איר געדענקט, זומער בעשאָס מיר זײַנענ געקומענ פונ דער אויסלאנד, האָב עכ אײַכ געפרעגט, ווי איז דאָס אהינגעקומענ די מאדאמ מייערצימעס מיט דער טאָכטער? קיינער האָט ניט געוווּסט: דער האָט געזאָגט — אינ ווינ; דער — אינ בערלינ! אנדערע האָבנ געדרונגענ — אינ פּאריזש. עכ האָב מײַנ אלצ געבראָכנ דעמ קאָפּ, וויאזוי ווערט מענ דאָס געוואָר אקוראט? עכ האָב מעכ אפילע א פּאָר מאָל באגעגנט מיט איר אינ די קלייטנ, נאָר צוגייג צו איר אָפּגעבנ איר פריער דעמ גוט-מאָרגנ — צופיל קאָווערד פאר איר. יענע האָט אזוי פּאריסנ די נאָז, אז זי מיינט, קיינער איז צו איר ניט גלײַכ. עכ געדענק נאָכ, אז זי איז געוועזנ אנ אמ בא אונדז אינ קאָמענעצ... עכ זאָל אזוי לעבנ!"

דער קינסטלער רײַסט אראָפּ פונ די בורזשואזע דאמעס זייערע וואלנ, אונ זיי שטייענ פאר די צוהערער אינ זייער ווירקלעכנ ניט צוגעפּוצטנ אויסזענ.

„מאדאמ כינקיס. כאפּט זשע ניט קערצ אונ גוט — די אונטערשלאק האָט אופגענייט די זשאקעטלעכ,

אָפּגעבראכט די זשאקעטלעכ, זי נעמט אָנמעכטנ די זשאַקעטלעכ, פריִער דער מאדאמ מייערצימעס — גוט! זי נעמט אָנמעסטנ דער טאָכטער — א צאָרע, א שלאק, אנ אומגליק! איר פארשטייט? (זי בייגט זיכ צו צו מאדאמ פאסטערנאק אונ רוימט איר איינ א סאָד אינ אויער.)

מאדאמ פאסטערנאק (א פּליעסק מיט די הענט). אוי, איכ האלט דאָכ ניט אוים! מע באדארפ, מיט רעשפּעקט צו מעלדנ, באלעשנ!"

איצט איז שוינ פאר אלעמענ געווענ קלאָר, וועמענ דער פאָרלייענער האָט געמיינט. שאָלעמ-אליינעמ האָט איצט שוינ ניט געקוקט אפ דער דאמע מיטנ פאָכער אונ אפ איר באווערטע מיט דער באָראָדעווקע אפ דער נאָז. דערפאר האָבנ אלע געסט מיט גרוים אינטערעס געקוקט אפ זיי פונ אלע זייטנ.

— ווילהעלמ פאוולאָוויטש, — האָט מיט א ווייגעדיקער שטימ איינגערוימט די דאמע מיטנ פאָכער, — איר זייט מיט רעשפּע... — זי האָט זיכ פארכאפּט, זיכ דערמאָנענדיק אפ דער מאדאמ פאסטערנאק. — איר... איר זייט א סקאנדאליסט! פּייפּער בלייבט פּייפּער! האָט זי שוינ איצט היסטעריש אויסגעשריִענ.

— אוי, ס'איז מיר שלאָפּ! אוי, ס'איז מיר ניט גוט!..

פּייפּער האָט פארשטאנענ, אז עס קאָנ באלד ארויסקומענ א סקאנדאל, האָט ער זי גענומענ אונטער דער האנט

און האָט זי באַלד אַרויסגעפירט פון זאַל אין דערבייַיקן צימער.

דאָס גאַנצע פובליקום האָט געלאַכט און האָט זיך גע־וויצלט איבער דער דאַמען מיטן פאָכער און איבער איר „רעשפעקט צו מעלדן“.

פּיפּער איז נאָך קיינמאָל אַזוי צופרידן ניט געווען ווי הייַנט. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פרייִלעכער, פאַרהויבן דעם קאָפּ און אַלעמען דערציילט, וויאַזוי ער האָט צוגעגרייט די גאַנצע מייַסע.

— איך מיט שאָלעם־אַליכעמען, ווען מיר זאָלן וועלן, קענען אָפּשפּילן אַ פייַנע קאָמעדיע. איר האָט געוועז גע־דאַרפט הערן, ווי ער האָט מיט זיי גערעדט. זיי לאַכן פון שאָלעם־אַליכעמען פאַר סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטשן... און מיר האָבן אַפילו מיט די אויגן ניט אַ מאַך געטאָן.

נאָר פּיפּער האָט פאַרגעסן צו דערציילן פאַר זיינע באַ־קאַנטע, אַז שאָלעם־אַליכעמען באַגעגנט ער ערשט דאָס צווייטע מאָל, זינט ער לעבט.

פּיפּער האָט געמוזט אויפהערן זיך צו באַרימען: ס'האָט געדאַרפט אַרויסטרעטן דער פידלער שטורמאַן.

דער פידלער האָט זיך געגעבן אַ נעם צום פידל, דעם ערשטן פיר געטאָן מיטן בויגן איבער די סטרונעס אַראָפּ און אַרויף. דער באָכער מיטן קלייניקן פּאָנים איז באַלד פאַרשוווּנדן געוואָרן, און אויף זיין אָרט איז אויסגעוואַקסן אַ נייַער מענטש. גאָר אַן אַנדער אויסזען, אַן אַנדער גע־

שטאלט. אנדערע אויגן — גרויסע, בלויע אויגן... ער שפּילט. און אין זאַל איז שטיל. בלויז די מיטשטיקע און ליידנשאַפטלעכע קלאַנגען פון פידל צעגיסן זיך איבערן זאַל. די פידל איז שטיל געוואָרן. דאָס פּובליקום האָט אָנגעהויבן צו דונערן מיט אַפּלאָדיסמענטן. און פאַר דעם פאַרזאַמלטן אוילעם איז ווידער געשטאַנען דער שווינדזיכטיקער באָכער מיט די זומערשפּרענקעלעך אויפן פּנים און מיט א פיבער־גלאַנץ אין זיינע אויגן. א שטאָלצער און א גליקלעכער איז ער געשטאַנען פאַרן פּובליקום. ער האָט זיך קאַלט פאַרנייגט. מע האָט אים ארויסגערופן פיל מאָל, און איטלעכס מאָל, וואָס ער איז ארויסגעגאַנגען, איז ער געגאַנגען פעסט, האַרט בא דער ערד, נאָר קאַלט און רויק, ווי א מענטש, וואָס איז זיכער, אז דאָס קומט אים.

דער באַלעבאָס פון הויז, „דער לייב צווישן די בהמות“, איז געווען אויסערגעוויינלעך צופרידן פון דעם דערפאָלג פונעם קאָנצערטאַנט. איצט ווייסט ער, אז עס וועט זיך באַלד צעטראָגן אין די קרייזן פון דער קיעווער אינטעליגענץ, אז ער, לעוו איזראַילעוויטש בראָדסקי, פאַרשטייט און שעצט די קונסט און די ליטעראַטור. שוין לאַנג, אז עס ווילט זיך אים, אז מע זאָל אזוי וועגן אים ריידן. שוין לאַנג, אז ער וויל קריגן אזא נאָמען.

לעוו איזראַילעוויטש האָט זיך דערמאָנט, אז אין דער צייט פון זיין לעצטער רייזע איבער אייראָפּע האָט ער צופעליק געקויפט נאָטן אין פּאַריז, און מע האָט אים די

דאָס הויז אין קיִעוו, באָלשאיא וואסילקאָווסקאיא 5, ווו שאָלעם־אליכעם האָט געוווינט פון 1897 ביז 1904.

דאָזיקע נאָטן שטאַרק געלויבט. ער וועט די נאָטן אָפּגעבן דעם באַגאַבטן פידלער, וואָס האָט אָקאָרשט געשפּילט מיט אַזאַ דערפאָלג.

שוין אייניקע יאָר, אַז שאָלעם-אַליי‌כעם פירט מיט אים אונטערהאַנדלונגען וועגן דעם, ער זאָל געבן מיטלען אָפּ אַרויסגעבן א ייִדישן זשורנאַל. אָבער א זשורנאַל אָפּ „זשאַרגאָן" איז אים ניט צום האַרצן. ער קען אים ניט אָפּזאָגן, סאָלאָמאָן נאַומאָוויטשן, א צו שאַרפֿ צינגל איז בא אים, נאָר אויסגעבן געלט אָפּ פאַרשיידענע שמאָכטע-לייען וויל ער אויך ניט.

לעוו איזראַילעוויטש האָט מיסע-באַלעבאָס געדריקט די האַנט דעם פידלער, געדאַנקט אים פאַרן פאַרגעניגן, וואָס ער האָט אים אָנגעטאָן, און האָט זיך געווענדט צו אים:

— איך האָב פאַר אייך צוגעגרייט א מאַטאָנע — א צווייבערנדיקע מעלאָדיע, ספּעציעל געקויפט פאַר אייך אין פאַריזש, באַצאָלט היפּשע געלט.

און דער „לייב צווישן די כייעס" איז אוועק נאָך די נאָטן צו זיך אין קאַבינעט. דער פידלער, וועלכער האָט זיך נאָרוואָס געקלאָגט שאָלעם-אַליי‌כעמען אָפּ דער שלעכ-טער באַציִונג פון די ייִדישע גווירים צו די פאָלקס-טאַ-לאַנטן, האָט זיך עפּעס דערפילט ווי שולדיק, האָט זיך ווי גענומען פאַרענטפערן פאַר שאָלעם-אַליי‌כעמען:

— אפּאָנעם, אַז דער גאָלדענער קאַלב האָט נאָך ניט אין-גאַנצן פאַרדאָרבן דעם קינסטלערישן געשמאַק בא די גווירים.

אָבער באלד האָבן זיך שאָלעם-אלייכעם און דער פידלער איבערצײַגט, וואָס פאר א קינסטלערישן געשמאק סע פארמאָגט דער גוויר.

ווי נאָר דער פידלער האָט געעפנט די נאָטן, איז ער בלייך געוואָרן, ער האָט דערזען א באנאלע קאפעשאנטאנליד. דער ארטיסט האָט מיט אופרעגונג א שלײַדער געטאָן די נאָטן אפן דיל. די נאָטן האָבן זיך צעשאָטן איבער דעם געוועקסלטן פארקעט לעבן דעם „לייבס“ פיס.

דער מיליאָנער איז געשטאנען פארוווּנדערט, האָט ניט פארשטאנען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. אייניקע פון זײַנע גאָענטע האָבן זיך געלאָזט אופקלײַבן די צעשאָטענע בלעטער. דער פידלער האָט א שפײַ געטאָן און האָט זיך געלאָזן צום ארויסגאנג.

דער מיליאָנער איז געשטאנען, ארומגערינגלט פון אלע זײַטן.

— א יַכעס א גרויסער! פאראן פון וועמען אָפצועסן זיך דאָס הארץ! א שטיקל סמארקאטער קלעזמערוק!..

שאָלעם-אלייכעם האָט זיך אויך געלאָזן נאָכן פידלער.

טעוויע דער מילכיקער

אין יאָר 1894 האָט שאָלעם-אלייכעם אָפגעדרוקט די ערשטע דערציילונג פון דעם בארימטן ציקל מאָנאָלאָגן „טעוויע דער מילכיקער“. דעם דאָזיקן ציקל האָט שאָלעם-

אליי‌כעמ געשריבנ אינ מעשעכ פונ צוואנציק יאָר, גלײַכ
ווי די סעריע בריוו פונ מענאכעמ=מענדל צו שיינע=שיינדל
זײַנ ווײַב.

טעוויע דער מילכיקער, אנ אָרעמער יִשוּבניק, וואָס
זײַנע עלטערנ אונ זיידעס האָבנ געוווינט אינ דאָרפ, בא=
שעפטיקט זיכ מיט ערדארבעט, קלעצער פירנ, דערציילט
פאר דעמ אווטאָר וועגנ די וויכטיקסטע געשעענישנ אינ
זײַנ לעבנ אונ אינעמ לעבנ פונ זײַנ פאמיליע פאר די לעצ=
טע צוואנציק יאָר, ביז דער אימפעריאליסטישער מיל=
כאָמע.

פאר דעמ פעריאָד צײַט איז דורכגעגאנגענ די רעוואָליו=
ציע פונ 1905 יאָר, בלוטיקע פאָגראָמענ פונ די שווארצ=
מייעניקעס, די פינצטערע רעאקציע, דער צײַטווײַליקער זיג
פונ דער קאָנטררעוואָליוציע, אונ נאָכדעמ א נײַער אופ=
שטײַג פונ דער רעוואָליוציאָנערער כוואליע. דאָס אלצ האָט
זיכ אָפגעשפיגלט אינ „טעוויע דעמ מילכיקנ".

טעוויע דער מילכיקער—דאָס איז דאָס געשטאלט שאָ=
לעמ=אליי‌כעמס, וואָס ווײַזט אונדז מער איידער אלע אנ=
דערע געשטאלטנ זײַנע, ווי שטארק עס איז דער אָפטי=
מיזמ פונ די פאָלקס=מאסנ, ווי אומענדלעכ עס זײַנענ די
קוואלנ פונ דער פאָלקס=כאָכמע. עס ווײַזט אונדז אויכ, ווי
שטארק אונ אקשאָנעסדיק עס איז דער ווילנ פונ פאָלק
צו א בעסער, שענער לעבנ.

דאָס דאָזיקע געליבטע געשטאלט שאָלעמ=אליי‌כעמס



דער פֿאָלקס־ארטיסט פֿון פּססר ש. מיכאָעלס אין דער ראָל
פֿון טעוויע דעם מילכיקן

דאָס דאָזיקע געליבטע געשטאַלט שאָלעם־אַלייכעמס שטרעבט צו פאַרפּיינערן דאָס לעבן, ווי דאָס אייגענע, אַזוי אויך דאָס ארומיקע. אין אונטערשייד צו מענאַכעם־מענדלען איז טעוויע דער מענטש, וואָס וויל פאַרפּיינערן זיין לעבן דורך האָרעוואַניע. ער איז צוגעבונדן צו זיין היים, צו זיין דאָרף און צו זיין אַרבעט.

ער דערציילט פאַר דעם אווטאָר מיט זיין ניט־געקינצלטער שפּראַך, וואָס איז דורכגעוואָרפן מיט גלייכווערטלעך און מיט איבערגעדרייטע פּסוקים פון דער ביבל, וועגן זיינע געשעפטן, וועגן זיינע טעכטער און זייערע כאַסאַנים און מאַנען, וועגן דעם לעבן פון די גווירישע דאַטשניקעס אינעם דאַטשע־שטעטל בויבעריק (בויערקע) און טער יעהופּעץ (קיעוו), וווהין ער פירט צו פאַרקויפן זיין מילכיקס.

יאָ, טעוויע איז אַ האָרעפּאַשניק, ער איז ניט קיין לופט־מענטש. אָבער עס האָט אים איין מאָל פאַרגאַרט צו זיין מענאַכעם־מענדל, אַוועקגעשלעפּט אים אין זיינע לופט־פליגלען אין פאַנטאַזיעס וועגן לופט־שלעסער. אָבער דאָס איז בלויז אַ צופעליקע דערשיינונג אין טעוויעס לעבן, און דאָס איז פאַר אים ניט כאַראַקטעריסטיש. דער געמיטלעכער, דער גוטער און קלוגער טעוויע האָט קיין אַנדער נאָמען ניט פאַר מענאַכעם־מענדלען, ווי נאָר אָ־דער שלימאַזל. ווען מענאַכעם־מענדל נעמט בא אים צו דאָס ביסל געלט, זאָגט אים צו גילדערנע בערג, נעמט אים פאַר אַ

דער פאַרדינסטפולער ארטיסט פונ דער רעפובליק מ. סאָקאָל
אינ דער ראָל פונ טעוויע דעמ מילכיקנ
(ווײַסרוסלענדישער יידישער מעלוכע-טעאטער)

שוטעפ אינ געשעפט און פונ דעמ געשעפט לאָזט זיכ אויס א בוידעמ, ווי פונ אנדערע מענאכעמ-מענדלס אונטערנעמונגענ, זאָגט טעוויע צו אימ: „דער גענעמ, זאָג איכ, נאר אייגער, דער גענעמ איז דאָכ קארג פונדיינטוועגנ".

און טעוויעס פאָלקס-כאָכמע זאָגט אימ אונטער, אז, אייגנטלעכ, דארפ ער, טעוויע, גאָר ניט זיינ אינ כאַס אפ דעמ נארישנ שלימאזל מענאכעמ-מענדל, וועלכער האָט אימ צונויפגעפלאָנטערט מיט די „האָזנ" אפ דער בירזשע. און עס פארדריסט אימ, טעוויענ, אפ דעמ אומגליקלעכנ אויסזענ פונ זיינ צופעליקנ שוטעפ: „איכ שטיי און באטראכט אימ, דעמ שלימאזל, ווי ער שטייט אזוי, דעמ קאָפ אראָפ, צוגעשפארט צומ וואנט, דאָס היטל אפ א זייט, יעדער זיפצ און יעדער קרעכצ, עס רייסט אויס א שטיק הארצ".

„ווער איז שולדיק, ווענ ניט איכ אליינ, — זאָגט טעוויע, — וואָס האָב מיכ געלאָזט איינרעדנ גרינגע פייגעלעכ, זאָג איכ, שמינדריקעס, שמאָכטעליאקעס? געלט, ברודער, באדארפ מענ, זאָג איכ, פארהאָרעווענ, פארשווארצט און אויסגעריסנ ווערנ! פעטש, זאָג איכ, ביסטו, טעוויע, ווערט, פעטש ווי האָלצ!!"

טעוויע איז גיט פריי פונ אלטע פאָרורטיילנ און זינקט אינעמ אלטנ יידישנ לעבנשטייגער. אָבער ער קוקט זיכ ארומ אפ דעמ נייעמ לעבנ, וואָס שפראָצט ארומ

אימ, אונ ער הייבט אָנ צו פארשטיינ, אז עס קומט אופּעפּעס א נײַע וועלט, די געשעענישנ אינ לאנד דערגרייכנ צו אימ אינ שטוב, אונ דאָס שפּיגלט זיכ אָפּ אפ די שידוכימ פונ זײַנע טעכטער, וואָס שעמענ אינעמ ארומ פאר זייער שייגע.

ער מיינט, טעוויע, אז אָט מאכט ער כאסענע זײַנ שיינע אונ געראָטענע טאָכטער האָדל. זי „שײַנט ווי א שטיקגאָלד... שרײַבט אונ לייענט ייִדיש אונ רוסיש, אונ ביכלעכ—ביכלעכ שלינגט זי ווי די האלעשקעס". אונ טעוויע פאנטאזירט שוינ וועגנ דער צוקונפט פונ זײַנ טאָכטער: זי וועט אליינ גליקלעכ זײַנ אונ וועט אימ געבנ א מעגלעכקײַט צו באגליקנ זײַנע אָרעמע באקאנטע. „איכ שטעל מיר שוינ פאָר מײַנ האָדלענ, — זאָגט טעוויע, — ווי זי פאָרט אינ א קארעטע מיט א פּאָר ברענענדיקע סוסימ, אונ די וועלט איז מיר מעקאנע, ניט אזוי אפ דער קארעטע מיט די סוסימ, ווי אפ די טויוועס, וואָס איכ טו דער וועלט דורכ מײַנ טאָכטער דער נגידעס, העלפ אויס די געפאלענע מיט א גמילעסכעסעד, וועמענ א כאָפּהייער, וועמענ א פּופּציקער אונ וועמענ א הונדערטער, ווי זאָגט איר, יענער האָט אויכ א נעשאָמע..." עס ווײַזט זיכ אָבער ארויס, אז זײַנ טאָכטער האָדל האָט זיכ אליינ אויסגעקליבנ א מאנ, אונ פעפערל הייסט ער. ער איז אנ אָרעמאנ, אנ עקסטערנ, א רעוואָליוציאָנער, וועלכער ווערט באלד ארעסטירט אונ ווערט פארשיקט קיינ סיביר.

טעוויע דערפילט זיכ דעמלט ווי אראָפּגעפאלנ פונ הימל אפ דער ערד, אונ ער דערציילט דעמלט וועגנ זיכ א מאָשל וועגנ „א הונ א קוואָקע, וואָס האָט אויסגעזעסנ קאטשקעלעכ. די קאטשקעלעכ האָבנ זיכ נאָר אויפגעכאפּט אפ די פיסלעכ, האָבנ זיי זיכ געלאָזט אפנ וואסער, אונ די קוואָקע, נעבעכ, קוואָקעט".

אָבער וואָס ווייטער-ווייטער ווערט טעוויע אלצ נעענטער צו די אידייענ פונ זיינ איידעמ פעפערל. טעוויע איז אפּילע בארויגעז אפ זיינ יינגערער טאָכטער ביילקע, וואָס וויל ניט גיינ אינ די וועגנ פונ איר עלטערער שוועסטער האָדל אונ איז מאסקימ כאסענע צו האָבנ פאר א גוויר. „צו האָדלענ, זאָגט זי, זאָלסטו מיכ ניט גלייכנ. האָדל איז געווענ, זאָגט זי, אינ אזא צייט, ווענ די גאנצע וועלט, זאָגט זי, האָט זיכ געוויגט, זאָגט זי, געהאלטנ בא אָט-אָט איבערקערנ זיכ, האָט מענ זיכ געזאָרגט, זאָגט זי, פאר דער וועלט, אונ זיכ האָט מענ פארגעסנ; אונ איצט, זאָגט זי, אז די וועלט איז א וועלט, זאָגט זי, זאָרגט זיכ יעדערער פאר זיכ, אונ די וועלט האָט מענ פארגעסנ".

זינט האָדל פארלאָזט טעוויענ אונ פאָרט אוועק צו איר מאנ אינ דער פארשיקונג, פילט טעוויע אלצ מער אונ מער אפ זיכ די זדיעקעס פונ די רייכע. א טאָכטער זיינע ווערט אָפּגענארט פונ א גוויריש זונדל, אונ זי פארענדיקט מיט זעלבסטמאָרד. זיינ איידעמ פעדאָצער, ביילקעס מאנ, וואָס איז איינער פונ די אָנגעזעענע יעהופּעצער גווי-

רים, שעמט זיך מיט אים. מע לאָזט אים צו זיך אין שטוב ניט אריין. עס שטאַרבט טעוויעס פרוי. דאָס געשטאַלט פון טעוויען ווערט אַלץ טראַגישער. זיין אייניציקע טרייסט איז דאָס אָרט, ווו עס איז אַוועק זיין קינדהייט, יוגנט און עלטער, דאָס דאָרף, די פעלדער אַרום דאָרף. און סאָפּקאָלסאָפּ קומט אויס טעוויען צו צעזעגענען זיך אויך מיט דעם דאָרף. עס העלפן אים קיינע טענות ניט. עס קומט דער צאַרישער אוריאַדניק און הייסט אים פאַרלאָזן זיין הויז, ווו ער איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן. טעוויע פאַרשטייט גאַנץ גוט, ווער עס טרייבט אים פון דאָרף, און ווער מע טרייבט פון דאָרף. ער ווייסט, אַז ער האָט ניט מיט וועמען צו ריידן און צו טענהן. אָבער די דאָזיקע געשעעניש רודערט אויף אַזוי זיין געמיט, אַז ער הייבט זיך אָן אויסטענהן מיט גאָט:

„אַך, טי, ריבוינעשעלוילעם, גאָטעניו! — טראַכט איך מיר. — וואָס האָסטו זיך עפּעס צוגעטשעפּעט צו טעוויען גראָד? פאַרוואָס זאָלסטו בעסער ניט א שפּיל טאָן זיך אַמאָל אָפּ אַ משיקאַוועס, לעמאַשל, מיט בראָדסקין אָדער מיט אַ רויטשילדן? פאַרוואָס לערנט מען מיט זיי ניט די סעדרע לעך־לעכאָ?“

מיטן סאַמע טיפסטן טראַגישן ליריזם איז דורכגעדרונגען די דערציילונג טעוויעס, ווען ער זעגנט זיך מיט זיין היים אין דאָרף, פונוואַנען מע טרייבט אים אַרויס:

„קום איך אַהיים, טרעף איך שוין ניט קיין שטוב, נאָר

א כרווע. די וועגט נאַקעט, זיי ווייגען מאַמעש נים טרערן!.. אפן פריפעטשיק זיצט די קאץ, ווי א יעסוימע, נעבעך, טרויעריק — עס האָט מיך אזש א נעם געטאָן באַם האַרצן, און טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן... דאָ אויסגעוואַקסן, דאָ פאַרשוואַרצט געוואָרן קאָל-יאָמאָוו, און פלוצעם, אינמיטנדערינען — לעכ-לעכאָ!"

נים אומזיסט האָט שאָלעם-אַלייכעם ליב געהאַט טעוויע דעם מילכיקן מער פון אַלע זיינע געשטאַלטן, ווייל אין טעוויען האָט ער געזען א פאַרקערפערונג פון א פאָלקס-מענטש, וואָס איז טיף פאַרבונדן מיט דער ערד, אפ וועלכער ער איז אויסגעוואַקסן און אפ וועלכער ער האָט געהאָרעוועט, מיטן לעבן, מיט די טיפע פאָלקס-קוואַלן, וואָס ברויזן מיט כאָכמע און אָפּטימיזם.

קאפיטל אכט

פריידן אוןליידן

צום אָנהייב XX יאָרהונדערט ווערט אלץ שטארקער און שטארקער דער רעוואָליוציאָנערער קאמף פון די אר־בעטער אין רוסלאנד. עס קומען פאָר שטרייקן און דע־מאָנסטראציעס.

די ארבעטער פון פארשיידענע נאציאָנאליטעטן ווערן אלץ נעענטער און נעענטער צווישן זיך. די רוסי־שע רעוואָליוציאָנערע אינטעליגענץ הייבט אָן ארומ־צוווייזן אן אינטערעס צו די ליטעראטורן פון די פארשיי־דענע פעלקער פון רוסלאנד, — אין דעם אויך צו דער יידישער ליטעראטור. באזונדערס ווייזט ארויס אַט דעם אינטערעס אלעקסיי מאקסימאָוויטש גאָרקי, דער שטו־רעם־פויגל פון דער רוסישער רעוואָליוציע.

דאָס מונטערט אויף שאָלעם־אליינכעמען, און ער הייבט זיך אָן אלץ מער און מער צו האלטן פאר דעם שרייבער פון די אויפגעוואכטע פאָלקס־מאסן.

„איך ווייס גאנץ גוט, — שרײַבט שאָלעם־אלייכעם צו
זײַנעם א פרײַנט אין יאָר 1901, — אז זיי (די אריסטאָ־
קראטן) וועלן נאָר דערהערן, אז שאָלעם־אלייכעם קומט
צו פאָרן... מע וועט עפּעס לייענען מײַסעלעך... פע, ווי
פּאסט עס פאר א שווארצטומער גוויר... וואָס האָט אייגע־
נע הײַזער און א פולן סאבלטאש מיט געלט... ווי פּאסט
עס, זאָג איך, ער זאָל גיין מיט אלע קאפּצאָנים, מעלאמ־
דים, פּראָסטע ייִדן און פּראָסטע ווײַבלעך אָן בריליאנטן...
נאָר אז מיר וועלן אָבער שמועסן נאָכאמאָל דאָס אייגענע
ווידער צ ו ר י ק, באדארף מען זיי אפּצולאָכעם דאפּקע יאָ
קומען און דאפּקע יאָ לייענען, און לאָזן זיי זיצן אין גע־
האקטע וואונדן אין דער היים, זיך גלעטן די בײַכלעך,
קוקן אין שפּיגל ארײַן און זיך צוהערן, צי דער מאָגן
קאָכט! איך קען זיי, די סוואָלאָטשעס, אוי, קען איך
זיי!"

און ווער האָט נאָך אזוי געקענט די ייִדישע בורזשוא־
זיע, ווי שאָלעם־אלייכעם! נאָך אין זײַנע ערשטע ארויס־
פאָר אין דער ליטעראטור האָט ער דאָך אונדז געוויזן דעם
עגאָיזם, די פארטעמפּטקײַט און די פארדאָרבנקײַט פון
דער גווירישער פאמיליע בלאנק.

מיט א שמייכעלע פון פאָלקסטימלעכער פרייד דער־
ציילט שאָלעם־אלייכעם וועגן דער גרויסער געשעעניש פאר
דער ייִדישער ליטעראטור, וואָס „די רוסישע שרײַבער
האָבן זיך אָנגעהויבן צוקוקן צו אונדז, צוהערן און אײַנ־

טערעסירנ זיכ. איינער פונ זיי, א מענטש מיט א גוואל=
דאָוונער פענ, מיט א ריזיקנ טאלאנט און מיט א גילדנ
הארצ — מאקסימ גאָרקי האָט זיכ גענומענ צו
אונדז גאנצ געשמאק. עס וועט דערשיינענ אינ רוסיש א
היפשער זאמלבוכ פונ גאָלע יידישע אנטיקלעכ, איבער=
הויפט פונ זשארגאָנ, איבערגעארבעט אינ רוסיש... מע אר=
בעט אינ געשעפט! און די ארויסגעבער זיינענ דאפקע
אלע רוסנ".

מיטנ גרעסטנ אינטערעס, מיט דער גרעסטער פרייד
האָט זיכ שאָלעמ=אלייכעמ אָפגעגעבנ דער דאָזיקער אונ=
טערנעמונג. ער האָט אליינ צונויפגעקליבנ דעמ מאטע=
ריאל פארנ זאמלבוכ. און געקליבנ האָט ער די מאטע=
ריאלנ, וואָס קאָנענ געבנ א פאָרשטעלונג פונעמ לעבנ פונ
די יידישע פאָלקס=מאסנ אינעמ צארישנ רוסלאנד. דורכ
אימ און אונטער זיינ רעדאקציע זיינענ איבערגעזעצט
געוואָרנ אייניקע טיילנ „פישקע דער קרומער", זעקס קא=
פיטלענ „מאסאָעס בינימינ האשלישי", פינפ קאפיטלענ
פונעמ „ווינטשפינגערל". און ניט נאָר מיט איבערזעצ=
האָט זיכ שאָלעמ=אלייכעמ באגרענעצט. ער האָט אויכ גע=
שריבנ קריטישע ארטיקלענ וועגנ די שרייבער, וואָס האָבנ
געדארפט אינ דעמ זאמלבוכ אריינ.

און כאָטש דער דאָזיקער זאמלבוכ איז איבער סיבעס,
וואָס זיינענ ניט געווענ אָפהענגיק ניט פונעמ פארלעגער
און ניט פונעמ רעדאקטאָר, ניט ארויסגעגעבנ געוואָרנ,

האָט דער פאקט פונ צונויפשטעלנ א זאמלבוכ פונ דער ייִדישער ליטעראטור אינ רוסיש אונטער דער רעדאקציע פונ מאקסימ גאָרקי פיל אופגעמונטערט די בעסטע פאָרשטייער פונ דער ייִדישער פאָלקס-ליטעראטור אונ געהויבנ זייער שטאָלצ אנטקעגנ דער ייִדישער בורזשואזיע, וואָס האָט טרעטירט אי זיי אי זייער שאפנ.

אונ שאָלעמ-אלייכעמנ האָט אָט דער דאָזיקער פאקט אלצ מער אונ מער דערנעענטערט צו מאקסימ גאָרקי. ער האָט נאָכ מער זיכ אָפּגעגעבנ מיט די פאריאָגטע אונ פארשטויסענע אינעמ ייִדישנ פאָלק. אונ צו זײַנ יוגנט-פרײַנט ספּעקטאָר שרײַבט ער דעמלט אזוי:

— איכ מוז מיכ מוידע זײַנ פאר דיר, אז איכ פיל מיכ עפּעס ווי נײַ געבוירנ, מיט נײַע, שפּאָגל-נײַע קויכעס. קימאט קאָנ איכ זאָגנ, אז איכ הייב ערשט אָנ צו שרײַבנ.

אָבער דער ביטערער גוירל פונ דער ייִדישער ליטעראטור אינ צארישנ רוסלאנד, די שטענדיקע הונגער אונ נויט פונעמ ייִדישנ פאָלקס-שרײַבער שמײַסנ אימ מיט דײַגעס-פּארנאָסע. אונ שאָלעמ-אלייכעמ שרײַט ביטער אויס:

— אז אָכ אונ ווײ איז מיר, איכ דארפ נאָר לויפנ זוכנ א קערבל! ברענענ זאָל די בירזשע, ברענענ זאָל דאָכ קערבל!..

„מע פרעגט מיכ, — האָט שאָלעמ-אלייכעמ געשריבנ

צו ספּעקטאָרנ, — די, וואָס קענענ מיכ אונ זעענ מיכ אלע טאָג, ווענ שרײַב איכ? כ'לעבנ, אז איכ ווייס אליינ ניט ווענ! אָט אזוי שרײַב איכ, גייענדיק, לויפנדיק, זיצנדיק בא יענעמ אינ קאבינעט, פאָרנדיק אפנ טראמוויַ, אונ פּונקט בעשאס מע דולט מיר א קאָפּ מיט א וואלד, ניט געהאקטנ וואלד, אנ אימעניע א טײַערע, א זאוואָדל, -- פּונקט דעמלט וואקסנ אויס די שענסטע בילדער, אונ עס לייגנ זיכ צונויפ די בעסטע מאכשאָוועס, אונ מע קאָנ זיכ ניט אָפּרײַסנ אפ קיינ מינוט, אפ קיינ רעגע דאָס אלצדינג ארופצוגעמענ אפ פּאפּיר — ברענענ זאָלנ די געשעפטנ! ברענענ זאָל די וועלט!“

זײַנ פּאָפּולערקײַט וואקסט

דער רעוואָליוציאָנערער אופברויז אינ לאנד האָט אויכ פארכאפּט גרויסע שיכטנ פונ דער יידישער ארבעטערשאפט. דאָס האָט ארויסגערופנ א גרויסנ נאָכפרעג אפנ יידישנ בוכ אונ אפ קינסטלערישער ליטעראטור.

שאָלעמ-אלייכעמ פאָרט דעמלט ארומ איבער שטעט אונ שטעטלעכ פונעמ צארישנ רוסלאנד. ער טרעט ארויס אפ אָוונטנ, וו ער לייענט פאָר זײַנע מאָנאָלאָגנ אונ נאָוועלעס. ער באגעגנט זיכ פּאָנעמ צו פּאָנעמ מיט זײַנע לעזער. זײַנ פּאָפּוליאריטעט וואקסט פונ טאָג צו טאָג. ער זעט עס פונ די באגעגענישנ מיט די לעזער אינ

די שטעט אונ שטעטלעכ. ער דערציילט דעמלט, שמייכלענדיק איבער זיכ, זײַנ טאָכטער אזוי:

„איכ גיי ארויס נעכטנ, שאבעס (אינ קרעמענטשוג), שפאצירנ אפנ הויפט=פראָספעקט, ערשט איכ זע: דער אוילעמ שטופט זיכ צומ שוי=פענצטער, ווי צו עפעס א באַרימטקייט, אשטייגער, ווי שאליאפינ. דער פאָטאָגראַף האָט צוליב גרויס עפעקט ארויסגעשטעלט אויכ מײַנ פסעוודאָנימ אפ ייִדיש. האָבנ זיכ עס א שאָט געטאָנ שפאצירער פונ אלע זײַטנ, גענומענ גאפנ אפ מיר, טײַטנ מיט די פינגער אונ ארײַנקוקנ מיר גלײַכ אינ פאָנעמ ארײַנ — דער רועב ווייסט וואָס דאָס איז! איכ האָב געמוזט אויקער זײַנ פונעמ פראָספעקט אונ באהאלטנ זיכ אינ האָטעל. נאָר מע האָט מיכ אופגעזוכט אונ אָנגעהויבנ פארבעטנ אפ אָוונטנ, אפ זיצונגענ אונ גלאט אזוי א טיי“.

עס איז געקומענ דער לוסטיקער, פריילעכער שאָלעמ=אלייכעמ אינ שטאָט, אָט דער, וואָס איז שוינ דעמלט בא די ייִדישע פאָלקס=מאסנ געוואָרנ ווי א מינ הארציקער, פריילעכער העלד פונ א פאָלקס=לעגענדע. אונ דאָס איז געווענ א פריידיקע געשעעניש פאר דער גאנצער שטאָט.

א פרישער שטראָמ פונ שאפונגס=ענערגיע האָט דעמלט גענומענ שלאָגנ פונ שאָלעמ=אלייכעמענ. איצט האָט ער באשײַמפערלעכ געזענ, וואָס פאר א גרויסע ווערדע ס'האָט באקומענ דער „זשארגאָנ“ אונ די „זשארגאָנ=ליטעראטור“

פארנ אופהייבנ דעמ קולטורעלנ אונ געזעלשאפטלעכנ באַוווּסטזײַנ פונ די ייִדישע פאָלקס=מאסנ. אונ ער אײַלט זיכ טאקע אָנצוזאָגנ וועגנ דעמ זײַנ פרײַנט ספּעקטאָר:

„איכ שטעל מיר פאָר, וואָס פאר א פּאָנעמ מיר וועלנ האָבנ בא אונדזערע אור=אורייניקלעכ, אשטייגער, אינ א פופציק אָדער הונדערט יאָר ארומ, דעמלט, ווענ אונדזערע ביינער וועלנ שוינ לאנג פוילנ אינ דער ערד! אכ, דער זשארגאָנ, דער זשארגאָנ! מי=יעדייע, וואָס פאר א ראָליע ער וועט נאָכ אמאָל שפּילנ בא אונדזער פאָלק! נאָר לאָז די געשיכטע גייג איר וועג, אונ מיר באדארפנ לעסאטינ אינ זינענ האָבנ אונדזערס... זאָלסט געווענ זײַנ אינ זשיטאָמיר אונ זענ דעמ קאָוועד, וואָס איכ האָב דאָרט געהאט צווישנ אונדזער פּובליקומ, וואָלסט אײַנגענומענ א מיסע=מעשונע פאר גרויס נאכעס. מאמעש אפ די הענט געטראָגנ! אפנ צווייטנ טאָג איז אינ „וואָלינ“ געווענ א באריכט, אז דער באוווּסטער ייִדישער זשארגאָנ=שריפטשטעלער שאָלעמ=אלייכעמ איז א גאסט בא אונדז אינ שטאָט“.

די אָפּטע פאָרלעזונגענ שאָלעמ=אלייכעמס אינ פארשיידענע שטעט אונ שטעטלעכ, וואָס האָבנ אימ דערנענטערט צו זײַנ לעזער, האָבנ אימ צוגעגעבנ קראפט אונ מוט אונ נײַע האָפענונגענ.

אינ בערדיטשעוו אפ די „פעסקעס“

„וואָס פאר א שרעקלעכע שטאָט דאָס איז בערדיטשעוו! זי דערמאָנט די פארשאָלטענע שטעט, וועגנ וועלכע עס ווערט גערעדט אינ דער ביבל. אינ איר אונ ארום איר דוכט זיכ אויס, אז אלצ איז אָנגעשטעקט מיט צעפאלונג, מיט רוינירונג אונ מיטנ טויט. אפ די פאסאדנ פונ די הייזער לאָזנ זיכ זענ אָדער אנ אָפגעפאלענער טינק, אָדער עקלהאפטע פלעקנ. עס דוכט זיכ, אז פונ דעמ זומפ, אפ וועלכנ די דאָזיקע הייזער זיינענ געבויט, רייסנ זיכ טויט־טראָגנדיקע מיאזמענ, וועלכע שניידנ זיי אונטער אונ צעלייגנ זיי. דאָס איז א שטאָט פונ קויט אונ פונ שמאטעס, א קאפערנאום פונ נידערטרעכטיקייטנ, א קלאָאקע אָנ א נאָמענ, ווו דאָס יידנטום האָט אופגעקליבנ זיינ גאנצנ דאלעם אונ קויט, האָט ארויסגעשטעלט פאר אלעמענ זיינע ווונדנ אונ פייכטע מאקעס, ווי אזעוו, ווענ ער האָט געפוילט“.

אזוי האָט געשריבנ וועגנ דער שטאָט בערדיטשעוו א פראנצויזישער רייזנדער וויקטאָר טיסאָ אינ די 80-ער יאָרנ פונעמ פאָריקנ יאָרהונדערט.

אינ 1903 באזוכט שאָלעמ-אליימ אויכ בערדיטשעוו. ער האָט דאָ א ברודער א באלמעלאָכע, וועלכער ווייסט גוט די שטאָט, אונ ער וועט גיינ מיט אימ. אונ באלד נאָכ זיינ קומענ אינ בערדיטשעוו זיינענ שאָלעמ-אלייכעמ אונ זיינ ברודער וואָלפ אוועק באקוקנ די קווארטאלנ פונ דער

ייִדישער אָרעמשאפט, וואָס זײַנענ אימ שוינ געווענ בא=
קאנט פונ אמאָל. ער איז אוועק אראָפ=בארג צו דעמ טײַכ
גנילאָפיאטע.

אינ דער לופט האָט געפארעט, אונ פארשיידענע רײַ=
בעמ זײַנענ געקראָכנ אינ דער נאָז ארײַנ. מענטשנ זײַנענ
געגאנגענ אונ האָבנ געפאָכעט אפ זיכ מיט די הענט. לעבנ
טײַכ זײַנענ אָנגעלאָפנ באָרוועסע אונ אָפגעריסענע קינדער,
געוואָרפנ שטײנער אונ שמאטעס אינ טײַכ. א פאָר פונ
זײ האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ צו א געפײַגערטער קאצ, וואָס
איז געלעגנ אפנ ברעג, א כאפ געטאָנ זי אונ פליוכ אינעמ
געלנ וואסער, וואָס האָט אויסגעזענ ווי געדיכטער לויג. די
געפײַגערטע קאצ האָבנ די קינדער געוואָרפנ אינעמ וואסער
ארײַנ גראָד אפ יענעמ אָרט, ווּ עס האָבנ זיכ געבאָדנ א
פאָר עלטערע מענטשנ.

שאָלעמ=אלייכעמ, וועלכער איז געשטאנענ פונדערווײַטנס
אונ זיכ צוגעקוקט צו דעמ בילד, איז צוגעגאנגענ נעענטער
צו די קינדער, אָנגענומענ אײנעמ פאר א הענטל, גע=
פרווּט קלוימערשט אויסמוסערנ אונ גענומענ זיכ פאנאנ=
דערפרעגנ.

— וועמעס ביסטו, ייִנגעלע?

— א טאטנס מיט א מאמעס.

— ווי רופט מענ דײַנ טאטנ?

— ווי מע האָט אימ א נאָמענ געגעבנ.

— ווי האָט מענ אימ א נאָמענ געגעבנ?

— ווי מע האָט געוואָלט, אזוי האָט מענ געגעבנ.

— פאָרט, ווי האָט מענ אימ א נאָמענ געגעבנ?

— ער איז שיקע דעמ שערערס, אונ דאָרט ווינענ זיי, — האָט א צווייט יינגעלע געזאָגט, האָט דערביי פארהויבנ דאָס קעפל אונ מיטנ מיגנער אָנגעוויזנ אפ דעמ געסל, ווו עס ווינט שיקע דער שערער. — אונ זיינ מאַמענ, — האָט ער מיט א קוויטשעדיק קעלכל צוגעגעבנ, — רופט מענ דוואָסיע די שערערנ.

— איר דארפט זיכ עפשער שערנ? — האָט דאָס דרייסטע יינגעלע, וואָס האָט געפירט מיט שאָלעמ=אלייכעמענ דעמ לאנגנ שמועס, געזאָגט, — בא אייכ איז דאָכ אזוינע לאנגע האָר, איר האָט זיכ דאָכ אוודע שוינ לאנג ניט געשוירנ, קומט צו אונדז, איכ וועל אייכ וויזנ...

די יינגלעך, וואָס האָבנ זיכ געבאָדנ, האָבנ זיכ צוגעהערט צומ געשפרעכ אונ געשמייכלט איינער צומ צווייטנ. איינער פונ זיי האָט זיכ געווענדט צומ יינגל:

— לייטענער גוילעמ דו, ס'איז דאָכ אזא מאָדע לאנגע האָר... זיי זיינענ מיסטאמע א פילאָזאָפ, גארישער קאָפ דו איינער. זיי האָבנ אפאָנעמ גענומענ אפ זיכ ניט צו שערנ זיכ פאר קיינ געלט. האָט קיינ פאריבל ניט, — האָט ער זיכ שוינ איצטער געווענדט צו שאָלעמ=אלייכעמענ, — אונ עפשער האָב איכ א טאָעס, עפשער ווילט איר זיכ טאַקע שערנ? אָט בינ איכ שוינ אנ אָנגעטאָגענער, קומט, וועל איכ אייכ וויזנ צו זיינ טאטנ טאסע.

זיי זײַנען אוועק אַף לינקס, אין אַ שמאָל געסל פון הײַזלעך מיט צעשפּאָלטענע, שיר ניט קיין צעפאַלענע ווענט.

שאָלעם־אַליי‌כעם האָט נאָר געדאַרפט, אַז די־עלטערע זאָלן מיט אים אַרײַן אין אַ שמועס וועגן זייער לעבן, וועגן זייערע פּאַרנאָסעס. ער האָט גערעדט מיט זיי, אײַ־בערגעפלאָכטן זײַן געשפּרעך מיט גלײַכווערטלעך און מיט אַ וויץ. די מיטשפּרעכער האָבן אים אויך געענטפערט אַף דעם זעלביקן אופן. פּלוצעם כאַפּט שאָלעם־אַליי‌כעם אַרויס פון בוזעם־טאַש אַ ביכעלע, פאַרשרײַבט עפּעס און פאַרטראַכט זיך. די מיטשפּרעכער זײַנען מיטאַמאָל אַנ־שווייגן געוואָרן. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט, און איינער האָט אַרײַנגעשושקעט דעם צווייטן אין אויער:

— עפּעס ניט קיין גלאַט מענטשל. פאַרשרײַבט עפּעס אין ביכעלע, — און באַלד האָט ער זיך געווענדט צו שאָ־לעם־אַליי‌כעמען.

— האָט קיין פאַריבל ניט, פּאַני, וואָס איז אײַער טועכץ?

— איך בין אַ שרײַבער.

— וואָס זשע שרײַבט איר? פּראָשעניעס, פּאַפּירן, מע־סירעס?

— פעליעטאָנען, מײַסע־ביכלעך פאַר ייִדישע קינדער.

— זײַט איר, הייסט עס, אַ מויכער־ספאָרימניק, אַ באַל־מעכאַבער? וואָס זשע טוט איר הי?

— געקומענ אָנקוקנ אײַער בערדיטשעוו.

— מער גאָרנישט?

— מער גאָרנישט.

— קיינ שום געשעפטנ?

— קיינ שום געשעפטנ.

— אונ לייגט הויצאָעס?

— אונ לייג הויצאָעס.

— צו וואָס נוצט דאָס אײַך?

— ביכדיי איכ זאָל האָבנ וואָס צו שרײַבנ.

— וווּהינ שרײַבנ?

— אינ די גאזעטנ.

— וואָסערע גאזעטנ?

— ייִדישע גאזעטנ.

— עמעצער צאָלט אײַכ עפּעס דערפאר, פארוואָס איר שרײַבט?

— געוויינטלעכ.

— שרײַבט איר, הייסט עס, אפ די בלעטער? אוּווא! א גרויסע זאכ! מע הארפ אפּאָנעמ האָבנ דערצו א קאָפּ, הא? — האָט דער ייִד א טרייסל געטאָנ מיטנ קאָפּ אונ א נעמ געטאָנ זײַנ שיטער בערדל אינ האנט. — איז וואָס, באשרײַבט איר דאָס טאקע אונדז, הא? טאקע ווי מיר שטייענ אונ גייענ, הא?

— נעמט ניט פאר אומגוט, — האָט דער צווייטער ייִד געזאָגט, — זאָגט מיר, איר זײַט דאָך אוואדע פונ די הײַנטיקע? איך זע דאָך אָנ אײַך... כאָטש מיט לאנגע האָר, גאָר... שער=אונ=אײַזנ, אמכאָ, ס'פּאסט צו זאָגנ, א נאשבראט... א פּראָסטער שאלעסודעס... ס'וואָלט, זאָג איך אײַך, גאָר קיינ אוולע ניט געווענ, אז מע זאָל אונדז באשרײַבנ, וואָס באשרײַבנ הייסט. ס'איז דאָך ערגעץ פאראנ א וועלט מיט פײַנע מענטשנ, איידעלע הערצער, וואָס זוכנ טויווּעס=האקלאל, וואָס זוכנ... כ'וועל אײַך שוינ זאָגנ דאָס, וואָס איך זאָג צו אים, — אונ דערבײַ האָט ער א קער געטאָנ דאָס פּאָנעם צו זײַנ פרײַנט, — גוואלד! אדמאָסײַ! ביזוואנענ וועלנ מיר דאָס זיצנ אינ געהאקטע ווונדנ אינ אָט די קוואָרימ אונ רופנ זיך לעבעדיקע? גוואלד, זאָג איך נאָכאמאָל, אדמאָסײַ! ביזוואנענ וועל איך דאָס דארפנ אויסקוקנ אפ א שטיקל ארבעט אונ אינ דער ליידיקער צײַט נייענ פאר קינדער אונ קינדס=קינדער טאכריכימ? גאָט איז אוואדע אנ אייל=ראכומ=וועכאנונ. שטראָפנ שטראָפט ער קיינעמ ניט אומזיסט. אָבער פארוואָס איינעמ גאָר די צאָרעס אונ איינעמ גאָר די האצלאָכע? א גדיע יווישער, פרעג איך בא אײַך? איך בינ ניט פונ די הײַנטיקע, אָבער זיי זײַנענ פאָרט גערעכט... גוואלד, יווישער, א גדיע יווישער?

שאָלעמ=אלייכעמ אונ זײַנע באגלייטער זײַנענ געגאנגענ צו שיקנ דעמ שערער. מ'איז צוגעגאנגענ צו א יאַזיבל,

און אפֿ דעם שטיבל זײַנען געהאַנגען צוויי שילדן. די ער־שטע שילד:

ВОЕНСКОЙ И ГРАЖДАНСКОЙ ПОРТНОЙ
МЕЕР ПОЛКОВОЙ. ОН ЖЕ ДЛЯ ДАМ.

און א צווייטער שילד:

ПАРИКМАХЕРСКАЯ ЗАВИДЕНИЯ ШИКУ
ЦИРУЛЬНИКОВУ СТРИШКИ, БРИШКИ
И ЗАВИШКИ.

שאָלעם־אַלייכעם האָט מיט אָנשטרענגונג געגומען לייענען די שילדן אין דער הייך לויט די טראָפּן און האָט א שמייכל געטאָן.

— דאכט זיך, א קאָפּ־מענטש, און לייענט פּאמעלעך. איר זײַט, כאָלילע, טעמפּ אין זייער איווריע? — האָט איינער פֿון די ייִדן, וואָס האָבן באגלייט שאָלעם־אַלייכעמען, א פֿרעג געטאָן. — און דאכט זיך, אז איר לאכט גאָר? איר ווילט זיך טאקע שערן? מאכטייסע, קומט, אדרא־בע, זאָל א ייִד פֿאַרדינען.

זיי זײַנען ארײַן אין שטוב. זיי אנטקעגן איז געגאַנגען א הויכע, באיאָרטע פֿרוי, זי האָט אײַלנדיק אָפּגעווישט מיטן פֿאַרטעך א טאבורעט און געבעטן זיך זעצן. די פֿרוי האָט מיט נײַגער באקוקט שאָלעם־אַלייכעמען.

אין די שטעט, ווו שאָלעם־אַלייכעם איז געווען די לעצ־טע צײַט, האָט ער געפּרוּווט זאמלען פֿארשיידענע פֿאָלק־לאָר־מאטעריאלן: פֿאָלקס־לידער, גלײַכווערטלעך, מײַסעס.

שאָלעם־אַלייכעם האָט געוווּסט, אַז די בעסטע יידישע פאָלקס־לידער קאָן מען פאַרשרײַבן בײַ די פרויען פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע.

ער האָט פאַרפירט אַ געשפּרעך וועגן דעם בערדיטשעווער קלעזמער סטעמפּעניו, וועגן בערדיטשעווער פּורים־שפּילער און וועגן אַזוינע, וואָס קענען זינגען לידער. ער האָט זיך געווענדט צו דער פרוי, עפּשער וועט זי אים אויפזינגען אַ ליד.

— יעדערער זוכט זיך אויס אַ פּאַרנאָסע... רויקע קעפּ. גאָר לידער איינמיטן מיטוואָך... עס קומט אויס צו זאָגן, אַז מער פעלט אײַך אַפּאָנעם גאָרנישט... איר האָט דאָך גאָר קיין ווײַב און קינדער ניט? מער ווי אַפּ זינגען זײַט איר ניט אָפּגעלייגט? אַ באַלאָנעם אַ ביסל!..

— אָבער איר האָט גאָר קיינמאָל ניט געזונגען קיין לידער? אמאָל, אַז איר זײַט געווען אַ מיידל און איר פלעגט וועלן געפעלן ווערן טאקע אײַער שיקען? — האָט שאָלעם־אַלייכעם געפרעגט.

די פרוי איז געשטאַנען אַנטקעגן שאָלעם־אַלייכעמען און זײַנע באַגלייטער און באַהאַלטן די הענט אונטערן פאַרטעך.

— אָט זינגט זיי שוין אָפּ עפּעס אַ לידל, — האָט זיך אַרײַנגעמישט מייער פּאָלקאָוואָי, — זיי דאַרפן דאָס האָבן צום רומל. ס'איז זייער געשעפט. יעדערן געפעלט זײַן געשעפט. פאַרוואָס זאָל מען ניט טאָן אַ מענטשן אַ טויַ

ווע... עס קאָסט אײַך געלט... איר קויפֿט עס באַם קאַ־צעוו?

— אוי, זאָל זיי שווין דער אייבערשטער צושיקן בע־סערע פּאַרנאָסעס. און ווידער, כ'האָב שוין לאַנג פֿאַרגעסן. עפּשער וועט סאָרע זיי אָפּזינגען א פּאָר לידער? ניט לאַנג זײַנען דאָך בא איר געווען די האָלאָדריגעס פֿון טעאַטער, די יידישע אַקטיאָרן. פּאַרנאָסעס בא לײַטן!.. שרײַבן לי־דער, אַקטיאָרן, טעאַטער... מער ליגט זיי אין קאָפּ ניט...

— ס'איז מײַנע א טאָכטער, — האָט מייער פּאָלקאָ־וואָי געגעבן צו פֿאַרשטיין, — געווען א יעפּאָס־טויער, א שיינהײַט. זינגט מיט אזא מעסיקעס אָט זייערע... די הײַנ־טיקע לידער...

— ווייסט איר וואָס, — האָט שאָלעם־אַלייכעם גע־זאָגט, — מיר וועלן גאָר אַרײַן צו איר אין צימער.

מייער פּאָלקאָוואָי האָט אַן עפֿן געטאָן די טיר פֿון צי־מער, און עס האָט מיטאמאָל א שפּאַר געטאָן מיט א שאַרפֿן, גרויען, שטויביקן נעפּל. אין צימער אויף דער ערד זײַנען געלעגן שמאַטעס קופּעסווײַז, העכער און נידערי־קער. שאָלעם־אַלייכעם האָט געמאַכט א פּאָר טריט איבער די שמאַטעס און האָט דערזען א פֿרוי, וואָס איז געזעסן אויף דער ערד אַרומגערינגלט מיט די שמאַטעס. איר יונג און אָן א צײַט פֿאַרעלטערט פּנים, אירע שוואַרצע האָר זײַנען געווען באַשאָטן מיט שטויביקער גרויקײַט. זי האָט געלאָטעט זעק.

שאָלעם-אַלייכעמס „גוט-מאָרגנ" האָט עפּעס מאָדנע פרעמד אָפּגעקלונגענ אינ אָט דער שטיקנדיקער שטויביקער גרויקייט. די פרוי האָט זיכ א כאַפּ געטאָנ, ווי פונ א יאָכ, אויסגעצויגנ דעמ קאָפּ פאָרויס, אונ אירע אויגנ האָבנ עפּעס ווי געוואָלט זיכ דורכרײַסנ דורכ דעמ שטויביקנ נעפּל.

דאָס בילד האָט געדריקט אָפּ שאָלעם-אַלייכעמענ, אונ פונ די ווינקעלעכ פונ זײַנ מויל איז מיטאַמאָל פאַרשווּנדנ דער שמייכל. זײַנע פיס האָבנ געשאַרט איבער די שמאַטעס אונ געזוכט א האַרטנ שטיק דיל, ווו אַוועקצושטעלנ זיכ פעסטער.

— זיצט, — האָט די פרוי א כאַפּ געטאָנ פונ ווינקל א טאַבורעט, אָפּגעווישט אימ מיט א קויטיקנ זאַק אונ געווענדט זיכ צו שאָלעם-אַלייכעמענ, — איר זײַט מיר עפּעס אַזוי קענטלעכ, כ'האָב אײַכ ערגעץ געזענ...

— זיי וועלנ אונדז שוינ אַפּאָנעמ גוט באַשרײַבנ,—האָט זיכ מייער פּאָלקאָוואָי אָפּגערופנ, — א יווּשער, כ'לעבנ... זאָל די וועלט וויסנ... וואָסי, דאָס זײַנענ מיר אַלײנ? גאַנצ פּעסקי, א וועלט מענטשנ... מע זיצט אָנ א שטאָכ אַרבעט... א וועלט — א קאַפּצנ...

— איאָ, איכ האָב זיכ שוינ דערמאָנט, פאַרוואָס איר זײַט מיר אַזוי קענטלעכ, — די פרוי האָט זיכ אויסגעגלײַכט אונ האָט א פריילעכע אָנגעוויזנ אָפּ דער וואַנט,— אָט זײַט איר דאָכ! שאָלעם-אַלייכעמ! אָט איז דאָכ א קאַרטל מיט אײַער פאָטאָגראַפיע.

עס זיינענ זיכ באלד צונויפגעקומענ אלע שכיינימ פונ שטוב אונ פונ הויפ. יעדערער האָט זיכ געשטופּט צו זינגענ אונ צו דערציילנ עפּעס פאַר שאָלעמ-אלייכעמענ, באַזונדערס די יוגנט. אונ די פאַרדייגעטע באַיאָרטע פּרווּדוואָסיע צירולניקאָווע האָט זיכ שוינ אלייג אָנגעשלאָגנ צו זינגענ.

שאָלעמ-אלייכעמ האָט שוינ איצטער ניט געהאט קיינ מעגלעכקייט צו פאַרשרייבנ אינ זיינ בלאָקנאָט. צופיל האָט מענ געטומלט, אונ צו שטארק איז געווענ דער גערודער פונ די פאַרזאמלטע, אז שאָלעמ-אלייכעמס אויג אונ געהער זאָלנ זיכ דעמלט אריינטאָנ אינ פּאפּיר.

עס איז שוינ געווענ אָוונט, ווענ שאָלעמ-אלייכעמ איז אוועקגעגאנגענ פונ דעמ שערערס וווינונג. ער איז געגאנגענ מיט זיינ ברודער אונ האָט געשוויגנ. ער האָט זיכ דערמאָנט אפ א שטעל פונ טיסאָס בוכ וועגנ רוסלאנד, וו: ער רעדט וועגנ דער יידישער אָרעמשאפט אינ בערדיטשעוו.

„דער יידישער אָרעמער האמוינ איז אופגעשטיקט אינ אָט דער דאָזיקער אויכ מיר פאָרשטאָט — פּעסקי. ער טרינקט זיכ אינ קויט אונ אינ מיסט צווישנ פארשיידענע אומרייניקייטנ אונ אָפּגאנגענ, וועלכע רינענ אָנ אהער פונ שטאָט, ווענ דעמ רעגנ פאַרווילט זיכ מאכנ ריינ די שטאָט. איכ געדענק ניט, אז עס זאָל זיכ מיר מאכנ צו זענ אנ אָרט א מער עקלהאפטיקס, א מער אָפּשטויסנדיקס,

א מער לײדנדיקס, א מער אומגליקלעכס. קײנ אײנ בױמ, קײנ אײנ גריג גרעזעלע. דער מענטשלעכער מײכל קענ גאָר ניט באנעמענ, װיאזױ קענענ עס לעבנ מענטשלעכע װערעמ אינ אָט דער דאָזיקער אטמאָספער פונ קרעצ אונ מיאזמענ, אינ אָט דער שרעקלעכער מיסטגרוב. קופּעס קינדער מיט צעשױבערטע האָר אָנ געשרײענ אונ אָנ פרײלעכקײט, מיט בלאָנדזשענדיקע פארױטלעכטע אױגנ, מיט א גרינלעכער פארב פונ פּאָנעמ, אינ מױרעדיקע שמאטעס, װאלגערנ זיכ אפ די שװעלנ פונ די שטינקענדיקע באטקעס".

— עס איז ריכטיק, — זאָגט שאָלעמ-אלײכעמ, — אז דער דאלעס איז דאָ שרעקלעכ. עס איז אָבער ניט ריכטיק, אז דאָ איז ניטאָ קײנ לעבנ, אז אָט די מענטשנ, װעלכע איכ האָב געזענ, שטרעבנ ניט צומ לעבנ אונ קעמפנ ניט פאר א בעסער לעבנ. ס'איז ניט ריכטיק, אז די דאָזיקע מענטשנ זײנענ צופרידנ מיטנ קױט אונ מיט די שמאטעס אונ אז זײ האָבנ קײנ קױעכ ניט צו שאפנ זיכ א לעבנ אָנ קױט אונ אָנ שמאטעס.

— עמעסע שרײבער, אזױנע װי מאקסימ גאָרקי, אשטײגער, — האָט פאָרגעזעצט שאָלעמ-אלײכעמ, — דערצײלנ ניט נאָר װעגנ די שמאטעס, װאָס הילנ אײנ זײערע טיפנ, זײ דערצײלנ װעגנ דעמ שטארקנ אונ געזונטנ גײסט, װאָס לעבט אונטער די שמאטעס אונ װאָס שטרעבט צומ לעבנ. איכ װיל װײזנ דער װעלט מענטשנ, װאָס לעבנ אינ

קויט אונ אינ שמאטעס, וואָס זײַנענ אָבער געזונט אונ לעבנספּיייק. דאָס איז קאַסרילעווקע, דאָס זײַנענ די קווארטאלנ פונ דער ייִדישער אָרעמשאפט אינ אלע שטעט אונ שטעטלעכ פונעמ ייִדישנ תּחומ אינ צארישנ רוסלאנד.

שאָלעמ־אַלייכעמ אינ דער היימ

„בא אונדז איז קימאט ניטאָ קיינ איינ שרײַבער, וואָס זאָל לעבנ פונ דער פעג. בא אונדז שרײַבט יעדערער, ווער עס וויל, ניט דער, וואָס קענ, וואָרעמ דער, וואָס קענ, יענער קאָנ ניט שרײַבנ, מאַכמעס ער איז פארטראָגנ גאָר אינ עפּעס אנדערש, אינ דײַגעס־פּאַרנאָסע, ער זוכט א שטיקל ברויט“.

אָט די ווערטער האָט שאָלעמ־אַלייכעמ געשריבנ אינ יאָר 1900. אינ די דאָזיקע ווערטער האָט שאָלעמ־אַלייכעמ אויסגעצייכנט איבערגעגעבנ די מאַטעריעלע לאגע פונ אונדזערע בעסטע שרײַבער ביז דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

„א ייִדישער מעכאבער איז א באוואָרנטער מענטש. אבי ער האָט צײַט אונ קאָנ נאָכ זײַנ דערצו א מעלאמעד, א קרעמער, א מעקלער, א שאדכנ, אָדער אזוי א ייִד א מעקאַבל, וואָס קאָנ גיינ איבער די הײַזער צונויפמאכנ אפ זײַנ בוכ... איר שפּילט זיכ מיט א ייִדישנ מעכאַבער?

ער איז באוואָרנט פון ברויט און פון געזונט, פון גוטע פרײַנט, פון ווײַב־און־קינדער און פון לײַב־און־לעבן"... — האָט שאָלעם־אַלייכעם בא אַן אַנדער געלעגנהייט געשריבן. און אָט די דאָזיקע שורעס זײַנען אויך ניט קיין איבערגע־טריבענע כאַראַקטעריסטיק פאַר דער ווירקלעכער לאַגע פון נעם ייִדישן שרײַבער אין דער צײַט פונעם צאַריזם.

מיר ווייסן דאָך שוין, אז שאָלעם־אַלייכעם איז שטענ־דיק געווען פאַרטאַרעראַמט אויסער זײַן ליטעראַרישן שאַפן. ער טראַכט וועגן זײַנע טעמעס, און מיטאַמאָל עס קומט א געוויסער פאַרשוין, שלאָגט אים איבער זײַנע גע־דאַנקען און לייגט אים פאָר עפּעס א געשעפט. די ליטע־ראַרישע שאַפונגען זײַנע גיבן אים ניט צום לעבן. און ער מוז די בעסטע צײַט פון טאָג אָפּגעבן פאַר „דײַגעס־פאַרנאָסע".

באַטאָג איז שאָלעם־אַלייכעם ניטאָ אין זײַן שרײַב־צי־מער. ער טראָגט זיך אום איבער דער שטאָט. אַהיים קומט ער א מידער און א פאַרהאַוועטער.

אין דער היים וואַרט אף אים זײַן פאַמיליע. שוין או־מעטום אָנגעלייגט זיך, און עס איז ניטאָ הײַנט קיין גראָשן אין שטוב.

א האַרבסטיקער, א כמורנער טאָג. א רעגן הערט ניט אוף צו שפּריצן. א גאַנצן טאָג גייט שאָלעם־אַלייכעם אַרום פאַרשמײַעט אף דער בירזשע. ער האָט פאַרשפּע־טיקט צום מיטיק אין דער היים. ער עסט מיטיק אַליין,

זײַן פרוי זיצט לעבן אים. ער דערציילט איר עפּעס אַלץ און דערציילט מיט אָפּגעהאַקטע פראַזן, אַז אומזיסט האָט ער געשמײַעט דעם גאַנצענעם טאָג אויף דער בירזשע.

— גאָרנישט, גאָר גאָרנישט? — פרעגט די פרוי.

— גאָרנישט, גאָר גאָרנישט. — ענטפערט שאָלעם־אַלייכעם און גיט אַ מאַך מיט דער האַנט.

אין אַזוינע טעג לאָזט זיך שאָלעם־אַלייכעם אין גאַס נאָך גמילות־חסדים־אַרײַן, ער באַגעגנט עמעצן פון זײַנע באַקאַנטע, גיט זיך אַ ווינקל, זײַן פּנים צעגיסט זיך מיט אַ געצוווּנגענעם שמייכל. און מיטאַמאָל ווערט ער ערנסט און פרעגט בײַ זײַן מיטשפּרעכער:

— צי האָט איר ניט אויף אַ פּאָר טעג אַ פינף־און־צוואַנציקער צו אַנטלײַען?

אַמאָל קריגט ער, און אַמאָל ניט. און ווען ער קריגט אַ גמילות־חסד, איז ער ווידער אַ לוסטיקער, פריילעכער שאָלעם־אַלייכעם. ער קומט אַהיים און ברענגט אַפילו נײַע שפּילצײַג פאַר זײַנע קינדער.

אין אַזאַ טאָג שרײַבט ער דעמאָלט אין זײַן קליין בלאָק־נאָטל. ער שטייט דעמאָלט בײַם הויכן פּולט זײַנעם און זשעסטיקולירט, מאַכט מיט די הענט, כאַפּט זיך אָן פאַר די לאַצן פון זײַן ראָק, ריידט צו זיך אַליין, גייט אָפּ פון נעם טישל, רעדט ווידער צו זיך אַליין און לאַכט.

די קינדער שרײַען, לויפן, טאַנצן, שפּילן זיך. שאָלעם־אַלייכעם הערט קיין זאַך ניט, ער זעט קיינעם ניט. ער

הערט נאָר בלויז די שפּראַך פון זײַנע פּארשוינען, ער זעט בלויז די מימיק, די באוועגונגען זייערע. ער גייט ווידער צו צום הויכן שרײַבטישל, שטעלט זיך ווידער און שרײַבט ווידער אין זײַן בלאָקנאָטל. און עס קומען ארויס געשטאלטן און פּארשוינען, וואָס וועלן אין א געוויסער צײַט ארום זיך ווײַזן פאר זײַנע מיליאָנען לעזער, ארויסרופן בא זיי א טרער און א הילכיקן געלעכטער.

אפ מאָרגן איז בא שאָלעם=אליכעמען אין שטוב, אָדער, ווי ער פלעגט רופן זײַן היים, אין זײַן אייגענער רעפּובליק א יאָנטעוודיקער טאָג, א פריילעכער טאָג. פון אינדערפרי אָן איז שאָלעם=אליכעם באם שרײַבטיש. ער האָט ארויסגענומען די פלעשעלעך קליי, די שערעלעך, האָט געשניטן זײַנע פארשריבענע בלעטלעך און געקלעפּט זיי און איבערגעקלעפּט ווידעראמאָל, געלייענט דאָס איבערגעקלעפּטע און ווידער געמעקט און ווידער געשריבן.

פון נעכטן ביז הײַנט האָט שאָלעם=אליכעם אָנגעהויבן און פארענדיקט א דערציילונג. ער שרײַבט לײַכט, אָבער ער וועט ניט ארויסלאָזן פון האנט א „שטיקל ארבעט“, ווי ער וועט עס נאָכאמאָל און נאָכאמאָל ניט איבערקוקן, ווי ער וועט עס ווידעראמאָל און ווידעראמאָל ניט באארבעטן, ניט דורכלייענען פאר זיך אליין אפן קאָל אין זײַן קאבינעט אָט מיט די זשעסטן, מיט דער שטים און מיט די אינטאָנאציעס, ווי די פּארשוינען פון זײַן ווערק.

אינ זײַנ „אײגענער רעפּובליק“ איז הײַנט פרײלעכ.

— דער פּאַ וועט הײַנט לייענענ, — שפּרינגענ די קינדער פונ פרייד.

— קינדער, דער פּאַ וועט הײַנט לייענענ א נײַע דערציילונג, — זאָגט זיי אָנ די מוטער מיט פרייד.

שאָלעמ-אליײכעמ האָט שוינ געענדיקט צו באַארבעטנ זײַנ נײַ ווערק. ער האָט עס שוינ אויסגעשלײַפט, אויסגעגלעט. ער קלײַבט צונויפ ארומ זיכ זײַנ „רעפּובליק“, ער לייענט פאַר זײַנע קינדער, פאַר זײַנע ערשטע צוהערער און קריטיקער. און זיי קײַכנ פונ געלעכטער, הערנדיק זײַנ פאַרלעזונג.

— מיר זײַנענ צופרידנ און מיר פרייענ זיכ, גלײַב מיר אלע וואָלטנ עס געשריבנ. און דערציילונגענ זײַנענ אזויפיל, און שרײַבנ שרײַבט זיכ אזוי גרינג. א טאָג, צוויי — און פאַרטיק. — דערציילט וועגנ אזוינע פאַרלעזונגענ זײַנ טאָכטער ליאלי ראַבינאָוויטש.

און זײַנע געשאַפענע פאַרשוינענ זײַנענ געוואָרנ לײַבלעבע קרוווימ פונ שאָלעמ-אליײכעמס קינדער. „טעוויע דער מילכיקער“ איז געווענ פאַררעכנט ווי עפּעס א ליבער נאָענטער קאָרעוו, א קליינשטעטלדיקער פעטער, „מענאַכעמ-מענדל“ איז געווענ א גוט באַקאַנטער שאָכנ, אנ אָפּטער אַרײַנגייער און „מאָטל פּייסי דעמ כאַזנס“ — א ליב, טײַער, מעכײַעדיק שוועסטערקינדל.

און פרײלעכ, און יאָנטעוודיק איז געווענ יענער טאָג,

װען שאָלעם=אַלײכעם פֿלעגט פֿאַרלײענען זײַנס אַ װערק
אין דער הײם.

אױך שפּעטער, װען די קינדער שאָלעם=אַלײכעמס זײַנען
שױן אױסגעװאַקסן, פֿלעגט שאָלעם=אַלײכעם פֿריִער פֿאַר
אַלץ באַקענען מיט זײַן שאַפֿונג די הײמישע סװיװע.
„דערבײַ פֿלעגן געמאַכט װערן צו דעם באַזונדערע האַ=
כאָנעס, װי צו אַ פֿאַמיליען=יאָנטעװ. גאַנצפֿרי האָבן שױן
די קינדער געװוּסט, אַז אין אָװנט װעט דער פֿאָטער פֿאָר=
לײענען זײַן נײַע זאַך, און שאָלעם=אַלײכעם אַלײן האָט
זיך פֿיבעריש גענומען גרײטן צו דער פֿאָרלעזונג, װי צו
אַן עפֿנטלעכער „פּרעמיערע“: זיך אַרומגערינגלט מיט זײַן
גאַנצן שרײַבגעצײַג, געלײענט און געמעקט און אַרײַנגע=
שריבן אין דעם נײַעם מאַנוסקריפּט, פֿלינק געקלעפּט נײַע
בלעטלעך, געטראַכט, געביסן די נעגל, װידער געמעקט
און װידער געשריבן.

און אָט איז שױן אָװנט. די פֿאַמיליע איז שױן אַרום
טיש אין גרױסער דערװאַרטונג. די נײַגעריקע קוקן אַרײַן
דורך דער אָפֿענער טיר צום פֿאָטערס שרײַבטיש. און
שאָלעם=אַלײכעם איז נאָך אַלץ פֿאַרטיפֿט אין דער אַר=
בעט. ער „מײַסטרעװעט“ עפּעס אין זײַן װינקל מיט
טינט=און=פּעדער, מיט שער און קלעפּ=פּאַפּיר, מיט פֿלעש=
לעך גומיראַביק, און דאָס פּאָנעם איז בײַ אים אַזױ סױ=
דעסדיק=קאָנצענטרירט, װי בײַ אַן אינזשעניער און דער=
פֿינדער, װאָס טאַפּט אױס און פֿאַרשרױפֿט צום לעצטן

מאָל די שרײַפֿלעך פֿון זײַן דערפֿינדונג, איידער ער גייט זי דעמאָנסטרירן פֿארן װאַרטנדיקן געקליבענעם פּובליקום.

— פּאַפּאַ, פֿאַרטיק? — פֿרעגט אַן אומגעדולדיק קינד פֿונעם טיש, צו אויפֿמונטערן דעם פֿאָטער און באַװײַזן אים, אַז די נײַגעריקײַט איז גװאַלדיק גרויס.

— פֿאַרטיק! — לאָזט זיך הערן פֿון צװייטן ביידער שאָלעם־אַליינעמס יונג מונטער קאָל, און באַלד באַװײַזט ער זיך פֿאַר זײַן אייגענער אאודיטאָריע מיט פֿלינקע באַװעגונגען, מיט בליצנדיק־שמייכלענדיקע ברילן, מיט אַ פֿריש־געקלעפּטן „אָנגעשװאָלענעם״ מאַנוסקריפּט אין האַנט...

אויב די זאַך איז געװען איינס פֿון זײַנע באַליבטע װערק, אשטייגער, טעװיע דעם מילכיקנס אַ מײַסע, — פֿלעגט שאָלעם־אַליינעם צו דער ערשטער היימישער פֿאַר־לעזונג זיך אָנטאָן יאָנטעװדיק.

דער קישעניעװער פּאָגראָם

נאָך אַ סיסטעמאַטיש־דורכגעפֿירטער צוגרייטונג מיצאַד דעם צאַריזם איז אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם אין דער שטאָט קישעניעװ אין בעסאַראַביע. דאָס איז געװען דעם 6־טן אַפּרעל פֿון יאָר 1903. דרײַ טעג נאָכאַנאַנד האָט געדױ־ערט אַ שװידערהאַפֿטע שכיטע פֿון דער שוצלאָזער ייִדי־שער באַפֿעלקערונג. דרײַ טעג נאָכאַנאַנד איז דער ברוק פֿון

די קישעניעווער גאסנ באגאסנ געוואָרנ מיט מענטשלעכ בלוט. גאנצע מאכנעס שיקערע כוליגאנעס האָבנ זיכ געיאָגט נאָכ יידנ, זיכ געיאָגט מיט אײַזערנע לאָמענ, מיט העק, מיט מעסערס אונ מיט אנדערע מיניום געווער.

די גאנצע צײַט פונ פּאָגראָמ איז די פּאָליציי געשטאנענ אונ האָט מיטגעהאָלפנ די מערדער אונ רויבער. די שטאָט קישעניעוו האָט זיכ פארוואנדלט אינ א כאָרעווער שטאָט, גלײַכ ווי נאָכ אנ אָנגריפ פונ א מילכאָמע-סוינע. אונ נאָכ די דרײַ טעג פונ דער שכיטע האָט מענ געפונענ איבער פופציק געהארגעטע, באַ הונדערט שווער פארווּנדעטע, ביז פינפ הונדערט פארהעלטניסמעסיק גרינג פארווּנדעטע; טויזנט פינפ הונדערט הײַזער אונ קראָמענ זײַנענ צעשטערט אונ צעראבירט געוואָרנ.

געליטנ האָבנ אָבער מער פונ אלעמענ די אָרעמסטע טײלנ פונ דער יידישער באפעלקערונג. די רײַכע האָבנ געקראָגנ א מיטל: זיי האָבנ אונטערגעקויפט די פּאָליציי, אונ זי האָט זיי אויסגעהיט.

די בעסטע טײלנ פונ דער רוסישער געזעלשאפט האָבנ זיכ מיט שוידער אָפּגעקערט פונעמ פּאָגראָמ. מאקסימ גאָרקי האָט אָרגאניזירט א ספּעציעלע אויסגאבע, אינ וועלכער עס האָבנ גענומענ אנ אָנטײל די פּאָרגעשריטענע רוסישע שרײַבער.

די דאָזיקע שוידערהאפטע געשעעניש האָט ארויסגערופנ אפ די שפּאלטנ פונ דער יידישער בורזשואזער פרעסע

שאָוויניסטישע אָנפאַלן און זילזולים אויפן רוסישן פאָלק. די בורזשואזע פּובליציסטן און שרײַבער האָבן געהעצט די אָפּגעשטאַנענע ייִדישע מאַסן קעגן דער גאַנצער ניט־ייִדי־שער וועלט, אָנגעפאַלן אויף די ייִדן רעוואָלוציאָנערן און באַגאָסן זיי מיט גאַנצע עמערס שמוץ.

שאָלעם־אַלייכעם איז געווען פון די ייִדישע שרײַבער, וואָס האָבן זיך געסטאַרעט דורך זייערע ווערק אויפצו־קלערן די ייִדישע פאָלקס־מאַסן, אַז אין צאַרישן רוסלאַנד זײַנען אונטערגעדריקט ניט בלויז די ייִדישע פאָלקס־מאַסן, נאָר אויך אַלע פעלקער אין לאַנד.

שאָלעם־אַלייכעם איז דערמיט ניט אַרײַנגעפאַלן אין אַ פינצטערן טהאָם פון פּעסימיזם, ער האָט געוועקט דעם מוט פון די ייִדישע פאָלקס־מאַסן און האָט זיך שטענדיק געסטאַרעט צו דערווײַזן אין זײַנע ווערק, אַז דאָס רוסי־שע האָרעפּאַשנע פאָלק און אַלע איבעריקע האָרעפּאַשנע פעלקער זײַנען פרײַנט דעם ייִדישן האָרעפּאַשנעם פאָלק און זײַנען שטענדיק גרייט צו העלפן אים אין קאַמף קעגן צאַריזם פאַר פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער באַפרײַונג.

שאָלעם־אַלייכעם זעצט דערמיט פאָר צו שרײַבן זײַנע „מײַסעס פאַר ייִדישע קינדער“. אין „גרינס אויף שוועס“ דערציילט שאָלעם־אַלייכעם וועגן דער פרײַנטשאַפט פון דער ייִדישער און ניט־ייִדישער אָרעמשאַפט. אין „קאַפּאָ־רעס“ רופט שאָלעם־אַלייכעם אין אַן אַלעגאָרישער פאָרם די ייִדישע באַפעלקערונג צו קעמפן קעגן די פּאָגראָמען.

שאָלעם־אַלייכעם פאַרפירט דעמלט א קאָרעספּאָנדענץ מיט די פּאָרגעשריטנסטע רוסישע שרײַבער, ווי לעוו טאָל־סטאָי, טשעכאָוו, קאָראָלענקאָ, גאָרקי. ער נעמט זיך דעמלט צוזאַמענשטעלן א זאַמלבוך לטובֿת די געליטענע פון קישעניעווער פּאָגראָם. „הילף“ הייסט דער זאַמלבוך. דער זעלביקער נאָמען, ווי דער זאַמלבוך — „פּאָמאָשטש“, וועלכן ס'האָט צוליב דעם זעלביקן צוועק ארויסגעגעבן אין רוסיש מאַקסים גאָרקי. שאָלעם־אַלייכעם קלײַבט מאַטע־ריאַל פאַר דעם זאַמלבוך בײַ די רוסישע שרײַבער.

אַלע דערמאָנטע גרויסע רוסישע שרײַבער האָבן זיך באַלד אָפּגערופן אױף שאָלעם־אַלייכעמס ווענדונג און האָבן אים צוגעשיקט מאַטעריאַלן פאַרן זאַמלבוך. רירנדיק איז דער הינזיכט איז דער בריוו פון אַנטאָן פּאַוולאָוויטש טשע־כאָוו צו שאָלעם־אַלייכעמען.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע יאָר פון טשעכאָווס לעבן. עס האָט אים געמאַטערט א שווערע קרענק, אָבער ער האָט באַלד געענטפערט שאָלעם־אַלייכעמען, אַז איבער זײַן קרענק קאָן ער זיך ניט נעמען פאַר דער טעמע, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט אים פאָרגעלייגט, ער בעט דערי־בער שאָלעם־אַלייכעמען, ער זאָל אויסקלײַבן א דערציילונג פון זײַנע געדרוקטע ווערק, איבערזעצן זי אויף ייִדיש, און דאָס וועט אים, טשעכאָוון, פאַרשאַפן פיל פרייד אין דער שווערער צײַט. די מאַטעריאַלן פון די רוסישע שרײַבער זעצט שאָלעם־אַלייכעם אַליין איבער.

אינ קיִעווער ארכיוו פונ זשאנדארמענ=פארוואלטונג געפינענ מיר א „דיעלאָ“ וועגנ שאָלעמ=אלייכעמענ, וועגנ זײַנ דעמלטיקער קאָרעספּאָנדענצ מיט ל. טאָלסטאָי. פונ דאָרטנ דערוויסנ מיר זיכ, אז די זשאנדארמעריע האָט אײַנגעשטעלט א נאָכשפּירונג נאָכ שאָלעמ=אלייכעמענ.

אינ יאָר 1903 האָבנ זיכ שאָלעמ=אלייכעמס ליטערארישע פרײַנט געקליבנ צו פײַערנ זײַנ צוואנציקיאָריקנ יובילײ. אָבער די בלוטיקע געשעענישנ אינעמ געוועזענעמ ייִדישנ טכומ האָבנ אָפּגערוקט די פײַערונג. אינ צוזאמענהאנג מיט דער יובילײ=דאטע האָט דער רעדאקטאָר פונ „ייִדישער פאָלקסצײַטונג“ מ. ספּעקטאָר ארויסגעגעבנ אלס א בײַלאגע צו זײַנ צײַטונג שאָלעמ=אלייכעמס ווערק.

קאפיטל נײַן

גאָרקי און שאָלעם־אַלייכעם

עס דערנענטערט זיך דאָס יאָר 1905. אין יעדער שטאָט, אין יעדן שטעטל טרעטן ארויס די ארבעטער און האַרעפּאַשניקעס קעגן זייערע עקספּלואַטאַטאָרן און קעגן דעם צאַריזם. עס קומען פאָר דעמאָנסטראַציעס פון ארבע־טער אין די גאַסן. דאָס צארישע מיליטער שיסט אין די ארבעטער. אַלץ אָפטער און אָפטער קומען פאָר פּויערים־אויפשטאַנדן אין די דערפער.

שאָלעם־אַלייכעם דרוקט דעמאלט זיין נאָוועלע „לאַטקעס שעל חאַנוקע“, וווּ עס איז צו זען די ווירקונג פונעם רע־וואָליוציאָנערן אויפברויז אין לאַנד. שאָלעם־אַלייכעם טרעט דאָרטן ארויס קעגן דער פינצטערער אָפּגעשטאַנענקייט פון דער ייִדישער אָרעמשאַפט. ער שילדערט, וויאַזוי א גאַנץ שטעטל איז פארשקלאַפט בא איין פאַמיליע נגידים, וועלכע מע רופט דער „הויף“. עס קומט חאַנוקע, און דער הויף, וועלכער זויגט א גאַנץ יאָר דעם בלוט פון די

ייִדישע פאָלקס-מאסנ, רופט דאָס שטעטל אפ לאטקעס. אונ דאָס שטעטל ווינטשעוועט דעמ הויפ:

— א גוטע-נאכט, אונ א גוטנ-יאָנטעוו, אונ א גוטנ-טאָמעד, אונ זײַט געזונט, אונ דערלעבט איבעראיאָר מיט אײַערע ווײַב-אונ-קינדער, אונ איר זאָלט זײַנ נאָכ רײַכער, אונ איר זאָלט האָבנ פיל נאכעס, אונ מיר זאָלנ אלעמאָל גייִנ צו אײַכ אפ סימכעס!

אונ דער „הויפ“ זיצט אונ הערט אויס די ווינטשעוואניעס גאנצ קאלטבלוטיק אונ ענטפערט אייִנעמ איבערנצענטנ:

— גאמ-אטעמ! גאמ-אטעמ!

אונ די שטאָט שטופט זיכ צומ „הויפ“, הערט ניט אופ צו ווינטשעווענ, אלע אפ אייִנ שניט, אלע מיט אייִנ נעשאָמע, אונ קייִנעמ פאלט ניט אײַנ אפ דער מאכשאָווע, ער זאָל איבערבײַטנ די ווינטשעוואניע אָט אזוי, לעמאָשל:

— א גוטע-נאכט, אונ א גוטנ-יאָנטעוו, אונ א גוטנ-טאָמעד, אונ לאָמיר אויכ זײַנ געזונט, אונ לאָמיר אויכ דערלעבנ איבעראיאָר מיט אונדזערע ווײַב-אונ-קינדער, אונ לאָמיר זײַנ רײַכער פונ אײַכ, אונ לאָמיר אויכ האָבנ נאכעס, אונ גייט איר צו אונדז אפ סימכעס!..

שאָלעמ-אלייכעמ ווערט ניט מיד צו באהאנדלענ אינ זײַנע ווערק די טראגישע לאגע פונ די ייִדישע פאָלקס-מאסנ דעמלט. ער ווערט אויכ ניט מיד אופצוקלערנ די ייִדישע פאָלקס-מאסנ, אז ס'איז פאראנ אויכ א גרויס רו-

סיש פאָלק, וואָס לעבט אויכ טראגיש אונטערנ יאָכ פונעמ צאריזמ.

שאָלעמ=אלייכעמ באזוכט דעמ עלטסטנ יידישנ צענטער אינעמ צארישנ רוסלאנד — ווילנע. „איכ בינ געווענ טאָג ווי נאכט אינ דער ארבעט. איכ בינ אויסגעווענ אלע מיזנלעכער, כ'האָב מיכ אָנגעזאפט ווי א שוואָמ מיט דעמ עמעסנ יידישנ האלעמ. אינ צענ יאָר וואָלט איכ ניט געזענ בא אונדז דאָס, וואָס כ'האָב געזענ דאָרט אינ צענ טעג“.

דאָס איז געווענ אינ די לעצטע כאדאָשימ פונ יאָר 1904. שאָלעמ=אלייכעמ באזוכט דעמלט פעטערבורג. ער פאָרט אהינ, קעדיי צו קריגנ בא דער צארישער מאכט א דערלויבעניש צו עפענענ א יידישע צייטונג. ער האָט אָבער נאָכ א ציל: ער ווייסט דאָכ, אז אינ פעטערבורג וועט ער קענענ טרעפנ אָט דעמ רוסישנ שריפטשטעלער, מיט וועלכנ ער פירט שוינ עטלעכע יאָר א קאָרעספאָנדענצ אונ וועמענ עס האָט אזוי געקרענקט די ביטערע לאגע פונ די רעכטלאָזיקע יידישע פאָלקס=מאסנ. ער וויל אימ זענ, ער וויל זיכ מיט אימ דורכריידנ, מיט מאקסימ גאָרקי. שאָלעמ=אלייכעמ פילט, ס'איז אימ ענג, ער וויל זיכ דורכריידנ מיט גאָרקינ: עפשער וועט אימ גרינגער ווערנ בייצוקומענ „אָט די אלע טעמעס, וואָס יאָגנ אימ אצינד אזוי נאָכ, פונקט ווי קיינמאָל ניט“.

דאָס איז געווענ דעמ 14=טנ נאָיאבער פונ יאָר 1904. שאָלעמ=אלייכעמ האָט זיכ דערוווּסט, אז גאָרקי איז געקו=

מענ קיינ פעטערבורג. מאָרגנ, דעמ 15=טנ, וועט ער צו איִמ גייִנ. ער האָט זיכ שוינ וועגנ דעמ אופגערעדט. אונ א גאנצנ אָוונט פונעמ 14=טנ נאָיאבער אונ דעמ גאנצנ אינדערפרי פונעמ 15=טנ נאָיאבער זײַנענ פאר שאָלעמ=אלייכעמענ געשטאנענ די בילדער, וואָס ער האָט געזענ אינ די ווילנער גאסנ:

אנ אויסגעדייווערט פערדל פירט א וועגל, וואָס ווערט אָנגעטריבנ פונ צוויי אויסגעדארטע, אופגעהאָרבעטע ייִדנ מיט בערד. אונ עפעס א שרעק אונ א צאָרנ דריקט אויפ זייער פּאָנעמ. דאָס פירנ זיי א באוועגלעכע „וואָלוועלקיכ" פאר די הונגעריקע ארבעטלאָזיקע. א האמוינ אויסגעבלייבטע, אינ שמאטעס געקליידטע מענער אונ פרויענ יאָגנ נאָכ דאָס פערדעלע, וואָס ווערט אָנגעטריבנ פונ די צוויי אופגעהאָרבעטע ייִדנ. אָט שטעלנ זיי זיכ אָפּ, נעמענ אראָפּ די שמאטעס פונ די בלעכענע עמער, אונ עס ווערנ אויסגעשטרעקט הענט מיט ליידיקע קענדלעכ.

אונ מיטאמאָל, דער האמוינ גיט זיכ א וואָרפ אָנ צוריק, מע לאָזט זיכ לויפנ פונ וועגעלע... ארומגערינגלט פונ א גרופּע מענטשנ, ליגט א געכאלעשטע פרוי אפ דער ערד, אונ א צווייטע פרוי לעבנ איר ברעכט די הענט אונ שרײַט מיט א וויינענדיק קאָל:

— א כידעש א ביסל, אז ס'איז שוינ ווער ווייסט וויפל וואָכנ, אז קיינ בולבע איז ניטאָ אפ צו אמבאיענ די נעשאָמע.



שאָלעם-אַליכעם אין פּעטערבורג (1904)

עלף אזייגער אינדערפרי איז שאָלעם-אַלייכעם שוינ געווענ בא מאקסים גאָרקי. ער האָט גאָר ניט באמערקט, ווי אזוי עס איז אריבערגעגאנגענ א שאָ צייַט פונ זייער שמועס. אונ שטארק איז געווענ דער איינדרוק פונעם דאָזיקנ שמועס מיט גאָרקינ אפ שאָלעם-אַלייכעמענ. אינ איינ טאָג האָט ער געשריבנ צוויי בריוו זייַנע קינדער וועגנ גאָרקינ.

„הייַנט האָב איכ אייַכ אַלעמענ געשריבנ וועגנ מייַנ ערשטנ וויזיט בא מאקסים גאָרקי, וועלכער האָט מיכ אופגענומענ העכסט פרייַנטלעכ, ריינ-כאוועריש אונ האָט מיכ באצויבערט".

„ליבע קינדער, — שרייַבט שאָלעם-אַלייכעם אינ דעמ צווייטנ בריוו, — איכ שרייַב אייַכ אַלעמענ אונטערנ פרישנ איינדרוק פונ מייַנ ערשטנ וויזיט באמ קומיר פונ אונדזערע טעג, דעמ באהערשער פונ געדאנקענ מאקסים גאָרקי. ער האָט מיכ אופגענומענ העכסט כאוועריש.

עס איז אוועק בא אונדז א געשפּרעכ וועגנ איניאָנים פונ ליטעראטור, פונ דער אַלגעמיינער אונ פונ דער ייִדישער, אונ, כ'לעבנ, כ'האָב מיכ אפילע ניט אומגעקוקט, ווי עס איז אוועק בא אונדז א שאָ... ער האָט געבעטנ אריינקומענ צו אימ גאנצ פּאָשעט".

„ער האָט אַליינ גענומענ אפ זיכ באקענענ מיכ מיט די בעסטע פאָרשטייער פונ דער פרעסע... זייַנ אויפירנג איז גאָר ניט דאָס, וואָס מיר האָבנ זיכ פאָרגעשטעלט. אנ אינטערעסאנטער... מיט א גוטנ, אָפענעמ, ריינעמ פּאָנעמ

און מיט א ברייטער נאָז, אליין א הויכער, א געזונטער (גאָר ניט קיין קראנקער), א ווייכער, כאָטש א ביסל א קאנטיקער, אין א בלוזע, פארשטייט זיך, און אין הויכע שטיוול".

אין דער גאנצער ווײַטערדיקער ליטעראַרישער טעטיקייט זײַנער האָט שאָלעם־אליינכעם שטענדיק געזוכט די פּרײַנט־שאפט פון גאָרקין. און ווער האָט נאָך אין אונדזער ליטע־ראטור אזוי ליב געהאט דעם מענטשן פון אונדזער פאָלקס־מאסע, ווי שאָלעם־אליינכעם, וועלכער האָט „געזוכט צו געפינען דאָס ליכטיקע געשטאלט פונעם מענטשן מיט אלע זײַנע פריידן, ליידן און שטרעבונגען". און דאָס איז געווען דער שטריך אין שאָלעם־אליינכעמען, וואָס האָט אים דער־נעענטערט צו גאָרקין.

אויך גאָרקי האָט הויך געשטעלט שאָלעם־אליינכעמס טאלאנט און האָט זיך באצויגן מיט דער גרעסטער ליבע צו זײַן שאפן. אין יאָר 1910, ווען עס האָבן אָנגעהויבן ארויסצוגיין שאָלעם־אליינכעמס ווערק אין רוסיש, האָט גאָרקי אזוי געשריבן וועגן „מאָטל פייסי דעם חזנס" צו שאָלעם־אליינכעמען:

„הארציק געאכטער מיטברודער!

אײַער בוך באקומען, איבערגעלייענט, געלאכט און גע־וויינט — א וואונדערלעך בוך! די איבערזעצונג, דוכט מיר, איז געמאכט געשיקט און מיט ליבע צום אווטאָר, כאָטש

ערטערוויז פילט זיך, אז אפ רוסיש איז שווער איבערצו-
געבן דעם טרויעריקן און הארציקן הומאָר פונעם אָריגי-
נאַל. איך זאָג — עס פילט זיך.

דאָס בוך געפעלט מיר שטארק — איך זאָג נאָכאמאָל—
אַן אויסגעצייכנט בוך!

עס שטראָמט פון אים דורכויס אזא ווילע, עכטע און
קלוגע ליבע צום פאָלק, און דער דאָזיקער געפיל איז אזוי
זעלטן אין אונדזערע טעג.

איך דריק פעסט די האנט.

מ. גאָרקי".

דער 9־טער יאנואר

מאכנועס ארבעטלאָזיקע האָבן זיך געשטופט צו זאוואָ-
דישע טויערן און געוואַרט אפ ארבעט. יעדן טאָג קימאַט
פלעגט אויסקומען דער פּאָליציי צו צעטרייבן אָט די דאָ-
זיקע פארצווייפלטע מענטשן, וואָס האָבן זיך הונגעריקע
און דערצאָרנטע געשלעפּט איבער די גאסן אין אָפּגערי-
סענע, אָפּגעשליסענע שמאטעס. די מילכאָמע מיט יאפּאָ-
ניע, וואָס דער צאר האָט דורך איר געמיינט אונטערצו-
רייסן די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג, האָט איבער דער גי-
שטיקער אָנפירונג פון ד' צארישע גענעראלן געפירט פון
איין מאפּאָלע צו א צווייטער. דער הונגער־טויט טראָגט
זיך איבער שטאָט און דאָרף. די ארבעטער שטרייקן, דער
פּראָוואָקאטאָר דער גאַלעך גאפּאָן רעדט איין די פּעטער-

בורגער ארבעטער, זיי זאָלן גיין בעטן באַם צאַר און זאָלן אים שרײַבן אַ פּעטיציע.

און דעם 9־טן יאַנוואַר פון יאָר 1905 איז אַ האַמוין פון הונדערט פערציק טויזנט מענטשן — ארבעטער מיט זייערע פרויען און קינדער — אַוועק צום ווינטער־פּאַלאַץ. זיי זײַנען געגאַנגען אומבאַוואָפנטע, און מע האָט זיי באַגעגנט מיט אַ שיסערײַ. די פּעטערבורגער גאַסן זײַנען פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט. פאַר אַלעמען איז קלאָר געוואָרן, אַז מע טאָר ניט גלייבן דעם צאַר און זײַנע דינער. איבער אָוונט פונעם זעלביקן טאָג האָבן די ארבעטער געגומען בויען באַריקאַדעס אין די גאַסן. אויף די באַריקאַדעס האָבן געפלאַטערט רויטע פאָנען.

אַ שווערן אײַנדרוק האָט אָט די דאָזיקע געשעעניש געמאַכט אויף שאָלעם־עליכעמען. ער גיט איר אָפּ אַ באַזונדער־האַרציקן קאַפּיטל אונטערן נאָמען „דער בלוטיקער זונטיק“ אין זײַן ראָמאַן „דער מאַבל“, וווּ שאָלעם־עליכעם האָט געפּרוּווט צו שילדערן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר אַ בעסערער צוקונפט.

באַלד נאָכן 9־טן יאַנוואַר שרײַבט שאָלעם־עליכעם אָן אַ כוואַליעקדיק לידל אויפן צאַר און אויף זײַן רעגירונג און פאַרשפּרייט עס צווישן די ייִדישע ארבעטער. און אין די ארבעטער־וווינונגען, אויף דעמאָנסטראַציעס האָט צוגלײַך מיט דער ארבעטער־מאַרסעליעזע, מיט דער וואַרשאַוויאַנקע אויך געקלונגען די פאָלגנדיקע ליד פון שאָלעם־עליכעם:

שלאָף, אליעקסע, יווירעש פּײַנער,
ליכטיקער פּארשווינ!
שלאָף, בעניאָכיד, קאדעש מײַנער!
שלאָף זשע, שלאָף, ניט וויינ!
זאָלסט מיר וואקסנ, זײַנ א גרויסער,
האָבנ קאסעס געלט,
שטעט אונ דערפער, זײַנ א קייסער
איינער אינ דער וועלט.

ווערסט מיר זײַנ א גרויסער כאָכעם,
קליגער נאָך פונ מיר,
אונ א מיילעכ שעבעמלאָכים
מיט א לאנד סיביר.
ווערסט אימירצעשעם פּארמאָגנ
רענטעס פולע זעק,
אונ פּיל שענקענ מיט אָסטראָגנ,
קלויסטערס אָנ אנ עק.

אונ זשאנדארמענ מיט קאזאקנ,
שאָמרים בא דער טיר,
די, וואָס קענענ בראָקנ, האקנ,
שמײַסנ אָנ א שיר.

. . . .

. . . .

צאָלן װעסטו קאָנטריבוציע,
שטילער! מאַך אַ שװײַג!
זאָג זײ צו אַ קאָנסטיטוציע —
ג׳שטעל זײ אױס אַ פײַג.

לאָזן פּלאַפּלען סאָציאַליסטן,
מײנען סט׳עפּעס זײַן,
לאָזן שיטן אַנאַרכיסטן,
װיפל ס׳װעט אַרײַן.

װעסט אין ספּאַניע זיך פֿאַרשליסן,
פּונקט װי איך אַצינד,
לאָז דאָרט טרערן, בלוט זיך גיסן —
דו זאָלסט זײַן געזונט.

לאָזן האַװקען די גאַזעטן,
שרײַען אַף די צײַן,
פּובליציסטן און פּאָעטן
לאָזן זינגען שײן.

לאָזן באָמבעס דאָרט זיך רײַסן,
ס׳איז שױן ניט קײן נײַס;
מ׳עט זײ כאַפּן, מ׳עט זײ שמײַסן,
הענגען אײנציקװײַז.

65—20

פֿראַנ פּאָליציע פּ'אַלע עקנ,
סישטשיקעס א סאַכ,
פּראַנ א קאַנטשיק, פּראַנ א שטעקנ,
פּראַנ א גוטע זאַכ,

וואָס מע רופט עס אָנ „קראַמאָלאַ
גיעזיבליעמיב אָסנאָוו"...
שלאָפּ, אליעקסע, ס'איכ, ניקאָלאַ, —
כ'לידל נעמט א סאָפּ.

און נאָכ פיל אַלעגאָרישע נאָוועלנ האָט שאָלעמ-אַלייכעמ אָנגעשריבנ אינ יענעמ יאָר: „דאָס נײַ-געבוירענע", וווּ ער לאַכט אויס די צארישע קאָנסטיטוציע, און „דער פעטער פיניע און די מומע רייזע", וווּ שאָלעמ-אַלייכעמ שפּעט אויס די קולטורעלע און טעכנישע אָפּגעשטאַנענקײט פונעם צארישנ רוסלאַנד און די צווישנפעלקערלעכע בורזשואזע דיפּלאָמאַטיע.

טעאַטער-פּלענער

איצט האָט דאָכ „יוויכנענע דער שוסטער" אופגעוואַכט, אָט דער אלטער באַקאַנטער שאָלעמ-אַלייכעמס, ווענ וועלכנ עס פּלעגנ אים אזוי דערמאָנענ די בורזשואַז-נאַציאָנאַליס-טישע פעליעטאָניסטנ אינ „האַמײליץ" און „פּאָלקסבלאַט".
די געשעענישנ פונ 1905 האָבנ שאָלעמ-אַלייכעמענ גע-

שטויסנ צו זוכנ א מעגלעכקייט, וואָזוי אופווירקנ אמשטאַרקסטנ אפ דער מאסע. ער ווענדט זיכ צומ זשאנר, וועלכנ ער האָט נאָכ באנוצט אינ די ערשטע יאָרנ פונ זיינ ליטעראַרישער טעטיקייט. דאָס איז דער דראמאטישער זשאנר.

דער טעאטער — דאָס איז א מעכטיק געווער אפ אופצוקלערנ די מאסנ. א יונגער ייִדישער שרייבער האָט איבערגעזעצט שאָלעמ=אלייכעמס דראמע „צעזייט אונ צעשפרייט“ אינ פויליש, אונ די דראמע איז אופגעפירט געוואָרנ אפ דער וואַרשעווער בינע אינ פרילינג פונ יאָר 1905. די דאָזיקע פאָרשטעלונג האָט צוגעצויגנ מאסנ צושויער. אונ שאָלעמ=אלייכעמ באקומט אזא באגריסונגס=טעלעגראמע:

„באמ דערשיינענ צומ ערשטנ מאָל אפ דער בינע פונ דיינ שאפונג, אינ וועלכער דו האָסט מייסטערהאפט געשילדערט דעמ פאנאנדערפאל פונ דער היינטיקער ייִדישער פאמיליע אונ דאָס שימערנ אינ איר פונ די נייסטע שטרעבונגענ צו א נייעמ ייִדישנ לעבנ, שיקנ מיר אונדזער הייסע באגריסונג צו אונדזער באליבטנ פאָלקס=שרייבער שאָלעמ=אלייכעמ“.

אפ דער צווייטער פאָרשטעלונג פונ „צעזייט אונ צעשפרייט“ איז בייגעווענ אויכ שאָלעמ=אלייכעמ. אונ שאָלעמ=אלייכעמ דערציילט וועגנ דעמ אזוי:

„אזעלכעס האָב איכ ניט געזענ אפילע אינ מיינ שריי=

בערישער פאנטאזיע. נאָכנ ערשטנ אקט האָט מענ מיכ (בוכשטעבלעכ) פארשאָטנ מיט בלומענ. דערנאָכ, נאָכ יעדנ אקט, האָט מענ מיכ וויפל מאָל ארויסגערופנ. באמ פערטנ אקט איז דאָס פובליקומ פּאָשעט ארויס פונ די קיילימ, האָט אפּלאָדירט יעדער פראזע, וואָס האָט אויסגעדריקט וועלכע-עס-איז שייכעס מיט דער אידייע פונ דער פּיעסע. אונ נאָכנ שלומ האָבנ גענומענ פליענ היטלענ. אונ עפּעס א ווילדע עלעמענטארע קראפט האָט זיכ צו מיר געריסנ ווי איינצושלינגענ מיכ. פאר איינ מאָמענט האָב איכ גע-מיינט, אז דאָס טעאטער פאלט איינ. איכ האָב מוירע גע-האט פאר דעמאָנסטראציעס".

נאָכ א גרעסערע קראפט האָט זיכ געריסנ ארייַנצוגעמענ אינ זיכ דעמ פאָלקס-שרייבער אויסער די ווענט פונ טעא-טער. דאָס זיינענ געווענ די טויזנטער ארבעטנדיקע, וואָס זיינענ געשטאנענ אפ דער גאס לעבנ טעאטער, האָבנ מיט אומגעדולד געווארט אפנ אווטאָר, געזונגענ מיט באגייסטע-רונג זיינ בארימטע „וויג-ליד“ אונ זיינ נאָרוואָס פארפאסטנ פאמפלעט קעגנ דעמ צאר ניקאָלייַ „שלאָפּ, אליעקסע“. די דאָזיקע אָוואציעס האָבנ ביז גאָר איבערגעשראָקנ די פּאָ-ליציי.

איצט האָט זיכ שאָלעמ-אליכעמ אינגאנצנ איבערצייגט אינ דער מעכטיקייט פונ זיינ קינסטלעריש וואָרט. שאָ-לעמ-אליכעמ נעמט זיכ איניינעמ מיט פאָרגעשריטענע אק-טיאָרנ צו בויענ א יידישנ קונסט-טעאטער.

אונ אינ יונ פונ יאָר 1905 שליסט שאָלעמ-אַליכעמ אַנ אָפּמאַכ מיט דער דירעקציע פונעמ ייִדישנ טעאַטער ספּיוואַקאָווסקי אונ אַדלער. ער ווערט דער ליטעראַרישער לייטער פונ זייער טעאַטער. ער אַרבעט איבער זײַנע פּיעסנ, רעדאַגירט אויכ פרעמדע.

אָבער ניט לאַנג האָט געדויערט שאָלעמ-אַליכעמס פרייד. דער צאַריזמ אונ זײַנע אַגענטנ שלאָפנ ניט. זיי שמעקנ, זיי נישטערנ אַרומ שאָלעמ-אַליכעמענ. צו גרויס איז זײַנ פּאָפּולאַריטעט צווישנ די ייִדישע מאַסנ.

דעמ 20-טנ סענטיאַבער פונ יאָר 1905 שרײַבט דער אָדעסער ייִדישער צענזאָר אינ צענזור-קאָמיטעט:

„.....איכ מאַכ אײַכ אויפמערקזאַמ אַפ דער ידיעה אינ דעמ הײַנטיקנ נומער פונ „אָדעססקיע נאָוואָסטי“, אַז ספּיוואַקאָווסקיס ייִדיש-דײַטשישע טרופּע, וואָס קומט באַלד צו פאָרנ, קלײַבט זיכ שטעלנ שאָלעמ-אַליכעמס פּיעסעס, וואָס זײַנענ ניט ווינציקער טענדענציעז פונ זײַנ דערציילונג „פּעטער פיניע“. איכ נעמ זיכ דעריבער די מוט אַרויסצוזאָגנ מײַנ מיינונג, אַז כ'וואָלט ווינטשנסווערט געווענ אָנצונעמענ מיטלענ, קעדיי די פּיעסנ זאָלנ באַזײַטיקט ווערנ פונעמ רעפּערטואַר אונ כ'זאָל ניט דערלאָזט ווערנ זייער פּראָקלאַמירונג אינ אַפישנ אונ אַנאָנסנ“.

אונ שאָלעמ-אַליכעמס פּלענער וועגנ א ייִדישנ קינסטלערישנ טעאַטער זײַנענ צונישט געוואָרנ.

אינ האָטעל „אימפּערי:אל״

קי:עוו 1905. פונ 18-טנ ביז 21-טנ אָקטיאבער.

דרײַ טעג נאָכאנאנד, אז שאָלעמ-אלײכעמ אונ זײַנ פאַמיליע געפינענ זיכ ניט אפ זײער שטענדיקער דירע. זײ זײַנענ אװעק פונ דאָרטנ. נײנ, זײ זײַנענ אנטלאָפנ ראטעװענ זיכ, ראטעװענ דאָס לעבנ זײערס. אונ שױנ דרײַ טעג, אז שאָלעמ-אלײכעמ אונ זײַנ פאמיליע זיצנ אינ האָטעל „אימפּערי:אל״. זײ זײַנענ ניט אלײנ. מיט זײ זײַנענ נאָכ הונדערטער פאמיליעס. אלע אופגעשטיקטע אײנע צו די אנדערע, צעשראָקענע, טוליענ זײ זיכ אײנע לעבנ די אנדערע. זײ באהאלטנ זיכ פונעמ טויט, װאָס בושעװעט שױנ דרײַ טעג איבער קי:עװ דער שטאָט. עס טראָגנ אימ, דעמ טויט, גאנצע כאָפּטעס כוליגאנעס, פּאָליציי. זײ גײענ מיט א װילדנ געזאנג, באגלײט מיט שיקערע אויסגעשרײענ פונ הורא. אפ פיל גאסנ האָבנ שױנ די פּאָגראָמשטשיקעס דערהארגעט ניט אײנ מאמע, ניט אײנ טאטנ, ניט אײנ קינד פונ דער פרידלעכער באפעלקערונג, ניט אײנ רעװאָליוצי:אָנערנ ארבעטער אונ ארבעטנדיקנ.

מע האָט אונטערגעקויפט דעמ שװײצאר, װעלכער שטײט בא דער טיר פונעמ האָטעל „אימפּערי:אל״. ער האלט אנ איקאָנע אינ האנט אונ נארט אָפּ די פּאָגראָמשטשיקעס, אז דאָרטנ אינ האָטעל „אימפּערי:אל״ זיצנ לויטער גאָטספאָרכטיקע פרומע קריסטנ.

הינטער דעמ פענצטער „הערט זיכ א מיַוולאָניש געשריי און עס גייט א שיידיומ־טאַנצ. עס האָט זיכ אויסגעמישט אינײנעמ א פּיַפּנ, א הודזשענ, א קלאַפּנ, א ברעכנ, א יאָמער מיט א געלעכטער... מיט א הורא! און עס האָבנ זיכ אויסגעמישט פעדערנ מיט בלוט, מיט שערבלעכ, מיט האָר, מיט שטיקלעכ פּאַפּיר, מיט מארכ, מיט צעריסענע ספאָרימ, מיט צעגאָסענעמ וויַנ, א מאָדנער מיש־מאש פונ זאכנ“.

נאָכנ שוידערלעכנ פּאָגראָמ אינ קיעוו באשליסט שאָלעמ־אליכעמ פאָרנ קיינ אויסלאנד. ער וועט ארויסטרעטנ אפ גרויסע מיטינגענ און פּאַרזאמלונגענ אינ ניו־יאָרק, אינ פּאַריזש, אינ לאָנדאָנ. ער וועט זענ ווירקנ, אז אינ אויסלאנד זאָל מענ ניט געבנ קיינ הלוואָע דעמ בלוטיקנ צאריזמ.

ער איז אָבער געווענ געגנארט אינ די ראָטשילדס, אינ די מענדעלסאָנס, פּונקט ווי אייניקע זיַנע קאסרילעווקער געשטאלטנ. ער האָט אפ א רעגע געמיינט, אז אָט די פּעטע באנקירנ גייט אינדערעמעסנ אָנ דאָס בלוט פונ די יידישע פאָלקס־מאסנ, כאָטש ער אליינ האָט עס ניט איינ מאָל שארפ אָפּגעלייקנט אינ זיַנע ווערק.

עס האָט זיכ אימ געוואָלט, שאָלעמ־אליכעמענ, אז אינ אמעריקע זאָל מענ דורכנ טעאטער זענ דעמ העראָישנ קאמפ, וואָס עס פירנ די פעלקער פאר זייער באפריַונג אינ רוסלאנד. און ער האָט אָנגעשריבנ פארנ טעאטער די

דראמע „דער לעצטער קאָרבן, אָדער די בלוטיקע טעג“. צווישן די פּערזאָנען פון דער פּיעסע „די בלוטיקע טעג“ איז שאָלעם־אַליינעמען באַזונדערס ליב געווען יוויליק דראַטווע.

„זייער אַ דאַנקבאַרע ראָל פאַר אַ גוטן טראַגיקער, אַ יונגער שוסטער, אַ רעוואָלוציאָנער, — האָט שאָלעם־אַליינעם צו זיך אַ זאָג געטאָן, באַטראַכטנדיק אין קאָפּ אַלע פּאַרשוינען, — אידעאַל, באַוואָרנט אַלע אַקטיאָרן“.

און האָט עפּעס ווי פאַרשעמט זיך פאַר זײַן אייגענעם גרויסן טאַלאַנט און געזאָגט:

— ניט איך האָב באַוואָרנט, נאָר דאָס לעבן גופא האָט באַוואָרנט.

די צעבושעוועטע קאָנטררעוואָלוציע אין לאַנד האָט שאָלעם־אַליינעמען אַרײַנגעוואָרפן אין טרויער און אין פּאַרצווייפלונג. אין יענע טעג האָט שאָלעם־אַליינעם דער־זען דעם שאָטן פון זײַן אייגענעם טויט.

און שאָלעם־אַליינעם האָט אָנגעשריבן דאַן די באַקאַנ־טע עפּיטאַפיע פאַר זיין מאַצייווע:

געווען אַ ייִד אַ פּאָשעטער,
געשריבן אייוורע־טײַטש פאַר ווײַבער
און פאַרן פּראָסטן פאָלק האָט ער —
דאָ ליגט אַ זשאַרגאָניסט אַ שרײַבער.



פאַקסימיליע פון שלום-אַליכעמס עפּיטאַפּיע (ערשטער וואַריאַנט, 1905 י.)

דאָס גאַנצע לעבן אויסגעלאַכט,
געשלאָגן מיט דער וועלט קאַפּאָרעס.
די גאַנצע וועלט האָט גוט געמאַכט.—
אליין, אוי ווי, געוועז אָפּ צאָרעס!

און האָפּקע, ווען דער אוילעם האָט
געלאַכט, געקוועלט און פלעגט זיך פרייען,
האָט ער געוויינט — דאָס ווייסט נאָר גאָט —
בעסאָד, אַז קיינער זאָל ניט זעען...
שאָלעם-אַליי‌כעם.

אין וואַנדערונג

א גאַנצ יאָר האָט שאָלעם-אַליי‌כעם מיט זיין פאַמיליע געוואַנדערט איבער איירָאָפּע, פון נאָיאַבער 1905 ביז נאָיאַבער 1906. ער פאָרט אַרום איבער די שטעט און שטעטלעך פון גאַליציע, פון רומעניע. ער טרעט אַרויס אָפּ אָוונטן. ער לייענט פאָר זיינע ווערק. ווידער א נייער טריומף. נייע באַגעגענישן מיט די יידישע פאָלקס-מאַסן.

ער וואַנדערט אַרום איבער גאַליציע, דעמלט איינער פון די טראַנזיט-פונקטן פון דער עמיגראַציע פון די יידישע פאָלקס-מאַסן, וואָס האָבן איבערגעוואַנדערט פון רוסלאַנד קיין אַמעריקע. שאָלעם-אַליי‌כעם זעט זיי ווידער, די עלנטע וואָגלער, וואָס זוכן א היים. ער באַקאַנט זיך מיט די מענ-

רעוו=אייראָפּײַשע ייִדישע בורזשואזע באַלמויִוועס. ער איבערצײַגט זיכ אינ די „גליקנ", וואָס עס טראָגנ פאַר די ייִדישע מאסנ די „אליאַנסנ" אונ אנדערע אזוינע בורזשואז=פילאנטראָפּישע כעוורעס.

שאָלעמ=אלייכעמ האָט זיכ צײַטווײַליק באַזעצט אינ דער שווייץ. ער באַזעצט זיכ אינ זשענעווע, א שטאָט, ווו עס האָבנ זיכ דעמלט געפונענ פיל רוסישע עמיגראנטנ רעוואָליוציאָנערנ.

שאָלעמ=אלייכעמ אונ זײַנע עלטערע קינדער לויפנ אַפּ מיטינגענ, זיי הערנ די ארויסטרעטונגענ פונ די רעוואָליוציאָנערנ עמיגראנטנ.

— איר וועט נאָכ זענ, — זאָגט שאָלעמ=אלייכעמ צו זײַנע קינדער, — אינ רוסלאנד וועט נאָכ זײַנ א גרויסע רעוואָליוציע... אָבער ווי דערלעבט מענ אָט די צײַט, וויאזוי?!

אפנ וועג קיינ אמעריקע האָט זיכ שאָלעמ=אלייכעמ אָפּגעשטעלט אינ לאָנדאָנ, איינעמ פונ די צענטערס, וווהינ עס האָט געשטראָמט די ייִדישע עמיגראציע.

דאָ אינ לאָנדאָנ האָט שאָלעמ=אלייכעמ אומגעריכט דערזענ פאר זיכ זײַנ אלטע קאסרילעווקע, וואָס האָט מיט איר בעבעכעס אפ די פלייצעס דורכגעשפאנט דעמ אייראָפּײַשנ מאטעריק אונ איבערגעשווומענ דעמ יאמ. ער האָט דערזענ, אז אויכ דאָ פארקויפט מענ „פיש אונ פלייש, סידורימ, ציצעס, עפל, קוואס, טאָרט מיט צוקערלעקעכלעכ,

מיט אָנגעשניטענע שטיקעלעכ הערינג, טאלײביִמ, לימענעס, וולוטשקע, אייער, גלעזלעכ, טעפּ, קאלאָשנ, לאָקשנ, בעזע= מער, פּיפּעלעכ, פעפער, שטריק — פּונקט דאָס אייגענע, ווי בא אונדז. אונ שמעקנ שמעקט דאָ אויכ ווי בא אונדז, אמאָל נאָכ ערגער... ביערדיטשעוו! מיר זײַנענ ניט אינ לאָנדאָנ, מיר זײַנענ אינ בערדיטשעוו"!..

אויכ דאָ איז מער פּאראנ דער „געמיינער מאנ, דער אָרעמאנ, דער נעבעכ=אָרעמאנ, דער גרויסער אָרעמאנ, דער געפאלענער, דער מעקאבל, דער קאפּצנ, דער דאלעס, דער דאלפּנ, דער אָני, דער אָני וועוויענ".

דער געניאלער קינסטלער שאָלעמ=אַלייכעמ האָט גלײַכ באמערקט די קאסרילעווקע אינ לאָנדאָנ, אינ דער שטאָט פונ „ציוויליזאציע". ער האָט געזענ באשײַמפּערלעכ, אז די קאפּיטאליסטישע אָרדענונג דערלייזט בעשומוייפנ ניט די „יידנ=פראגע", ווי זי דערלייזט ניט ביכלאל די פראגע פונ אלע אונטערדריקטע אונ געיאָגטע.

באמ אמעריקאנער אָלרײַטניק

שוינ באלד א יאָר, אז די יידישע עמיגראנטנ אינ ניו= יאָרק לייענענ יעדנעס אינ די צײַטונגענ, אז עס פאָרט צו זיי שאָלעמ=אַלייכעמ. צו דער בענקעניש פונ די פארטרי= בענע יידישע פאָלקס=מאסנ נאָכ זייער אלטער היימ, על= טערנ, ברידער אונ שוועסטער איז צוגעקומענ א נײַע בענ=

קעניש, די בענקעניש נאָך דעם גרויסן ייִדישן פאָלקס־שרײַבער. ער האָט זיי אַזויפיל געמונטערט אין די שווער־סטע טעג פון זייער לעבן אין דער אַלטער היים.

שטענדיק נאָכן טאָג פון שווערער מי און האָרעוואַניע פלעגט דאָך די בעסטע זייערע פאַרווײַלונג זײַן שאָלעם־אַלייכעמס אַ פריילעכע און האַרציקע דערציילונג פון זייער לעבן. און דאָ, אין דער נײַער היים זייערער, ווען זיי פלעגן זיך דערמאָנען אָן אַמאָל, פלעגט איינעם מיט זיי־ערע דערינערונגען אַרופשווימען שאָלעם־אַלייכעם מיט זײַ־נע דערציילונגען. פון טאָג אויף טאָג האָבן זיי אַלץ געוואַרט אויף אים, אויף דעם, וואָס פלעגט זיי באַשײַנען דאָס לעבן פון דאַלעס און פון ליידן.

הײַנט איז דער 20־טער סעפּטעמבער פון יאָר 1906. גאַנצע מענגעס אַרבעטער און אַרבעטנדיקע ציִען זיך צום האַפן פון ניו־יאָרק. דאָס גייען זיי באַגעגענען זייער פאָלקס־שרײַבער.

די שיף גייט צו לאַנגזאַם צום ברעג.

— „שאָלעם־אַלייכעם!“, „שאָלעם־אַלייכעם!“, „ווילקאָ־מען, שאָלעם־אַלייכעם!“ — אַזוינע אויסגעשרייען הערן זיך אויפן ברעג.

אָט איז ער שוין, שאָלעם־אַלייכעם, אויפן ברעג. מע טראָגט אים אויף די הענט. אַ פריילעכער אויסגעשריי „הו־ראַ!“ דער יינגסטער זון שאָלעם־אַלייכעמס האָט זיך צע־שריִען:

— וווּהין טראָגנ עס די פעטערס און מומעס דעמ טאטנ?

א כוואליע האָט אימ אופגעהויבנ הויכ, הויכ. כוואליעס מענטשנ טראָגנ זיכ, שטויסנ זיכ איינע איבער די אנדערע. און אינ די אויערנ קלינגט און שאלט:

— „שאָלעמ־אליינעמ!“, „ווילקאָמענ, שאָלעמ־אליינעמ!“

אָבער ניט לאנג האָבנ זיכ געצויגנ די „אמעריקאנער גליקנ“ פונ שאָלעמ־אליינעמענ. דער טעאטער, וואָס ער האָט אפ אימ געלייגט זיינע גרעסטע האָפענונגענ, האָט שאָלעמ־אליינעמענ אָפגענארט. ער האָט ניט געקאָנט פארווירקלעכנ זיינ געדאנק צו שילדערנ די הערלעכע טעג פונ דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע. די פיעסע „דער ערשטער קאָרבנ“ האָבנ די אמעריקאנער טעאטערנ ניט געשטעלט...

די געלע פרעסע אינ אמעריקע האָט באלד נאָכ שאָלעמ־אליינעמס קומענ אהינ אופגעהויבנ — פריער א באהאלטענעמ און שפעטער אנ אָפענעמ קאמפ קעגנ אימ. דאָ אינ אמעריקע האָט שאָלעמ־אליינעמ דערזענ פאר זיכ אזא ליטערארישנ סוינע, וועלכנ ער האָט שוינ אינ רוסלאנד באגעגנט מיט א יאָר פופצנ צוריק. דאָס איז געווענ דער שאָמעריזמ אינ זיינ אמעריקאנער פאָרמ.

דער שאָמעריזמ האָט דאָ נאָכ געוועלטיקט אינ טעאטער, אינ דער ליטעראטור, אינ דער פרעסע. און שאָלעמ־

אלייכעמ האָט פאר זיכ דעמלט אפדאָסנײַ געשטעלט דעמ
ציל צו באקעמפנ דעמ אמעריקאנער שאָמעריזמ. ער האָט
אויסגעקליבנ דערווײַל איינ געביט פונ ליטעראַרישנ
שאפנ — די דראמאטורגיע.

און פונקט ווי מיט זײַנ ראָמאנ „סטעמפעניו“ האָט
ער, ענדע די אכציקער יאָרנ פונ פאָריקנ יאָרהונדערט גע־
שלאָגנ איבערנ שאָמעריזמ אינ רוסלאנד, האָט ער זיכ
איצט אויכ גענומענ צו רער טעמע „סטעמפעניו“, האָט זי
באארבעט פארנ טעאטער און געפרווט זיכ דערמיט בא־
קעמפנ דעמ שאָמעריזמ אינ אמעריקאנער טעאטער. ער
ארבעט אויכ איבער זײַנ פיעסע „יאקנעהאָז“. די אמערי־
קאנער באדינגונגענ, דער אמעריקאנער אָלרײַטניק שטויסנ
אימ דערצו. ער פארשארפט מער די נעגאטיווע שטריכנ
פונעמ רוסלענדישנ אָלרײַטניק, — פונעמ טרעגער פונ שאָ־
מעריזמ גופע.

אָבער ניט געקוקט אפ דעמ גרויסנ דערפאָלג, וואָס
שאָלעמ־אלייכעמס פיעסנ האָבנ געהאט אפ דער בינע
פונ די גרעסטע יידישע טעאטערנ אינ ניו־יאָרק, האָט
די אמעריקאנער געלע פרעסע אָפגעשטויסנ שאָלעמ־
אלייכעמענ און זײַנ ווירקונג אפ דעמ אמעריקאנער
יידישנ טעאטער.

דאָ אינ אמעריקע, אינ דער סאמע געדיכטעניש פונעמ
קאפיטאליסטישנ לעבנ, איז שאָלעמ־אלייכעמ געקומענ צומ
געדאנק, אז „די צאָרעס מיט די לײַדנ, די זיפצנ מיט די

טרערנ, די ביזיונעס מיט די שפיכעס=דאָמימ זײַנענ געבליבנ די זעלבע אונ וועלנ מיסטאָמע בלײַבנ מיטנ אײַבערשטנס הילפ די זעלבע, קאָלזמאַנ מענטשנ וועלנ געוועלטיקנ אַפ מענטשנ, קאָלזמאַנ מענטשנ וועלנ אַרויסבאַווײַזנ פונ צײַט צו צײַט, אַז אינ זיי געפינענ זיכ נאָכ סימאָנימ פונ כאַיעס...״

דער אַמעריקאַנער אָלרײַטניק האָט שאָלעמ=אַלײכעמענ נאָכ מער אופגערעגט, ווי די סענדער בלאַנקס אונ די ייִדישע אופגעקומענע בורזשואַזיע אינ רוסלאַנד.

עס איז כאַראַקטעריסטיש דער פאָלגנדיקער אַנעקדאָט, וועלכער איז באַקאַנט צווישנ די ייִדישע ליטעראַטנ:

שאָלעמ=אַלײכעמ האָט אַפ אײנעמ אָוונט אינ ניו=יאָרק געלײענט זײַנע ווערק. נאָכ דער פאָרלעזונג איז צו אימ צוגעגאַנגענ אַ באַוווּסטער ניו=יאָרקער אַדוואָקאַט אונ רופט זיכ אָנ צו אימ מיט ברײטקײַט, האַלטנדיק די הענט אינ די הויזנ=קעשענעס:

— וועלל, מיסטער שאָלעמ=אַלײכעמ, איכ מוז אײַכ זאָגנ אַ קאָמפּלימענט: איר האָט עס געמאַכט אָלרײַט, ניט ערגער פונ אונדזער מיסטער זאַנגוויל. דאָס ערשטע מאָל אינ מײַנ לעבנ הער איכ פונ אַ שרײַבער אַזעלכע פײַנע וויצנ אינ אונדזער אײגענעמ זשאַרגאָנ!

שאָלעמ=אַלײכעמ האָט באַטראַכט דעמ אַדוואָקאַט פונ קאָפ ביז די פיס אונ האָט אימ אָפגעענטפערט אינ זײַנ טאָנ:

— וועלל, איכ מוז אײַכ אויכ מאכנ א קאָמפּלימענט: דאָס ערשטע מאָל אינ מײַנ לעבנ זע איכ א ניו־יאָרקער אדוואָקאט מיט די הענט אינ זײַנע אייגענע קעשענעס!

שאָלעמ־אלייכעמ האָט געשטרעבט אויסצוראָטנ דעמ אמעריקאנער שאָמעריזמ אינ דער ליטעראטור, אונ דערמיט פארטראכט ער שוינ זײַנ ראָמאנ „די בלאָנדזשנדע שטערנ“. ער האָט זיכ דערמיט אויכ גענומענ צו ווײַזנ פאר דער וועלט די „גליקנ“, וואָס דער קאפּיטאליזמ אינ אמעריקע ברענגט פאר די ייִדישע פאָלקס־מאסנ, וואָס וואנדערנ אהינ איבער, אונ אינ דער זעלבער צײַט, ווענ ער דרוקט זײַנ ראָמאנ „דער מאבל“, ברענגט ער אויכ זײַנ מענאכעמ־מענדלענ קיינ אמעריקע. ער הייבט דערמיט אויכ אָנ צו שאפֿנ איינס פונ זײַנע גרעסטע אונ בעסטע ווערק „מאָטל פּייסי דעמ כאזנס“.

געפערלעכ קראנק

קיינ קארג יאָר איז שאָלעמ־אלייכעמ ניט אויסגעזעסנ אינ אמעריקע. עס האָט אימ געצויגנ צוריק אהיימ. אָט אהינ, ווו די פאָלקס־מאסנ האָבנ אונטערנ האָגל פונ קוילנ געקעמפט פאר א העלער צוקונפט פונ דער מענטש־הײַט. אונ שאָלעמ־אלייכעמ פאָרט פונ אמעריקע צוריק. קומט אינ זשענעווע, ווו עס איז געזעסנ זײַנ פאמיליע. דאָרטנ דערפילט ער וויִדער דעמ גײַסט, מיט וועלכנ עס

65—21

עטעמט זײַנ הײמלאנד. ער גײט װידער אפ מיטינגענ, אפ פארזאמלונגענ פונ די עמיגראנטנ רוסישע רעװאָליוציאָנערנ. ער שטופט זיכ מיט זײַנע קינדער צו קריגנ א בילעט אפ לעגינס א לעקציע.

דאָ אינ זשענעװע געפינט זיכ אויכ זײַנ ליטעראַרישער „זײדע“ מענדעלע מויכער־ספאָרימ.

אָפגעװענ א קורצע צײַט אינ זשענעװע, פאָרט שאָלעמ־אלײכעמ קײנ רוסלאנד. שױנ קארגע דרײַ יאָר ניט געטראָטנ אפ דער ערד פונ דער הײמאט. שױנ דרײַ יאָר ניט געזענ זײַנ קאסרילעװקע. ער פאָרט איבער פארשײדענע שטעט אונ שטעטלעכ, טרעט ארויס אפ אָװנטנ מיט פאָרלעזונגענ פונ זײַנע װערק.

אפנ װעג פונ מינסק קײנ װארשע פארבלײַבט ער אינעמ שטעטל באראנאָװיטש אפ אנ אָװנט, װו ער טרעט ארויס מיט א פאָרלעזונג.

קארגע דרײַ יאָר װאנדערונג איבער אײראָפע אונ אמעריקע, דאָס ארומשלעפנ זיכ פונ שטאָט צו שטאָט האָט זײער שװער געװירקט אפ דעמ אזוי אויכ שװאכנ געזונטצושטאנד פונ שאָלעמ־אלײכעמענ. די מאטעריעלע באדינגונגענ זײַנענ געװענ שװער. ער איז געװענ מיד אונ אָפגעשװאכט פיזיש.

אינעמ שטעטל באראנאָװיטש איז שאָלעמ־אלײכעמ געפערלעכ קראנק געװאָרנ. ער האָט באקומענ א לונגענ־אָנצינדונג.

אפנ סאמע נאקעטסטנ אויפנ האָט זיכ דאָ ארויסגעוויזנ די טראגישע לאגע פונעמ ייִדישנ פאָלקס־שרײַבער אינעמ צארישנ אונ קאפּיטאליסטישנ רוסלאנד. פינפ אונ צוואנציק יאָר — פונ יאָר 1883 ביזנ יאָר 1908 — האָט שאָלעמ־אַלייכעמ געמונטערט די ייִדישע פאָלקס־מאסנ, געריסנ די שווערע דעקע פונ אומעט אונ טרויער, וואָס האָט אײַנגעהילט די קווארטאלנ פונ דער ייִדישער אָרעמשאפט אינ צארישנ רוסלאנד. פינפ אונ צוואנציק יאָר האָט ער זיכ געטראָגנ, דער פרייליכער העלד פונ דער ייִדישער פאָלקס־לעגענדע שאָלעמ־אַלייכעמ, איבער די שטעט אונ שטעטלעכ פונעמ ייִדישנ טכומ. אונ אָט איז ער, אינ רעזולטאט פונ מאטערנישנ אונ נויט, געפערלעכ קראנק געוואָרנ.

דער קראנקער פאָלקס־שרײַבער האָט אופגערודערט דאָס פארוואָרפענע שטעטל, אינ וועלכנ ער איז געלעגנ. א גאנצנ טאָג שטייענ גאנצע מאכנעס מענטשנ באַמ הויז, ווו עס געפינט זיכ שאָלעמ־אַלייכעמ. מע פרעגט זיכ נײַגעריק נאָכ, וואָס מאכט ער, ווי פילט ער זיכ.

צוויי כאדאָשימ נאָכאנאנד ליגט שאָלעמ־אַלייכעמ אפּ זײַנ קראנקנ־בעט אינ באראנאָוויטש. פונ באראנאָוויטשער אײַנוווינער דערוויסט מענ זיכ אינ די גרויסע ייִדישע צענטערס, ווי שווער עס איז די לאגע פונ שאָלעמ־אַלייכעמענ. אונ שאָלעמ־אַלייכעמ ווערט אנ אָביעקט פונ בורזשואזער פילאנטראָפּיע. א פּאָר בורזשואזע פילאנטראָפּנ, וועמענ

עס פלעגט קיצלענ שאָלעמ=אלייכעמס וויץ, קלייבנ זיכ צונויפ, מאכנ א קאָמיטעט און שרייבנ א „קויל=קוירע" צומ ייִדישנ פאָלק. און אָט דער דאָזיקער „קויל=קוירע" גיט אָפּ מיט א רייעכ פונ „צדאָקע גדוילע" און איז באזוימט מיט פּסוקימ פונ טאנאכ.

„מיר ווילנ גלייבנ, — האָבנ געשריבנ די קאָמיטעטשיקעס, — אז יעדער ייִד וועט זיכ אציינד אָפּרופנ, עכאָד האמארבע ווּעכאָד האמאימיט. עס באדארפ ניט באטראכט ווערנ אלס נעדאָווע; אומגעקערט, נעדאָוועס האָט שאָלעמ=אלייכעמ אונדז געגעבנ. צענדליקער יאָרנ האָט ער אונדז מעגאדעוו געוועזנ זיינע געדאנקענ, זיינ וויץ, זיינ הארצ און זיינ בלוט. מיר מוזנ אימ אציינד אָפּגעבנ א כ ו י ו ו, און דערצו א נ א ל ט נ. אקלאל, ברידער, באצאָלט ווי אמגיכסטנ אייער כויוו, דאָס איז די איינציקע טשוווע אפּ די פיל בריוו, וואָס מיר באקומענ יעדנ טאָג מיקאָל טפוצעס ייִסראָעל, מיט פראגעס, וויאזוי צו באערנ דעמ באליבטנ שאָלעמ=אלייכעמ".

און פונ יעדער שטאָט און שטעטל האָבנ די ייִדישע ארבעטער, די ייִדישע פאָלקס=מאסנ מיט ליבע אויסגעטיילט זייערע גראָשנס פאר דעמ באליבטנ פאָלקס=שרייבער.

קאפּיטל צענ

מע פּראוועט זײַנ יובילײ אָנ אימ

נאָכ זײַנ שווערער קראנקײַט האָט זיכ שאָלעמ-אליײכעמ ווי-עס-איז געשטעלט אפֿ די פֿיס. ער איז אוועקגעפֿאָרנ אפֿ א קוראָרט אינ נערווי, אינ איטאליע. די פֿאמיליע זײַנע איז איבערגעבליבנ אינ רוסלאנד.

אינ יעדער שטאָט, אינ יעדנ שטעטל פֿונעמ צארישנ רוסלאנד האָבנ זיכ אינ אָקטיאבער פֿונ 1908 אָנגעהויבנ די פֿײַערונגענ פֿונ שאָלעמ-אליײכעמס פֿינפֿ-אונ-צוואנציקיאָריקנ יובילײ. אפֿ די יובילײ-אָוונטנ פֿלעגנ געמאכט ווערנ געלט-זאמלונגענ פֿאר דעמ קראנקנ יוביליאר.

כאווער לעזער! בא דער העלער שײַנ פֿונ עלעקטרישנ לאָמפּ, אינ א שײנ-מעבלירטנ צימער זיצסטו איצט אונ לייענסט וועגנ דעמ לעבנ אונ קאמפּ פֿונעמ געניאלנ ייִדישנ פֿאָלקס-שרײַבער שאָלעמ-אליײכעמ. דו רוסטט אָפּ נאָכנ טאָג ארבעט, וואָס איז אינ אונדזער לאנד געוואָרנ א זאכ פֿונ קאָוועד אונ רום.

אונ עפּשער ביסטו גיט אליינ, מיט דיר זיצנ נאָכ כא-

ווירים און פריינט דיינע — יונגטלעכע און עלטערע — און הערן די לעבנס־באַשרײַבונג פון שאָלעם־אַליכעם.

אויב דו ביסט א יונגטלעכער, האָסטו דאָך קיינמאָל ניט געטראָגן דעם שווערן און ביטערן יאָך פונעם צאַריזם, פון קלאַסעווער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, ווײַ־דערסטו זיך געווויס אַף די ליידן פון די פאָלקס־מאַסן אַמאָל און פון זייערע מיאַלאַנטן. און אויב דו ביסט אַן עלטערער און האָסט אַליין אַמאָל געשלעפּט דעם יאָך פון עקספּלואַטאַציע און פון קלאַסן־אונטערדריקונג, פרייסטו זיך אַף דעם גליקלעכן לעבן אונדזערן, אָבער אַ טיפער זיפּץ באַגלייט דיין פרייד, און דיר פאַרדריסט פאַר דיין פאַרוועלקטער יוגנט.

דו ווייסט, ווי אונדזער סאָציאַליסטיש לאַנד כאָוועט די פאָלקס־טאַלאַנטן, ווי אונדזער מעלוכע רינגלט ארום דעם שרייבער און קינסטלער מיט קאָווער און זאָרג וועגן אים. און אַז דער גענאַלער שאָלעם־אַליכעם איז קראַנק גע־וואָרן, האָט עס ווייניק געקימערט די צאַרישע מאַכט. מע האָט געמוזט זאַמלען געלט־נעדאָוועס, קעדיי צו פאַרהיטן שאָלעם־אַליכעמס געזונט און לעבן.

זיי אַזוי גוט און לייענט דורך דעם פאָלגנדיקן דאָקומענט, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין איינעם פון די דעמאָלטיקע זשור־נאַלן:

„ביזן 27 נאָיאַבער האָט די רעדאַקציע פון „ראַזסוועט“ באַקומען פאַר שאָלעם־אַליכעמען פאָלגנדיקע סומען:

פונ ה. אלטמאנ — זשוואנעצ . . 25 ר.
פונ פרוי גליקמאנ — קישעניעוו . 3,50 ר.
פונ ה. אי. לעווינ — בריאנסק . . 8 ר.
פונ דר. ב. ווילענסקי — צאריצינ . . 50 ר.
פונ ה. דובראָוו — קאָנסטאנטינאָגראד 60 ר.
פונ ה. געסטרינ — קריוואָי=ראָג . . 50 ר.
פונ ה. בערלינראוט — וואָלאָגדע . . 58 ר.
פונ אַ. ראלינע—טשודנאָוו, וואָל. גוב. 17,50 ר.

סאכאקל . . 272 ר.

דאָס געלט איז אָפּגעשיקט געוואָרנ אינ קיעווער שאָ=לעמ=אלייכעמ קאָמיטעט".

ערגעצ אינ שטעט אונ שטעטלעכ האָבנ די יידישע מאסנ אָפּגעשפּאָרט מיט ליבע זייערע לעצטע גראָשנס פאר שאָלעמ=אלייכעמענ. זיי ווילנ, ער זאָל לעבנ. זיי ווייסנ דאָכ, אז ער איז זייער יאָנטעוו אונ דערהייבונג. אונ באַ=גלייכ מיט די פאָלקס=מאסנ, וואָס האָבנ אופריכטיק גע=טראָגנ זייער באשיידענע הילפ דעמ באליבטנ שרייבער, האָבנ זיכ ארומ דעמ געשארט אונ געטומלט די בורזשו=אזע פילאנטראָפּישע פארזאָרגער.

מיר קאָנענ זיכ שוינ פאָרשטעלנ, ווי שאָלעמ=אלייכעמ האָט זיכ געפילט אינ די טעג פונ זיינ פינפ=אונ=צוואנציק=יאָריקנ יובילײ.

ערגעצ אינ איטאליע, אינ נערווי, ווײַט פונ זײַנ קאסרילעווקע, ווײַט פונ זײַנ ליבער היימ, האָט שאָלעמ=אלייכעמ אנ אײַנזאמער, א געפערלעכ=קראנקער אונטערגעפירט סאכאקלענ פונ זײַנ אומדערמידלעכער ארבעט. דאָ זעצט ער זיכ אונ שרײַבט אָנ זײַנ דערציילונג „שמועל שמעלקעס אונ זײַנ יובילעומ“. וואָס איז א הארצ=אויסגוס פונעמ קראנקנ שאָלעמ=אלייכעמ אינ יענע טעג.

שאָלעמ=אלייכעמ פרעגט בא זיכ, וואָס האָט ער אויפגעטאָנ פאר דער ליטעראטור. ער ווייסט, זײַנע פארשוינענ זײַנענ ניט אינ זײַדנס געקליידט, זײַנענ ניט קיינ מענטשנ פונ דער הויכער וועלט, וועלכע עס אכטעט אזוי דער קאפיטאליסטישער לעזער. זיי, די געליבטע פארשוינענ זײַנע, זײַנענ ניט קיינ גרויסע ערד=אייגנטימער, האָבנ ניט קיינ מוזייענ, קיינ בילדער=גאלערייענ, אונ לעבנ זיי ניט אפ דער פרײַער נאטור, צווישנ שמעקנדיקע בלומענ אונ אויסגעצירטע וועלדער.

— אָבער „האָט ער דענ ניט באלײַכט, — פרעגט שאָלעמ=אלייכעמ, — מיט זײַנ קליינ פײַערל א קליינ שווארצ פינטעלע אפ דער ערד, וואָס מע רופט דאָס קאסרילעווקע? ווער איז געווענ דער ערשטער, וואָס האָט געגעבנ צו וויסנ דער וועלט, אז ס'איז גאָר פאראנ ערגעצ א קאסרילעווקע, אונ אז אינ קאסרילעווקע איז פאראנ א בלאָטע, אונ אז אינ דער בלאָטע טיאָפקענ ארומ מאָדנע מינימ נעפאשעס, קליינע מענטשעלעכ, וואָס קוויטשענ, אונ וואָס דריקנ, אונ

וואָס פרעסנ, און וואָס פרעסנ איינע דאָס אנדערע מאכ־מעם ענגשאפט און מאכמעם איפּעש? ווער איז געווענ דער ערשטער, וואָס האָט באוויזנ, וואָס פאר פערלענ עס וואלגערנ זיכ אָט דאפּקע אינ דער דאָזיקער בלאָטע, אָט דאפּקע אינעמ דאָזיקנ פינצטערניש, אָט דאפּקע אינ דעמ דאָזיקנ ענגשאפט און דעמ דאָזיקנ איפּעש?..״

שאָלעמ־אליכעמ, וואָס די יובילײ־פײַערונגענ האָבנ אימ באגײַסטערט און אופגעהויבנ זײַנ שטאָלצ, גלייבט אפּ א האָר ניט די צוזאָגונגענ פונ דער יידישער בורזשואזיע, פונ די „נאָסנ־קוירעכס״ און זייערע מאָדערנע זינ „יאָ־סעפּעצעס״, וואָס האָבנ זיכ צוגערוקט פאר מעכוטאָנימ צו זײַנ יובילײ. ער ווייסט, אז אלצ, וואָס זיי זאָגנ צו, איז בלויז א כאָלעמ.

„—העכער דרײַסיק יאָר, — אזוי זאָגט רעב נאָסנ־קוי־רעכ צומ גאנצנ אוילעמ מיט זײַנ זיס־לאקרעצדיק שמייכע־לע, — העכער דרײַסיק יאָר, אז איכ גיי ניט ארויס מי־פּעסעכ בייסי, נאָר צוליב אזא טאָג, כע־כע, האָב איכ זיכ מעיאשעוו געווענ, ווי זאָגט ער, פאָרט א מענטש, וואָס שרײַבט אזעלכע גוטע זאכנ, כע־כע, שוינ פינפ און צוואנ־ציק יאָר, קומט אימ, כ׳לעבנ, א יאשער־קויעכ מיט א מאַ־טאָנע, כע־כע...

און ער דרייט זיכ אוים מיטנ פּאָנעמ צוריק:

— יאָסעפּעצ, וואָס זאָגסטו?

וואקסט אוים יאָסעפּעצ, מע ווייסט ניט פונוואנענ,

שנײַצט אויס די נאָז מיט צװײ פינגער און װישט זיך אָפּ מיט דער פּאָלע.

— ס'איז גאָר ניטאָ װאָס צו רײדן!..״

שאָלעם־אַלײכעם װײסט, אַז דאָס איז אַלץ אַ כאָלעם. ניט פון די נאָסן־קוירעכס און ניט פון זײַנע אויפגעקלערטע יאָסעפּעצעס װעט קומען הילף צו שאָלעם־אַלײכעמען. ניט זײ װעלן אים באַדאַנקען, ניט זײ קומען אים אַ כויװ.

שאָלעם־אַלײכעם שרײַבט דעמלט צו זײַן פרײַנט ספּעקטאָר אָט דעם קורצינקן, טרויעריקן בריװ:

„ברודער ספּעקטאָר! דאַרפסט אַלײן פאַרשטײן מײַן האַרץ. אין דער צײַט, װען דאָרטן אין דער ליבער הײם פרײען זיך ייִדן מיט מײַן יאָנטעװ, בין איך דאָ אַלײן, קראַנק, פאַרװאָרפן, אָפּגעריסן, און װײן און גיס מיט טרערן...

איך קאָן ניט שרײַבן מער״.

אין אויסלאַנד אין די סאַנאַטאָריעס

אַ פּאָר כאָדאָשים זײַנען אַריבער, און שאָלעם־אַלײכעם האָט זיך װידער דערפילט שאַפונגס־פײַק.

װאָס דאַרף ער אַ סאַך, שאָלעם־אַלײכעם? ער האָט נאָר קרעפטן צו גײן — איז ער שוין גרײט מיט זײַן פעדער און בלאָקנאָטל אין האַנט. ער שרײַבט שוין װידער, אין כאָטש ער איז װײַט פון זײַן ליבער הײם, שטײט זי װי־

דער פאַר זײַנע אויגן, און ער באַשרײַבט אירע לײדן און פֿרײדן.

שאָלעם-אַלײכעם באַטראַכט װידער זײַנע פֿריִערדיקע װערק. ער פֿאַרטראַכט זיך װעגן זײַן נאָרװאָס אָנגעשריבענעם „שמועל שמעלקעס".

„איך האָב אים געשריבן קראַנקערהײט, — זאָגט שאָלעם-אַלײכעם, — דעריבער זאָלט איר זיך ניט װוּנדערן, טאָמער איז ער שװאַכלעך אַרויס. און אפֿשער איז ער גאָר ניט אַזױ שװאַך? איר װײסט דאָך, אַז איך גלײב אַלעמען, נאָר ניט מיר. אין מיר זיצט עמעצער אינװײניק, אַ מין מעפֿיסטאָפֿעל אַזעלכער, און לאַכט, און שפּעט, און מאַכט כױזעק פֿון מײַן שרײַבעניש. אַלעמאָל, װען איך שרײַב עפּעס אָן און לײען עס דורך מיט ענטוזיאַזם, װי געװײנלעך אַ מעכאַבער, טוט ער גאָרניט, נאָר ער פּײַפֿט מיט די ליפּן, און די אויגן שמײכלען, איך זאָל אים קאָנען כאַפּן, װאָלט איך אים דערװאָרגן! אַמאָל מאַכט זיך, אַז ער הערט מיך אויס גאַנץ ערנסט און שאָקלט מיטן קאָפּ. מײן איך דאָך, אַז כ'האָב בײַ אים אײַנגאַנצן אויסגענומען, און שיק עס אַװעק אין דרוק, — שיסט ער אויס אַ געלעכטער, מעפֿיסטאָפֿעל, ברענען זאָל ער!"

שאָלעם-אַלײכעם שפּאַסט שױן װידער אין זײַנע בריװ. פֿאַר די ערשטע פּאָר כאָדאָשים פֿון זײַן זײַן אָפּ קוראָרט האָט זיך שאָלעם-אַלײכעם גוט פֿאַרריכט, און ער שפּאַסט איבער זיך אַ צופֿרידענער:

„מיר איז צוגעקומענ קימאט פיר קילאָ, צענ פונט הייסט עס, צענ פונט פלייש... אויב עס וועט אזוי גיינ ווייטער, וועלנ מײַנע געשעפטנ זיכ... שטאַרק פארבעסערנ. דער כעזשבנ איז אויבנופ, ווי אפ דער דלאָניע. צענפופצנ פונט א כוידעש — האָט איר אזוי גרוים ווי 180 פונט א יאָר. א פונט 150 האָב איכ פריִער געווויגנ, האָבנ מיר, הייסט עס, א קײַמעלאָנ פונ 330 פונט, אָדער 8 פוד מיט 10 פונט. מיט אזא וואָג וועל איכ שוינ פארשפאָרנ שרײַבנ אָדער פאָרלעזנ מײַנע מײַסעס, נאָר גלאַט אזוי באווײַזנ זיכ פארנ פובליקום. דאָס איז פיל גרינגער, ווי שרײַבנ אָדער לייענענ פאר אנ אוילעמ. אונ דאָס פובליקום אליינ איז טאַקע אויכ מער נײַגעריק צו זענ א ג ר ו י ס נ שרײַבער, ווי איידער האָרכנ אימ לייענענ. אונ ווער רעדט אמעריקע — דאָרט קאָנ מענ שארנ גאָלד. ס'איז שוינ פארטיק בא מיר אינ קאָפּ אפילע, וויאזוי צו אנאָנסירנ:

! ווונדיירימ פונ דער וועלט !
! קומט ! זעט ! מאסנווײַז ! אונ שטוינט !
! דער ג ר ע ס ט ע ר הומאָריסט אינ דער וועלט !
! וועגט דרײַ הונדערט דרײַסיק פונט !
— שאָלעמ=אלייכעמ —
... איינטריט 1 דאָלער...
! לאָזט ניט דורכ ! דערציילט אײַערע פרײַנט !

שאָלעם-אַלייכעמס געזונט-צושטאַנד האָט זיך פאַרבע-סערט, אָבער שאָלעם-אַלייכעם האָט שוין געמוזט אַפּ א לענגערער צײַט פאַרבלײַבן אין אויסלאַנד, אין געגנטן מיט אזא קלימאַט, וואָס זאָל ניט דערלאָזן די ווײַטערדיקע אַנ-טוויקלונג פון זײַן קרענק. שאָלעם-אַלייכעמס וווינאָרט זײַ-נען איצטער פאַרשיידענע קור-פּלעצער פון איטאַליע און פון דער שווייץ.

אויך שאָלעם-אַלייכעמס מאַטעריעלע לאַגע האָט זיך ווי-עס-איז פאַרבעסערט. דער יובילײ-קאָמיטעט, אין וועלכן עס זײַנען שפּעטער אויך אַרײַן יידישע שרײַבער, האָט זיך סאָפּקאָלסאָפּ דערשלאָגן, אַז שאָלעם-אַלייכעמס ווערק זײַ-נען אויסגעקויפט געוואָרן פון די פאַרלעגער, וואָס האָבן געהאַט אַפּ זיי אייביקע רעכט. שאָלעם-אַלייכעמס ווערק זײַנען איבערגעגאַנגען אינעם אייגנטום פונעם אַוטאָר.

זעקס יאָר איז שאָלעם-אַלייכעם אָפּגעווען אַפּ די קו-ראָרטן אין אויסלאַנד, פון 1908 ביז 1914. שווער איז געווען פאַר אים די דאָזיקע צײַט. דער גרויסער פאָלקס-שרײַבער, וואָס איז שטענדיק געווען אויסגעמישט מיט די פאָלקס-מאַסן, איז מיטאַמאָל געבליבן איינזאַם, אין דער פרעמד.

אין נערווי, ווו שאָלעם-אַלייכעם האָט פאַרבראַכט די ווינטערן פון 1908 ביז 1912, פלעגט מען באַגעגענען שאָ-לעם-אַלייכעמען שפּאַצירנדיק פאַרטראַכט אַפּן ברעג יאַם. א בענקשאַפט האָט אַרויסגעקוקט פון זײַן פּאָנעם, און זײַ-

נע אויגנ האָבנ עפּעס ווי געזוכט דעמ ברויזנדיקנ קוואַל פונ זײַנ שעפערישער באַגײַסטערונג. זײַנע אויערנ האָבנ זיכ שטענדיק צוגעהערט, צי הערט מענ ניט די שפּראַכ פונ זײַנ פאָלק, פונ זײַנ לאַנד.

אינ דער סאַנאַטאָריע באַוועגנ זיכ אַרומ אימ שאָטנס פונ קראַנקע, שוואַכע, שווײַגנדיקע, פאַרומערטע פאַרשווינענ. אונ זײַנ בענקשאַפט נאָכ געזונטע, אַקטיווע, לעבנסלוסטיקע מענטשנ ווערט נאָכ שטאַרקער.

אונ דער קראַנקער שאָלעמ=אַלײכעמ שרײַבט דערמאָלט אינ אַ בריוו צו זײַנ פרײַנט אַזוי:

„מיט אַ שטיפעל שרײַבט שאָלעמ=אַלײכעמ, ליגנדיק אינ סאַנאַטאָריומ צווישנ האַלבע מייסימ“.

אויכ דאָ האָט זיכ אַרויסגעוויזנ זײַנ שאָלעמ=אַלײכעמישע הומאַנישקײַט. ער גייט אַרומ, ער פאַרברענגט, ער שמועסט מיט די קראַנקע, ער פרעגט זיכ פאַנאַנדער באַ יעדנ אײנעמ וועגנ זײַנ קרענק. ער איז דער סאַמע נאָענטסטער פרײַנט פונ אַלע קראַנקע אינ דער סאַנאַטאָריע. ווינטער אינ נערווי, אינ איטאַליע, אונ זומער אינ סענט=בלאַזיענ, אינ דאָרעמ=שוואַרצוואַלד.

מיטנ גרעסטנ אינטערעס פלעגט זיכ שאָלעמ=אַלײכעמ באַציִענ צו די באַזוכער פונ די קוראָרטנ, וועלכע פלעגנ קומענ פונ רוסלאַנד. באַ זיי פלעגט שאָלעמ=אַלײכעמ דערוויסנ זיכ, וואָס עס הערט זיכ אינ זײַנ היימאַט. דאָס פלעגט פאָרקומענ אַפּ אַזאַ אופנ: שאָלעמ=אַלײכעמ פלעגט

שאָלעם־אַלייכעם אין יאָר 1909 (סאַנאַטאָריע סט.־בלאַזיען, שווארצוואלד)

זיי צונויפזאמלענ און פאָדערנ פונ זיי, זיי זאָלנ ריידנ, דערציילנ פונ זייערע שטעט און שטעטלעכ.

— פונ וואָס זשע זאָל איכ ריידנ? — האָט איינער א ייִד פארוווּנדערט געפרעגט בא שאָלעמ-אלייכעמענ.

— פונ אלצדינג און קוידעמקאָל פונ אײַער שטעטל.

— וואָס איז דאָ פאראנ וואָס צו ריידנ? א העק...

— ווײַל א העק! איר זאָגט, איר קענט אײַער שטעטל אויסווייניק. אויסגעצייכנט! נעמט די הײַזער מיט די בא-לעבאַטימ קעסיידער, פונ איינ עק שטעטל ביזנ אנדערנ. הייבט אָנ פונ דער ערשטער שטוב. אנו!..

עטלעכע וואָכנ נאָכאנאנד, יעדנ טאָג אינ א באשטימטער צײַט, האָבנ זיי ביידע אזוי געשפּאצירט אינ וואלד. דער ייִד איז ניט מיד געוואָרנ צו דערציילנ, און שאָלעמ-אליי-כעמ איז ניט מיד געוואָרנ צו הערנ.

— ניינ, אויסטראכטנ מײַנעס דארפט איר ניט, דאָס וועל איכ שוינ אליינ טאָנ. איר דערציילט נאָר פאקטנ, — זאָגט שאָלעמ-אלייכעמ צו זײַנ מיטשפּאצירער.

— דאָס איז לויטער עמעס, — ענטפערט אימ דער ייִד, — א וואָכנ דרײַ האָב איכ ארומגעריזט מיט דעמ דאָזיקנ ליידיקגייער.

— ווי האָט איר געזאָגט? ליידיקגייער, הא? דאָס מיינט מענ בא אײַכ א צוג מיט ליידיקע וואגאָנעס, איאָ? — און שאָלעמ-אלייכעמ כאפּט ארויס זײַנ נאָטיצ-ביכל, פאר-

צייכנט דאָס דאָזיקע וואָרט. דער ייִד דערציילט ווײַ=
טער:

— רופט זיכ אָנ דער גאלעכ צומ ייִדנ: הער נאָר, ייִד=
קע! וואָס האָסטו דאָ דערזענ? ענטפערט אימ דער ייִד:
וואָס עפּעס יודקע? איכ הייס גאָר בערקע. אונ אזוי, הערט
איר, יענער רופט אימ יודקע, אונ דער זאָגט אימ בערקע.
ענטפערט אימ דער ייִד בייזלעכ: וואָס עפּעס יודקע? איכ
הייס ניט יודקע, איכ הייס בערקע. מאכט צו אימ דער
גאלעכ: לאָז זײַנ בערקע.

שאָלעמ=אליכעמ פארשרײַבט ווידער אינ בלאָקנאָטל,
אונ דער ייִד דערציילט ווײַטער:

— שטייענ זיי ביידע, דער ייִד, הייסט עס, מיט דעמ
גאלעכ, באמ אָפּגעטשעפּעטנ לאָקאָמאָטיוו, דער ייִד, הייסט
עס, מיטנ גאלעכ... רופט זיכ אָפּ דער גאלעכ צומ ייִדנ:
וואָס קוקסטו דאָ, אשטייגער? אונ דאָס מאָל טאקע שוינ
בערקע. ענטפערט דער ייִד: וואָס איכ קוק? איכ באטראכט
גאָטס וווּנדער. וויאזוי איבער איינ דריי, איבער איינ קער,
מע גיט א דריי א שרײַפֿל אהער, א שרײַפֿל אהינ, הייבט
אָנ צו גיינ אזא מאשינ. רופט זיכ אָפּ דער גאלעכ: פֿונ=
וואנעט ווייסטו, אז מע טוט א דריי א שרײַפֿל אהער אָדער
א שרײַפֿל אהינ, הייבט אָנ צו גיינ די מאשינ? ענטפערט
אימ דער ייִד: איכ זאָל ניט וויסנ, וואָלט איכ ניט גערעדט.
ענטפערט אימ דער גאלעכ: קוגל ווייסטו, וויאזוי מע עסט,
אָט וואָס דו ווייסט.

65—22

און פון די דאָזיקע געשפּרעכן מיט אָט דעם ייִדן זײַנען נאָכדעם באַשאַפן געוואָרן אייניקע מאָטיוון פון שאָלעם-אַליינכעמס „אײַזנבאַן-געשיכטעס“.

שאָלעם-אַלייכעם האָט שוין גוט געקענט אַלע באַקאַנטע פון דעם דאָזיקן ייִדן. ער האָט זיך אָנגעהאַפּט אָן יעדן איינעם, ניט איבערקלײַבנדיק אַפילע, אַבי מע ברענגט אים אַ גרוס פון דער היים. דאָס איז געווען דערפאַר, ווײַל ער האָט זיך קיינמאָל ניט געוואָלט דערווײַטערן פון זײַן שעפערישן קוואַל.

שאָלעם-אַלייכעם האָט געשעפּט פרייד פון דער אַרומיקער נאַטור, ער האָט זיך געפרייט מיט איר, באַוווּנדערט די הויכע בערג, דעם ריין-בלויען הימל, געכּיִעסט זיך פון דער בליִונג פון די מאַנדל-ביימער און גראַנאַטן. שאָלעם-אַלייכעם פלעגט נאָכאַנאַנד אויפמערקזאַם מאַכן זײַנע באַקאַנטע אויף דער שיינקייט פון דער נאַטור, אײַנזאַפּן אין זיך דורשטיק דאָס אַרומיקע.

— ב'וואָלט געגומען, — זאָגט אַמאָל שאָלעם-אַלייכעם אויף אַ שפּאַציר, — אַ כּאָרסונער אָדער אַ באָהוסלאַווער ייִדן, וואָלט אים אַרויסגעכאַפּט פונעם מאַרק, פון די ענגע געסלעך און פון שטיקנדיקן וואַרשטאַט, וואָלט אים פאַרבונדן די אויגן, געבראַכט אים אַהער, אָפּגעבונדן און געזאָגט:

— „נאַ, עסעם, מאַמזער איינער“.

און שאָלעם-אַלייכעם פלעגט זיך שטענדיק באַרימען פאַר

זײַנע געסט מיט דער נאַטור, װעלכע עס רינגלט אים ארומ. באַזונדערס האָט זיך שאָלעמ=אַלײכעמ צוגעבונדנ צומ יאמ.

ס'איז געװענ אַ פרימאָרגנ. די זונ האָט געברענט אַ װעלט, אונ דער ערנסטער יאמ האָט זיך צעשפּילט ניט אָפּ קאַטאָװעס. אומגעריכט גיט ער אַ הײב פונ זיך אַ מעשופּעדיקנ װאַסער=זײַל, װאָס צעשיט אונ צעװאַרפט זיך אָפנ ברעג אינ פרײלעכע טראָפּנס=שפּריצנ. שאָלעמ=אַלײ=כעמ קוקט אַ שײַנענדיקער, אַ גליקלעכער, מיט אַנציקטע אױגנ אונ זאָגט:

„דער יאמ איז הײַנט פונ זיך אַלײנ ניספּאָעל“.

אינ זײַנע בריװ פלעגט שאָלעמ=אַלײכעמ קײנמאָל ניט פאַרגעסנ אָפּצוגעבנ דעמ בעסטנ אונ שענסטנ גרוס פו=נעמ יאמ אינ נערװי.

באַמ ברעג יאמ אָפנ שפּאַציר הערט שאָלעמ=אַלײכעמ ניט אופ צו שרײַבנ ארומגײענדיק. ער שטעלט זיך פּלוצעמ אָפּ אונ צעלאַכט זיך הױך אָפנ קאָל.

— װער איז אָט דער מאָדנער מענטש מיט די לאַנגע קאַשטאַנאָװע האָר אונ מיט דעמ בלאָקנאָט אינ האַנט? — פלעגנ די אָרטיקע אײַנװױנער מיט פאַרװוּנדערונג פרעגנ, אײדער זײ האָבנ זיך דערװוּסט װער ער איז.

טרעפנדיק אים, װי ער גײט אַזױ פאַמעלעכ אונ איז פאַרטאָנ אינ שרײַבנ, פלעגנ זײ מיט דערעכערע אָפּטרעטנ דעמ װעג דעמ שרײַבער פונ רוסלאַנד.

„בלאָנדזנדע שטערנ" אונ „פונעמ יאריד"

אינ אָט דער צײַט אַרבעט שאָלעמ־אַלײכעמ אפ זײַנ לאנג פארטראכט ווערק וועגנ דעמ ײִדישנ פאָלקס־טעאַטער, אפ דעמ ראָמאנ „בלאָנדזנדע שטערנ". מיט אָט דעמ ראָמאנ האָט ער געוואָלט פארענדיקנ זײַנ טרילאָגיע וועגנ די ײִדישע פאָלקס־קינסטלער, וואָס ער האָט אָנגעהויבנ נאָכ אינ אָנהייב פונ זײַנ ליטערארישער טעטיקײַט.

„עס איז צײַט, — האָט געשריבנ שאָלעמ־אַלײכעמ, — זיכ א נעמ טאָנ דעזינפעצירנ יענעמ מינ ליטעראטור, וואָס עס ברענט דאָס פאָנעמ פאר שאנד, וואָס מיר האָבנ דערלעבט צו דעמ געוויסנ אמעריקאנישנ געשמאק אונ זיכ אומגעקערט צומ אלטנ שאָמעריזמ, וועלכנ מיר האָבנ נאָכ אזא שווערנ קאמפ געהאט אמאָל — מיט צוואנציק יאָר פריִער — ארויסגערייכערט. אונ אויסער דעמ, האָב איכ אליינ אויכ געפילט א נויטווענדיקײַט צו פארענדיקנ מײַנ טרילאָגיע מיטנ דריטנ ראָמאנ, נאָכ „סטעמפעניו" אונ „יאָסעלע סאָלאָוויי", ווי איכ האָב עס אמאָל פארשפראָכנ (מיר שײַנט, אינ דער האקדאָמע צו „יאָסעלע סאָלאָוויי"). דאָרט האָב איכ געהאט געזאָגט, אז מײַנ דריטער „העלד" וועט זײַנ שוינ ניט קיינ קלעזמער אונ ניט קיינ כאזנ, נאָר פונ א העכערנ מינ, אנ איידעלערע נעשאָמע — אנ ארטיסט אָדער א קינסטלער. נאטירלעכ, האָבנ זיכ די אומשטענדנ אינ די צוויי אונ צוואנציק יאָר שטארק געענ־



פאקסימיליע פון שאָלעם־אליי־כעמס האנטשריפט (א בלעטל פונעם ראָמאן „בלאָנדזנדע שטערן”, ערשטער טייל, קאפיטל פיר)

דערט. עס זײַנען אויסגעוואקסן אויך נײַע אידייען. צוגעקומען נײַע געטער. געבוירן געוואָרן נײַע טיפּן. קורץ, איך האָב קיין כאראָטע ניט, וואָס איך האָב מײַן דריטן ראָמאן א ביסל פארשפּעטיקט... אָפּגעזען דערפון, איז מײַן איצטיקער, דריטער הייסט דאָס, ראָמאן גאנץ אנדערש קאָנסטרויִרט אלס יענע צוויי. איך וויל ניט זאָגן דערמיט, אז איך גיב זיך אונטער צום געשמאק פון דער גאס, אום צו מאכן אים אינטערעסאנט און שפּאנענד. ער איז אָבער לויט זײַן אינהאלט, אלפּי-קאָרכוי, א שפּאנענדע געשיכטע, א ראָמאן פול פּאָעזיע, אָבער אויך לעבן, האנדלונג און, זעלבסטפארשטענדלעך, א גאלעריע פון טיפּן און בילדער — גאנץ הומאָריסטיש, און אנדערש קאָן איך שוין גאָר ניט שרײַבן, אפילו ווען איך זאָל וועלן ווערן א „קלאָגמוטער“. אויסער דעם, שפּיגלט זיך אָפּ אינעם דאָזיקן ווערק דאָס לעבן פון א געוויסן קרײַז אין רוסלאנד, ווי אויך אין אמעריקע. דער לייטער, וועלן מיר זאָגן, פונעם ביניען שטייט מיט די פיס אין „אונדזער“ לאנד און מיטן שפּיץ שפּארט ער אָן אין אמעריקע — און דאָרט קומט פאָר זײַן אנטבינדונג“.

אזוי האָט שאָלעם-אלייכעם געשריבן וועגן זײַן ראָמאן „בלאָנדזנדע שטערן“.

אין דעם ראָמאן האָט שאָלעם-אלייכעם באוויזן, ווי די קאפּיטאליסטישע סיסטעם פארוואנדלט די פאָלקס-טאלאנטן אין „בלאָנדזנדע שטערן“, ווי זי צווינגט זיי צו וואנדערן

פונ איינ טייל פונ דער וועלט אינ דעמ אנדערנ, נעמט צו בא זיי די פרייהייט פונ טאט, לאָזט זיי ניט פילנ אונ דענקענ פריי אונ מאכט פונ זיי קנעכט פונ געלט.

אינעמ ראָמאנ „די בלאָנדזנדע שטערנ" באווייזט אונדז שאָלעמ=אלייכעמ צוויי טאלענטירטע קינדער פונעמ שטעטל ראָזע ספיוואק אונ לעאָ ראפאלעסקאָ, וועלכע טרוימענ אָפּצוגעבנ זיכ דער טעאטראלער קונסט. זייער ביידנס צוגעבונדנקייט צו דער קונסט האָט זיי דערנעענטערט אונ געשאפנ אנ אייביקע ליבע צווישנ זיי.

ספיוואק אונ ראפאלעסקאָ פאלנ ארייננ אינ די הענט פונ די קרעמער פונ דער קונסט. די ספעקוליאנטנ צעשיידנ זיי, סטארענ זיכ, אז זיי זאָלנ ניט באגעגענענ איינער דעמ צווייטנ. ווי לעאָ ראפאלעסקאָ, וועלכער טרעט ארויס מיט דעמ גרעסטנ דערפאָלג אינעמ יידישנ טעאטער, אזוי אויכ ראָזע ספיוואק, וועלכע שפּילט אפ דער אייראָפּיישער סצענע, בענקענ טאָמעד איינער נאָכנ צווייטנ, זוכנ איינער דעמ אנדערנ אונ קאָנענ זיכ ניט צונויפקומענ, דערפאר, וואָס ווענ זיי באגעגענענ זיכ, וואָלט עס געווענ א טויט=קלאפּ פאר די אנטרעפּרעניאָרנ, וועלכע האָבנ פארקנעכטעט זייער טאלאנט.

אָנהייב 1913 הייבט אָנ שאָלעמ=אלייכעמ צו ארבעטנ אפ זיינ אויטאָביאָגראפישנ ראָמאנ „פונעמ יאריד". לויט שאָלעמ=אלייכעמס פארטראכט האָט דער דאָזיקער בוכ געדארפט זיינ ניט בלויז זיינ אייגענע אויטאָביאָגראפיע, נאָר



„פונעם יאריד"
(פאַקסימיליע פון שלום־עליכמס מאַנוסקריפּט)

די געשיכטע פון דעם יידישן יונגנמאַן פון דער צווייטער העלפט פון XIX יאָרהונדערט. ער האָט געשטרעבט צו געבן זײַנע באַגעגענישן מיט שרײַבער, אָפּשאַצונגען פון זייער אַרבעט און בכלל דערינערונגען וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור.

מיטן גרעסטן ברען און ענטוזיאזם טרעט צו שאָלעם־אליינעם צו דער ארבעט איבער דעם דאָזיקן בוך. אָנגע־שריבן דעם ערשטן טייל, וואָס כאפּט ארום זיין קינדהייט און יוגנט, האָט שאָלעם־אליינעם אָנגעהויבן זוכן א פאר־לעגער פאר זיין „בוך פון די ביכער“, ווי ער האָט אליין אָנגערופן זיין ווערק, אין וועלכן ער האָט געשטרעבט צו ווייזן די קוואלן פון זיין שאפונג.

אָבער ניט גרינג איז געווען צו געפינען אן ארויסגעבער. די יידישע בורזשואזע צייטונגען און זשורנאלן אין רוס־לאנד און אין אמעריקע האָבן איינגעפונען, אז עס איז בעסער צו דרוקן „העכסט אינטערעסאנטע“ פאָרנאָגרא־פישע שונד־ראָמאנען, און האָבן א לאנגע צייט ניט גע־וואָלט דרוקן די קינסטלערישע אוטאָביאָגראפיע פון שאָ־לעם־אליינעמען.

די רוסישע איבערזעצונג פון שאָלעם־אליינעמס ווערק

דאָס יאָר 1910 איז זייער א וויכטיקע דאטע אין שאָ־לעם־אליינעמס לעבן און שאפן. אין דעם יאָר איז פאר־ווירקלעכט געוואָרן זיין אלטער טרוים.

בא דער מיטהילף פון די בעסטע רוסישע שרייבער, און דעריקער פון מאקסים גאָרקי, האָט זיך שאָלעם־אליינעמען

איינגעגעבן צוצוטרעטן צו אן אויסגאַבע פון זיינע ווערק אין דער רוסישער שפּראַך.

א פרייידיקע געשעעניש אין שאָלעם-אַליי כעמס לעבן. דאָס גרויסע רוסישע פאָלק וועט זיך באַקענען מיט די אָרעמע יידישע פאָלקס-מאַסן, מיט זייער לעבן, מיט זייער גורל, מיט זייערע שטרעבונגען, מיט זייער קאַמף.

מיט ליבע און זעל האָט זיך שאָלעם-אַליי כעם אָפּגעגעבן דער אַרבעט אַרויסצוגעבן זיינע ווערק אין דער רוסישער שפּראַך. ער שטרעבט דערצו, אַז די איבערזעצונג זאָל ניט פאַרמינערן זייער קינסטלערישן ווערט.

„איך וויל דעביוטירן פאַרן רוסישן עולם, — האָט געשריבן שאָלעם-אַלייכעם זיין איבערזעצער פּינוס, — מיט אַ זאַך אויב ניט קיין גרויסער, איז כאָטש לעבלאַפאָכעם מיט אַן אָריגינעלער".

און שאָלעם-אַלייכעם באַשליסט אָנהייבן זיין רוסישן אויסגאַבע מיט זיינע פרעכטיקע קינדער-געשטאַלטן.

שאָלעם-אַלייכעם וועט ווייזן דעם פּאָרגעשריטענעם רוסישן לעזער אַ נאַיִוו קינד פון דעם צאַרישן יידישן געטאָ, אַ קינד, וואָס קוקט זיך צו מיט זיין נאַיִוון בליק צו די איבערלעבונגען, אָפּקומעניש און שטרעבונגען פון דער יידישער אָרעמשאַפט, וועלכע זוכט אַן אויסוועג פון איר רעכטלאָזיקייט און דאַלעס. ער וועט ווייזן, ווי אַזוי דאָס קינד קוקט זיך צו צו אין דעם ביטערן קאַמף פון די קליינשטעטלדיקע אָרעמעלייט פאַר זייער עקזיסטענץ, ווי-

אזוי זיי פארלאָזנ זייערע איינגעזעסענע נעסטנ, זייער היי⸗ מאט אונ לאָזנ זיכ אוועק אפ יענער זייט אָקעאנ צו זוכנ דאָס שטיקל ברויט. שאָלעמ⸗אלייכעמ באשליסט, אז אָט דער דאָזיקער העלד דארפ זיינ דער ערשטער, וואָס וועט אימ, שאָלעמ⸗אלייכעמענ, פאָרשטעלנ פארנ רוסישנ לעזער.

מיט דער גרעסטער אופמערקזאמקייט אונ ליבע, ווייסנ מיר, באציט זיכ שאָלעמ⸗אלייכעמ צו זיינע העלדנ קינ⸗ דער. נאָכ טעוויע דעמ מילכיקנ האָט ער זיי געהאלטנ פאר די איינגעגעבנסטע אינ זיינ אומשטערבלעכער גאלעריי. דעמ גרויסנ הומאניסט שאָלעמ⸗אלייכעמ האָבנ צוגעצויגנ די געשטאלטנ פונ די קינדער דערפאר, וואָס אינ זיי האָט ער געזענ די שטארקסטע שטרעבונג צו לעבנ.

„צי איז איינ באוווסט, אז דאָס לעבנ פונ די קינדער איז אינטערעסאנטער פונ יעדער אנדערנ לעבנשטיי⸗ גער?“ — פרעגט שאָלעמ⸗אלייכעמ בא זיינ איבערזעצער.

אונ שאָלעמ⸗אלייכעמ האָט ווירקלעכ מער פונ אלע ייִדישע קלאסיקער זיכ אינטערעסירט מיטנ לעבנ פונ די קינדער אונ האָט זיכ מער פונ אלעמענ באשעפטיקט מיט זיי אינ זיינ שאפנ.

ער וועט דעביוטירנ פארנ רוסישנ לעזער מיט „קסאָ⸗ ווימ פונ איינעמ א ייִנגל א יאָסעמ, וואָס באשטייענ פונ צוואנציק הומאָריסטישע דערציילונגענ⸗באשרייבונגענ“ — „מאָטל פייסי דעמ כאזנס“.

„אָט מיט די דאָזיקע קסאָווימ וועט איר אָנהייבנ דעמ

ערשטנ באנד, — שרײַבט ער צו פינוסנ, — אונ נאָכ זײ װעלנ גײנ אנדערע קינדער־דערצײלונגענ. איכ פאָדער שטרענג אָט די דאָזיקע אָרדענונג“.

דער גרױסער הומאָריסט שאָלעמ־אַלײכעמ, װעלכער האָט אפנ גאנצנ שליאכ פונ זײַנ שאפנ געקעמפט קעגנ סענטימענטאַלער בליפערײַ אינ דער ליטעראטור, האָט זיכ געשראָקנ, אז בא דעמ לעזער זאָל זיכ ניט שאפנ קײנ אײַנדרוק, אז דער אװטאָר האָט קלוימערשט מיט זײַנע װערק א ספּעציעלנ ציל ארױסצורופנ ראכמאָנעס צו זײַנע העלדנ.

א באזונדערע אכטונג גיט אָפּ שאָלעמ־אַלײכעמ דעמ סטיל פונ דער רוסישער איבערזעצונג פונ זײַנע װערק.

מיט דער הילפ פונ זײַנע קינסטלערישע װערק, איבערגעזעצטע אפ רוסיש, האָט שאָלעמ־אַלײכעמ געהאט אינ זינענ אינטימ שמועסנ װעגנ דעמ לעבנ פונ דער ײדישער אָרעמשאפט מיט די פאָרגעשריטענע שיכטנ פונעמ רוסישנ פאָלק אונ פונ אנדערע פעלקער אינעמ צארישנ רוסלאנד, צעשטערנ די סינע אונ פײַנטשאפט, װאָס די הערשנדיקע קלאסנ האָבנ געזײט צװישנ די פעלקער.

„שױנ באלד צװײ טויזנט יאָר, אז זי שטײט, די הױכע מעכטיקע װאנט, אונ שײדט אָפּ דאָס אינערלעכע ײדישע װעלטל פונ דער גראָער װעלט, װאָס רינגלט עס ארומ, — שרײַבט שאָלעמ־אַלײכעמ. — אָנשטאָט דעמ, װאָס מע זאָל אָט די דאָזיקע װאנט צעשטערנ אונ טיפער ארײַנקוקנ אינ אָט דעמ אָפּגעזונדערטנ װעלטל, זײַנענ פאראנ

גוטע מענטשנ, וואָס זיי האלטנ זי אפ קאָלערליי אויפאנים אונטער, פארפעסטיקנ זי ווער מיט א ציגל, ווער מיט א שטיינ, אזוי אז זי ווערט אלצ העכער אונ שטארקער".

שאָלעמ-אלייכעמ האָט קיינמאָל ניט געקוקט אפ זײַנ קינסטלערישנ שאפנ, ווי אפ קונסט צוליב קונסט. ער האָט געשטעלט פאר זיכ די אופגאבע מיטצוהעלפנ דורכ זײַנ שאפנ אויסצוואָרצלענ די קרענקלעכע דערשײַנונגענ אינעמ לעבנ פונ דער יידישער אָרעמשאפט. ער האָט עס דורכגעפירט אינ זײַנ ארבעט מיט דער הילפ פונ הומאָר אונ טיילווײַז מיט דער הילפ פונ סאטירע. אפ זײַנ ארבעט האָט ער געקוקט, ווי אפ דער גרויסער זאכ פונ אויסוואָרצלענ דעמ קאָנסערוואטיזמ, וואָס איז אינ פארלויפ פונ יאָרהונדערטער אײַנגעוואָרצלט געוואָרנ דורכ די הערשנדיקע קלאסנ. ער האָט שטענדיק צוגערעכנט זיכ צו יענע מענטשנ, וועלכע צעשטערנ די וואנט, וואָס טיילט אָפּ די יידנ פונ דער ארומיקער וועלט.

„מיט מײַנע שוואכע קויכעס — זאָגט שאָלעמ-אלייכעמ—נעמ איכ שוינ מער ווי א פערטל יאָרהונדערט אָנטייל אינ דער ארבעט (צו צעשטערנ אָט די וואנט). איכ סטארע זיכ אופצוכאפנ דעמ אינערלעכנ זינ פונעמ לעבנ פונ די אײַנוווינער פונעמ שטעטל אונ געפינענ דאָ דעמ ליכטיקנ אָפּשײַנ פונעמ מענטשנ מיט אלע זײַנע פריידנ, טרויערנ אונ מיט זײַנ שטרעבונג צו אנ אידעאל".

געפינענ דעמ „ליכטיקנ אָפּשײַנ פונעמ מענטשנ"—אָט

צו וואָס עס האָט געשטרעבט שאָלעמ־אַלייכעמ דער הומאַניסט.

„אַלע ווידערשפּרוכנ, וואָס טרעפנ זיכ צווישנ די אויסערלעכע באַדינגונגענ פונ לעבנ פונעמ פינצטערנ טכומ און דער ריינער באַוועגונג פונ דער נעשאָמע, שאַפנ גאַנצ אָפט קאָמישע סיטואַציעס, וואָס רופנ טיילמאָל אַרויס אַ הילכיקנ געלעכטער. און די דאָזיקע דערשיינונג שרייבנ די לעזער צו ניט דעמ לעבנ זעלבסט, וואָס איז עס אייגנטימלעכ, נאָר דער פאַנטאַזיע פונ דער שפּאַס־שטימונג פונעמ שרייבער. און איבער אַ מיספאַרשטייעניש קרויגט מענ דעמ שרייבער מיטנ רומ פונ אַ הומאָריסט".

אָט וו עס ליגט דער סאָד פונ שאָלעמ־אַלייכעמס הומאָר.

דער טאָג, ווענ שאָלעמ־אַלייכעמ האָט באַקומענ דעמ ערשטנ באַנד פונ דער רוסישער איבערזעצונג פונ זיינע ווערק, איז געווענ איינער פונ די סאַמע פריידיקסטע טעג אינ זיינ לעבנ. אינ יענער גליקלעכער מינוט שרייבט שאָלעמ־אַלייכעמ צו זיינ איבערזעצער:

„איכ בינ אייכ אַזויפיל דאַנקבאַר, אַז כ'האָב אינ דער מינוט קיינ ווערטער ניט. איכ נעמ אייכ ברידערלעכ אַרומ און קוש אייכ".

ווידער אינ דער היימ

1914. שאָלעמ=אלייכעמס געזונט=צושטאנד פארבעסערט זיכ, אונ שטארקער ווערט זײַנ בענקשאפט נאָכ זײַנ היימ. ער וועט זיכ אומבאדינגט לאָזנ אינ וועג ארײַנ. ער וועט פאָרנ צוריק קיינ רוסלאנד. ער קאָנ זיכ שוינ, שאָלעמ=אלייכעמ, מער ניט באנוגענענ מיט דעמ בלאסנ ווידערקאָל פונעמ לעבנ אינ זײַנ היימ, וואָס ער הערט פונדערווײַטנ.

מיט אומגעדולד ווארט שאָלעמ=אלייכעמ אפנ פרילינג. דער פרילינג איז געקומענ, אונ שאָלעמ=אלייכעמ האָט זיכ געלאָזנ אינ וועג ארײַנ. ער פאָרט אהיימ. ער וועט איצטער זענ פאָנעמ צו פאָנעמ זײַנ קלוגנ, לײַדנדיקנ טעוויע דעמ מילכיקנ מיט זײַנע טעכטער, איידעמס אונ אייניקלעכ. ער וועט ווידער אפדאָסנײַ א קוק טאָנ, וואָס עס הערט זיכ מיט זײַנ פאנטאזירנדיקנ, אינ די הימלענ פליענדיקנ, שלימאזלדיקנ מענאכעמ=מענדלענ, ער וועט זענ אָט די יעניקע, פונ וועמענ ער האָט געשילדערט זײַנע הארציק=לירישע קינדער=געשטאלטנ, וואָס טוט זיכ מיט זיי? ער וועט זיי פאָטערלעכ א נעמ טאָנ אפ זײַנע הענט, א קוק טאָנ טיפ=טיפ אינ זייער קינדערשער נעשאָמע ארײַנ.

ווי עס האָט זיכ נאָר געוויזנ אינ די צײַטונגענ, אז שאָלעמ=אלייכעמ איז געקומענ, זײַנענ די רעדאקציעס פארשאָטנ געוואָרנ מיט בריוו פונעמ טכומ. די ייִדישע פאָלקס=

מאסנ, וועלכע האָבנ נאָרוואָס איבערגעלעבט דעמ מיטלאלטערישנ בײליס-פּראָצעס, די בויקאָטנ פונ דער פּוילישער שליאכטע, די פּויליש-שאָוויניסטישע אונ אנטיסעמיטישע העצע, האָבנ מיט דער גרעסטער פרייד אונ באגײַסטערונג באגעגנט זייער באליבטסטנ פאָלקס-דיכטער. פונ יעדער שטאָט אונ שטעטל זײַנענ אינ די רעדאקציעס אָנגעקומענ באגריסונגס-בריוו אונ טעלעגראמעס פאר שאָלעמ-אליכעמענ.

א יאָנטעוודיקײַט, א דערהייבונג צווישנ די ייִדישע פאָלקס-מאסנ טראָגנ ארײַנ די אָוונטנ, וואָס ווערנ אײַנגעאָרדנט אינ פארשיידענע שטעט מיטנ אָנטייל פונ שאָלעמ-אליכעמענ. עס באגעגענענ אימ אלט-אונ-יונג אונ קינדער אפילע. אלע שטויסנ זיכ ארײַנצוגיינ אפ זײַנע פאָרלעזונגענ, אונ אויב עס געלינגט ניט ארײַנצוגיינ אינ טעאטער אפנ אָוונט, ווארט מענ כאָטש אינ די נאָענטע גאסנ, ווו שאָלעמ-אליכעמ וועט דורכפאָרנ, קעדיי א קוק צו געבנ אפ אימ.

* * *

אָט איז שאָלעמ-אליכעמ ארויס פונעמ גאסט-הויז. ער האָט זיכ נאָר באוויזנ אינ גאס. א גרופּע שול-קינדער רינגלענ אימ ארומ, נעמענ זיכ פאר די הענטלעכ, לאָזנ אימ ווײַטער ניט גיינ אונ טאנצנ ארומ אימ א קאראהאָד. ער פארלירט זיכ פונ דער פלוצלינגדיקער באגעגעניש, אָבער

גלײַך דערוואַקסט אין אים זײַן קינסטלעריש־קינדישע נשמה, און ער ווערט ניט אַוועקגײַן פֿון זיי, פֿון זײַנע מאַטעלעך. די קינדער זינגען אַ קינדיש פֿאָלקס־לידל, פֿליעסקען מיט די הענטלעך און זײַנען צופֿרידן מיט זייער „געפֿאַנגענעם“, און דער „געפֿאַנגענער“ מיט זיי.

שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך שוין באַפֿרײַט פֿון די קינדער. ער שפּאַצירט. עלטערע, יִנגערע דורכגייער און דורכגייערנס לאָזן זיך לויפֿן אינמיטן דער גאַס, יאָגן אים איבער, קערן זיך אום און גייען אים אַנטקעגן, קעדיי נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן אויף אים. און פֿון דעם האַמוין רײַסט זיך אַרויס אַ יונגערמאַן, באַגריסט שאָלעם־אַלייכעמען אין גראַמען.

שאָלעם־אַלייכעם שמייכלט, מאַכט אויפֿמערקזאַם דעם גראַמען־זאָגער, אַז צו „שאָלעם־אַלייכעם“ האָט ער נאָך קיין גראַם ניט געזאָגט. דער יונגערמאַן האָט פֿאַרהויבן דעם קאָפּ, אַ שאַר געטאָן דעם קאַפּעליוש אַראָפּ, אַ דריי געטאָן מיטן ווײַז־פֿינגער פֿון דער רעכטער האַנט אין דער לופֿט און האָט באַלד אָפּגעענטפֿערט:

„באַטש צו שאָלעם־אַלייכעם איז ניטאָ קיין גראַם,
ווינטש איך דאָך אים בראָכעס אַ יאַם!“...

אויפֿן שפּאַציר ווענדט זיך שאָלעם־אַלייכעם צו זײַן באַגלייטער אַזוי:

— אוי, ווי גוט! אָט וואַקסט קראָפּעווע, קראָפּעווע וואַקסט! עמעסע קאַסרילעווקער קראָפּעווע, פֿון וועלכער עס

ווערנ אפ די פיס בלאָטערנ... זעט נאָר, ווי עס פליִענ פליִטערלעכ, ווי שנייעלעכ פאַלנ זיי! נאָר בא אונדז אינ רוסלאַנד זעט איר זיי אזוי פליִענדיק!.. ס'א מעכײַע. די שווייצ איז שיינ, א רײַכע נאַטור, אָבער אומעטומ, אפנ שפּיצ פונ העכסטנ בארג... באמ וואסערפאל... אומעטומ זעסטו צייכנס פונ מענטשלעכע הענט, וועלכע האָבנ די נאַטור אינ ארענדע גענומענ... מאכנ פונ איר געשעפט אונ ביזנעס... כ'פיל זיכ דאָ אינ רוסלאַנד עפּעס אזוי היימיש, ס'דערמאָנט מיר מײַנ יוגנט אונ קינדהײַט...

איר פרעגט, ווענ איז בא מיר געבליבנ צו פאָרנ קיינ רוסלאַנד? אייגנטלעכ, נאָכ מיט דרײַ יאָר צוריק, באלד ווי כ'האָב זיכ אָנגעהויבנ פילנ בעסער.

מיילע, אז מע טאָר ניט פאָרנ, ווענ ס'איז דיר דאָס שטרענג פארבאָטנ, איז די בענקשאפט ניט אזוי גרויס. ווײַבאלד אָבער, אז די דאָקטוירימ האָבנ מיר אזא נעסיע דערלויבט, איז מיר דאָס זיצנ געוואָרנ מאמעש אומדערטרעגלעכ. כ'האָב דערשפּירט א קרענקלעכע בענקעניש... כ'האָב זיכ קיינ אָרט ניט געפונענ... דערווײַל איז אונטערגעקומענ די ביילים-געשיכטע, אונ פונוואַנענ איז די מײַסע אזוי מענגושעמדיק ווילד אונ די אוולע אזוי גרויס!

וואָס נעענטער צו דער רוסישער גרענעצ, אלץ מער איז מײַנ אומגעדולד געוואקסנ... כ'האָב אינ די וואגאָנשײַבעלעכ געקוקט: שוינ?

אונ אז כ'האָב דערזענ דעמ ערשטנ רוסישנ סלופ מיט

די שוואַרץ-ווײַסע פּאַסן; דעם ערשטן רוסישן זשאַנדאַרם מיט די געזונטע פּלייצעס און דער ברייטער ברוסט, האָט מיך אַ מאָדנער געפיל באַהערשט, אַ געפיל, אויסגעמישט פון װאַרעמקײט און קעלט, ליבשאַפט און שרעק...

אין דער פרעמד, ווײַט פון דער היים, אָנלייענענדיק זיך מיט אַלע צײַטונגס-ידיעות, האָט מיר אויסגעוויזן, אַז אין קאַסרילעווקע ליגט שוין דער הימל אַף דער ערד און מײַנע קאַסרילעווקער ליגן אַף די פּענעמער. עט, „ניע טאַק טשאָרט סטראַשען!“

אונדזער יונגן דאָר האָב איך געפונען אין אַ סאַך אַ בעסערן מאַצעוו, ווי כ׳האָב זיך פאָרגעשטעלט. אַ נײַער דאָר וואַקסט, אַ געזונטע יוגנט, ניט קיין באַטלאָנים!

* * *

ניט לאַנג האָט אָבער שאָלעם-אַליכעם געקאָנט פאַרבלײַבן אין רוסלאַנד. עס האָט אים ניט דערלויבט זײַן געזונט-צושטאַנד. און שאָלעם-אַליכעם צעשיידט זיך ווידער מיט זײַן לייענער, וועלכער איז אים אַזוי ליב און טײַער.

קאַפּיטל עלף

ווידער אינ וואנדערונג

אינ יול פונ יאָר 1914 געפינט זיכ שאָלעמ-אלייכעמ אונ זײַנ פאמיליע אינעמ דײַטשישנ קוראָרט אלבעק, אפנ ברעג פונעמ באלטישנ יאמ.

„מיר יואלגערנ זיכ אפנ ווייכנ זאמד לעבנ דעמ שביי-נעסדיקנ יאמ, — דערציילט וועגנ זייער זײַנ אינ אלבעק די טאָכטער פונעמ שרײַבער ליאלי ראבינאָוויטש, — מיר ווױנענ אינ א קליינ הײַזלע בא דײַטשנ. דער פאפא איז אינ א פריילעכער שטימונג. מיט צוויי אייניקלעכ פונ ביי-דע זײַטנ. זיי פארגעטערנ אימ.

די באלעבאָסטע, א דײַטשקע, גרייט פאר אונדז די בע-סטע מיטיקנ. אלצ איז אזוי גוט, אלע זײַנענ פריילעכ, אלע זײַנענ אינײַנעמ. דער וועטער—א ווונדערבארער, דער יאמ—א פראכטפולער.

איינמאָל זײַנענ מיר געזעסנ באמ טיש, געגעסנ מיטיק:

— א מילכאָמע!

און אלע זײַנען אופגעשפרונגענ. א מילכאָמע! עס איז דערקלערט א מילכאָמע צווישנ רוסלאנד און דײַטשלאנד!

מיר לויפנ מיטנ פאפא צום ברעג... מיר לויפנ, מיר ווייסנ אליינ ניט וואוהינ.

און אזוי, אינ פינפ מינוט האָט אלצ געפלאצט. אלע אונדזערע פלענער צונישט געוואָרנ. די באלעבאָסטע די דײַטשקע, וואָס האָט אונדז נאָרוואָס דערלאנגט דעמ בעסטנ מיטיק, וויל אונדז אפ א מינוט מער ניט איבערלאָזנ אינ איר הויז... זי בעט, אז מע זאָל איר אוועקגעבנ פאר א מאשקנ אָנשטאָט געלט דעמ טאטנס וווּנדערבארג זייגער: אָט יענעמ, וואָס שפילט אלע פערטל שאָ אנ אָנגענעמע מעלאָדיע.

אפנ וואָקזאל קערט זיכ א וועלט. גאנצע בערג מיט באגאזש...

מיר לויפנ אינ בערלינ. דער ווײַסער זאמד פונ אלביעק האָט זיכ פארוואנדלט אינ א בלוטיקנ קאָשמאר. אפנ בערלינער וואָקזאל האקנ אונדז איבער דעמ וועג די ערשטע סאָלדאטנ, וואָס גייענ אפנ פראָנט.

מיר שטייענ און קוקנ אפ זיי. דער פאָטער, א בלאסער, מיט אנ אויסדרוק אינ די אויגנ, וועלכנ עס איז אומעגלעכ איבערצוגעבנ, רעדט ארויס:

— א מילכאָמע...

איצט גלייבט ער שוינ".

ווי א רוסישער אונטערטאנ, איז שאָלעמ-אלייכעמ ארויס=

געשיקט געוואָרן פונ דײַטשלאנד, און אינ זײַנ לעבנ הייבט זיכ אָנ א נײַע צײַט פונ וואנדערונג. ווי א ייִדישער שרײַבער, קאָנ ער זיכ איצטער אינ רוסלאנד ניט צוריקערנ. די צארישע מאכט האָט פארווערט די ייִדישע אויסגאבנ און די ייִדישע שפראכ. שאָלעמ־אלייכעמ באשליסט אוועקצופאָרנ קיינ אמעריקע.

„עס האָבנ מיכ פארכאַפּט, — שרײַבט ער צו מענדעלע מויכער־ספאָרימ שוינ פונ אמעריקע, — די סאָנימ די דײַטשנ, אָפּגענומענ דעמ געזונט, דאָס געלט און דעמ גלײַכגעוויכט פונעמ גײַסט. א סאכ ארומגעשלעפּט זיכ איבער די נייטראלע לענדער, געווענ קראנק אי פיזיש אי גײַסטיק. שיר ניט געשטאָרבנ“.

דער געזונט־צושטאנד שאָלעמ־אלייכעמס ווערט ערגער. עס מאטערט אימ א דורשט. ער הערט ניט אופ צו טרינקענ. ער טרינקט און קאָנ ניט שטילנ זײַנ דורשט. דערזעט ער נאָר א קראנ פונ דער וואסערלייטונג, מאכט ער פאפירענע קריגעלעכ, פילט זיי אָנ מיט וואסער און טרינקט

אינ אָט דער שווערער צײַט שרײַבט ער איינעמ א באקאנטנ, קלאָגנדיק זיכ אפ זײַנ קרענק. און ווי שטענדיק, איז איצט אויכ זײַנ בריוו דורכגעדרונגענ מיט א טרויעריקנ הומאָר:

„איר ווייסט, אינ וואָס ס'באשטייט מײַנ קרענק? איכ שטארב פונ דורשט, איכ טרינק וואסער. דער יאַמ איז

ווייניק פאַר מיר. א דאנק גאָט, וואָס, זייענדיק אינ א פרעמד לאנד מיט א גרויסער פאמיליע אונ אָנ קיינ שומ מיטלענ צו עקזיסטירנ, בינ איכ פאָרט פארסטראכירט — איכ וועל שוינ פונ הונגער ניט שטארבנ. איכ וועל שטארבנ פונ דורשט.

אונ דאָס איז צומ גוטנ. זאָל די וועלט ניט זאָגנ, אז שאָלעמ=אלייכעמ איז געשטאָרבנ פונ הונגער. פע! פונ דורשט איז א סאכ שענער אונ אָריגינעלער. פונ הונגער שטארבנ פיל. פונ דורשט — בלויז איינ שאָלעמ=אלייכעמ. א רעכטער בעוורעמאנ!"

אזוי האָט שאָלעמ=אלייכעמ אינ די סאמע שווערסטע מינוטנ פונ זיינ לעבנ געשפאסט איבער זיינע לײדנ אונ צאָרעס.

קוימ מיט צאָרעס דערשלאָגנ זיכ צו א קליינ שוועדיש שיפל, וואָס האָט פאַר א הויכנ פרייז געפירט קיינ מאלמע שאָלעמ=אלייכעמענ אונ זיינ פאמיליע.

„דאָס שיפל איז געווענ איבערגעפאקט מיט אנטלאָפענע, קימאט אלע רוסישע יידנ, אונ נאָר א קליינער פראָצענט רוסנ אונ פאָליאקנ. צווישנ די עטלעכע קריסטנ האָט זיכ אויכ געפונענ דער דעמאלטיקער צארישער בילדונגס=מיניסטער קאסאָ, וואָס איז געווענ בארימט מיט זיינע גזיירעס קעגנ דער יידישער לערנ=יוגנט. דערהערט, אז קאסאָ איז צווישנ אונדז, האָבנ זיכ די יידנ אפנ שיפל אָנגעהויבנ צו רודערנ. א טייל האָבנ געזעגנ אינ אימ נעקאָמע, א טייל

האָבנ געהאַט האַנאָע, וואָס זיי פּאָרנ מיט א „מעניס=
טער“, אונ אנדערע, טאַטעס פונ גימנאַזיסטנ אונ סטו=
דענטנ, האָבנ אפילע זיכ געקליבנ א פרוו טאָנ שטאַדלאָ=
נעס: עפּשער וועט זיי דאָ געלינגענ צו באַקומענ פּראָטעק=
ציע פאַר זייערע קינדער גלײַכ פונעמ צאָפנ?.. שאָלעמ=
אַלייכעמענ האָט דער דאָזיקער גערודער מיצאַד די ייִדנ
שטאַרק פאַרדראָסנ. ער האָט געזאָגט, אז שענער וואָלט
געווענ, מע זאָל קאַסאָנ אינגאַנצנ איגנאָרירנ, זיכ גאָרניט
אומקוקנ אפ אימ.

ער האָט געכאַפּט א קוק פונ דער זײַט אפנ געבראָכע=
נעמ מיניסטער: א הויכער פאַרשויִנ, מיט א טונקל פּאָ=
נעמ אונ מיט שווארצע, טריבע, קרומלעכע אויגנ, אינ
וועלכע דאָס בייזע פײַער איז צײַטווײַליק געווענ פאַר=
שטיקט.

קאַסאָ האָט זיכ קיינ אָרט ניט געקאָנט געפינענ. די
ייִדנ האָבנ אימ געשטאָכנ מיט זייערע בליקנ. ער איז אַרײַנ
אינ דעמ קאַפּיטאַנס קאַבינעט, — א קעמערל די גרייס
ווי א שפּאַנ, — אָבער אויכ דאָרטנ האָבנ ייִדנ פאַרנומענ
אלע פּלעצער. האָט ער זיכ ארומגעדרייט א דערשלאָגענער
הינ אונ הער איבערנ דעק פונעמ שיפל.

עס האָט אָנגעהויבנ צו רעגענענ. דער יאַמ איז געוואָרנ
שטורעמדיק אונ האָט גענומענ וואַרפנ דאָס שיפל, ווי א
שפּענדל, ארופ אונ אראָפּ. שאָלעמ=אַלייכעמ, וואָס האָט
ניט געקאָנט פאַרטראָגנ די לופט פונ דער גערדיכט=אָנגע=

רייכערטער קאַבינע, האָט זיך אויסגעזוכט א פלאץ אבן דעק און געזעסן אין רעגן אונטערן אָפענעם שירעם. קאסאָ איז עטלעכע מאָל פארבייגעגאנגען מיט אן אופגעשטעלטן קאָלנער פונעם מאנטל און האָט געוואָרפן פארגאנוועטע בליקן אף שאָלעם-אלייכעמען. ווייזט אויס, אז שאָלעם-אלייכעמס אויסערלעכער אויסזען האָט אים פארינטערעסירט, און עס האָט אים געצויגן צו פארבינדן מיט אים א שמועס, עפשער קעדיי ניט צו פילן זיך אזוי איינזאם.

ער איז ענדלעך צוגעגאנגען צו שאָלעם-אלייכעמען און זיך געווענדט צו אים גלייך אף רוסיש:

— קאָן מען זיך צוזעצן אונטער אייער שירעם?

— ביטע! — האָט אים שאָלעם-אלייכעם געענטפערט העפלעך, נאָר טרוקן, געמאכט פאר אים פלאץ און אָנגעבויגן צו אים א האלבן שירעם.

— א שרעקלעכע לאגע? — פרווט קאסאָ ארייַן אין א געשפרעך.

— יאָ! — זאָגט שאָלעם-אלייכעם.

קאסאָ באטראכט מיט איין אויג זיין איינגעהאלטענעם שאָכן, דערזעט בא אים אפן קייטל פונעם זייגער א גאָלדענעם זשעטאָן.

— איר דינט אין דעם אינזשעניערן-דעפארטאמענט פון דעם אייזנבאן-מיניסטעריום? — פרעגט ער און ווייזט מיטן פינגער אפן זשעטאָן.

— ניין, — זאָגט שאָלעמ-אלייכעמ, — דאָס איז א זשעטאָנ פונעמ פעטערבורגער פאריינ פונ שריפטשטעלער אונ דראמאטורגנ.

— זײַט איר, הייסט עס, א שריפטשטעלער? א דראמאטורג?

— יאָ, — ענטפערט שאָלעמ-אלייכעמ קורצ.

פונ קאסאָס זײַט איז געזעסנ א ייִדישע פרוי. אינ דער צײַט פונ זײַנ קורצנ געשפרעכ מיט שאָלעמ-אלייכעמענ איז דער פרוי געוואָרנ ניט גוט פונעמ ווארטנ, אונ זי האָט אָנגעהויבנ אויסצובריזכנ. קאסאָ האָט עלעגאנט אויסגעשטרעקט זײַנ האנט אונ אונטערגעהאלטנ די פארכאלעשטע פרוי. אָפּגעטאָנ די ארבעט, רופט ער זיכ אָנ צו שאָלעמ-אלייכעמענ:

— אינ אזא לאגע קומט אויס אמאָל צו זײַנ אפילע א בארעמהארציקע שוועסטער.

— עס שאדט ניט, אז מע איז דאָס אינ אלע לאגעס, — האָט שאָלעמ-אלייכעמ א זאָג געטאָנ גאנצ געלאסנ.

דער דאָזיקער ענטפער האָט געמאכט א סאָפ צו זייער געשפרעכ. ווי נאָר דער רעגנ איז געוואָרנ שוואכער, האָט קאסאָ זיכ ארויסגערוקט פונ אונטער שאָלעמ-אלייכעמס שירעמ, א בורטשע געטאָנ א האנק אונ איז ניט געוואָרנ.

דעמ זעלבנ אָוונט זײַנענ מיר צוגעפאָרנ צו מאלמע מיט דער באנ. מיר האָבנ זיכ געלאָזט גיינ מיט שאָלעמ-אלייכעמענ צופוס איבער האלב-פינצטערע ליידיקע גאסנ, גע-

טריבן פון א שטארקן יאמ־ווינט, ביז מיר האָבן געפונען א האָטעל. באם ארײַנגאנג פונעם האָטעל איז אפּ אונדז אָנגעלאָפן א הויכע פיגור, מיט אן אופגעשטעלטן קאָלנער און מיט א טשעמאָדאן אין דער האנט — קאסאָ. ווי נאָר ער האָט אונדז דערזען, האָט ער באלד פארקערעוועט צו־ריק און איז מיט גיכע טריט נעלעמ געוואָרן אין דער נאכט".

פון מאלמע האָט זיך שאָלעמ־אַלייכעמ דערקליבן ביז קאָפּענהאגען. דאָרטן האָט ער זיך פארנומען מיט געזעל־שאפטלעכער טעטיקײַט צום גונסטן פון די רוסישע יידן, וואָס זײַנען ארויסגעטריבן געוואָרן פון דײַטשלאנד. ער טרעט ארויס אפּ אָוונטן, און דאָס אופגעזאמלטע געלט גייט לעטוויוועס די אנטרונענע.

„דאָ אין קאָפּענהאגען איז געווען אן אָוונט פאר די אָרעמע עמיגראנטן, פארשטייט זיך, מיט מײַן אָנטייל. עס איז צונויפגעזאמלט געוואָרן פיל געלט. און אצינד ווערט דאָ אײַנגעאָרדנט א קיך פאר אָרעמעלײַט. איך האָב גע־לייענט, דאָס פובליקום האָט געלאכט, ווי אלעמאָל. אָבער קיינעם איז נאָרניט אײַנגעפאלן, אז דער סאמע אומגליק־לעכסטער און אויסגעמוטשעטער עמיגראנט, דאָס בין איך, שאָלעמ־אַלייכעמ".

אָט אזוי דערציילט וועגן דער צײַט שאָלעמ־אַלייכעט אין די שורעס פון די ווייניקע בריוו, וואָס זײַנען דעמלט דער־גאנגען פון שאָלעמ־אַלייכעמען קיין רוסלאנד.

די לעצטע צוויי יאָר

שווער איז געווענ שאָלעמ-אליכעמס לעבנ אינ אמעריקע. עס איז אימ געווענ פריקרע די סוויווע, אינ וועלכער ער איז ארײַנגעפאלנ, די ייִדישע אמעריקאנער געלע פרעסע, ווו עס איז אימ אויסגעקומענ צו ארבעטנ. עס האָט זיכ אימ געבענקט אהיימ. עס האָט אימ געצויגנ קיינ רוסלאנד. די שטימונג שאָלעמ-אליכעמס איז געווענ פונקט אזא, ווי די שטימונג פונ פיל ייִדישע עמיגראנטנ פונ רוסלאנד, וואָס פלעגנ אפ זייערע אָוונטנ אונ פארזאמלונגענ זינגענ די ניט געקינצלטע פאָלקס-ליד:

אָ, רוסלאנד, קוימ הער איכ דײַנ שפראכע,
דערפיל איכ א פרייד אונ א שמערצ,
געפילנ פונ ליבע אונ ראכע
ערוואכנ גאנצ טיפ אינ מײַנ הערצ.
אָ, רוסלאנד, ווי וואָלט איכ צעקושנ
דײַנ יעטווידנ שטיינדל אציגנד.
אָ, רוסלאנד, ווי וואָלט איכ צעריסנ
דײַנ צאר, אָט דעמ בלוטיקנ הונט.

דער געזונט-צושטאנד שאָלעמ-אליכעמס ווערט אלצ ערגער אונ ערגער. אונ עפעס פילט ער, אז ער וועט שוינ אהיימ צוריק ניט אומקערנ זיכ.

זײַנ גײַסטיקנ צושטאנד אינ דער פרעמד האָט ער גאנצ קלאָר אויסגעדריקט אינ זײַנע בריוו צו זײַנע קיעווער

קרוויוומ. אינ די בריוו דערציילט שאָלעמ-אליייכעמ וועגנ זיינ בענקשאפט אהיימ, וועגנ זיינ שווער לעבנ אינ אמעריקע. אינ זיינ לעצטנ בריוו צו מענדעלע מויכער-ספאָרימ פונ 8-טנ מיי 1915, וועלכער איז געשריבנ אפ רוסיש, פרעגט ער: „צי וועלנ מיר זיכ שוינ וועננ זענ?"

„וויפל מאָל האָב איכ זיכ געקליבנ איינ שרייבנ. עס האָט זיכ אזויפיל אָנגעקליבנ אפנ הארצנ, — שרייבט שאָלעמ-אלייכעמ צו מענדעלענ אינ דעמ בריוו, — אז עס וואָלט שוינ געווענ גלייכער עפשער גאָרניט שרייבנ. אָבער פונדעסטוועגנ, וואָס קענ מענ מאכנ? עס ווילט זיכ דאָכ דורכריידנ מיט נאָענטע אונ ליבלעכע. צי לעבט איר? צי זייט איר געזונט? דאָס איז דער איקער, דאָס איבעריקע— איז שוינ פוסטע זאכנ. געווינט דערצו. וועגנ מיר וועל איכ קיינ סאכ זיכ ניט פארשפרייטנ. ס'וואָלט אויסגעקומענ א סאכ צו שרייבנ".

שאָלעמ-אלייכעמ האָט געפילט, אז עס קומענ אָנ זיינע לעצטע טעג. פיבערהאפט טרעט ער צו צו פארווירקלעכנ זיינע ליטעראַרישע פלענער. אינ אמעריקע פארענדיקט ער זיינ סאטירע „קאסרילעווקער פראָגרעס" — אפ דעמ קאפיטאליסטישנ „פראָגרעס", וואָס האָט אפ א האָר ניט גרינגער געמאכט די קלעגלעכע לאגע פונ די ארבעטנדיקע. מיט גאל שילדערט ער דאָס יידישע קולטור-וועלטל אינ די גרויסע קאפיטאליסטישע צענטערס. אָנ ראכמאָנעס שלאָגט ער דעמ יידישנ פיליסטער אונ זיינע זייטנ. מער האָבנ זיכ

אימ אײנגעגעבנ אינ דער דאָזיקער סאטירע יענע קאפּיטלענ, וואָס שילדערנ די זײטנ פונ דער ייִדישער בורזשואזער פּרעסע אינ די גרויסע קאפּיטאליסטישע צענטערס פונ אײראָפּע אונ אמעריקע.

שאָלעמ-אלייכעמ דערציילט אונדז וועגנ צוויי צײטונגענ „דער קאפּעליוש" אונ „די יארמלקע". דאָס זײנענ טיפּישע זאמלונגס-נעמענ פאר דער גאנצער ייִדישער בורזשואזער פּרעסע.

עס זײנענ כאראקטעריסטיש די לאָזונגענ פונ די צײטונגענ, וועלכע שאָלעמ-אלייכעמ באשרײבט אונדז. די קלעריקאלע „יארמלקע" קלײבט אויס פאר איר דעוויז „צו גאָט אונ צו לײטנ". דער בורזשואזער „קאפּעליוש" האָט אָנגעשריבנ אפ זײנ פאָנ „איכ עקזיסטיר — אלצ עקזיסטירט". עס איז איבעריק צו דערקלערנ, אז אינ אָט דעמ לאָזונג איז דער טאָכ פונ דער אינדיווידואליסטישער בורזשואזער אידעאָלאָגיע.

אזוינע צײטונגענ נייטיקנ זיכ ניט אינ גוטע ליטעראַרישע ווערק, אינ טאלאנטפולע שרײבער. זיי ווילנ בעסער דרוקנ שונד-ראָמאנענ, אָט אזוינע, ווי „דער פארבאָטענער קוש פונ דער געגאנוועטער קאלע", אָדער „דער געגאנוועטער קוש פונ דער פארבאָטענער קאלע".

די דאָזיקע צײטונגענ בויענ זייער גאנצע עקזיסטענצ אפ די צאָרעס פונעמ פאָלק, אפ זײנע אומגליקנ, אפ פּאָגראָמענ, רעפּרעסיעס אונ באגרענעצונגענ. ווענ זיכ ווערט, צומ

באדויערנ פונ די רעדאקטאָרנ, אינ לאנד אפ א געוויסער צײַט שטיל, טראכטנ זיי אלײנ אויס פארשײדענע סענסאציאָנעלע געשעעניש. די דאָזיקע צײַטונגענ פארנעמענ זיכ מיט שאדכאָנעס אונ גיבנ אפ דעמ אָפ גאנצע זײַטנ אונ טערנ פאָלגנדיקנ קעפל: „פונעמ כאָסנ צו דער קאלע אונ פונ דער קאלע צומ כאָסנ".

אינ דעמ דאָזיקנ ווערק זײַנעמ לאכט שאָלעמ-אלייכעמ אויס ניט בלויז די רעדאקציעס, זייער שונד, ער לאכט אויס בײַסנדיק די גוילעמדיקײַט, בארימערײַ פונ די שרײַבער, וועלכע גרופירנ זיכ ארומ דעמ ליבעראלנ „קאפעליוש" אונ ארומ דער קלעריקאלער „יארמלקע". אָט די שרײַבער איגנאָרירנ דאָס טאלאנטפולע, דאָס קולטורעלע אונ באצ:ענ זיכ צומ פאָלק ווי צו א פינצטערנ האמוינ, וועלכער פארדינט ניט קיינ שומ אכטונג מיצאד די „גענ:אלע" באוווינער פונ דעמ אָלימפ. וועגנ איינעמ אזא דיכטער דערציילט שאָלעמ-אלייכעמ, אז „ער איז געווענ אמאָל אינ באָד אונ דערזענ זיכ א נאקעטנ, איז ער געוואָרנ מאָלע קאס וועכיימע: אזא גרויסער דיכטער, זאָל מענ אימ זענ א נאקעטנ?"

דער דאָזיקער פאָעט אונ זײַנע קאָלעגעס, וועלכע גיבנ דעמ טאָנ אינ דער „קאפעליוש"-ליטעראטור, שטויסנ אָפ פונ זיכ אלע טאלאנטפולע אונ אָרנטלעכע שרײַבער.

שאָלעמ-אלייכעמ באשרײַבט א יובילײ פונ אנ אלטנ טאלאנטפולנ שרײַבער, אונ עס איז ניט אויסגעשלאָסנ, אז

דאָ מיינט עס שאָלעם־אַלייכעם זיך אַליין. דער שרײַבער איז אַזוי אָרעם, אַז ער מוז לײַען אַ קאָסטיום צו זײַן יו־ביליי־אָוונט. די שרײַבער לאַכן הינטער די פּלייצעס פון זייער אָרעמען קאָלעגע:

— „ס'איז ניט זײַן קאַפּאָטע. ס'אַ געליִענע. מאַכמעס ער איז, לוי אַלייכעם, אַ גרויסער עווייגן. און דער יוביליי, וואָס מיר מאַכן אים, איז נאָר מיצאַד ראַכמאָנעס.

— וואָס הייסט, מיצאַד ראַכמאָנעס?

— אַזוי, אַ מעגטש פּלאָגט זיך קאָל־יאָמאָוו, געלט פון זײַנע שרײַבעכצן האָט ער ווינציק וואָס געהאַט, קאָוועד — נאָך ווינציקער, לאָז ער כאָטש אַפּ דער עלטער האָבן אַ ביסל נאַכעס־רועכ, אַ שטיקל יוביליי".

אַפן אָוונט זײַנען דאָ פאָרשטייער פון דער פּרעסע — פון דער „יאַרמלקע" און פון דעם „קאַפּעליוש".

די אָנפירער פון ביידע ריכטונגען מאַכן אַן אָנשטעל, אַז זיי אינטערעסירן זיך מיטן גוירל פונעם שרײַבער, האַלטן רעדעס. אָבער דער יוביליי ווערט באַלד פאַר־שטערט. דער פאָרזיצער פון יוביליי־קאָמיטעט כאַפּט שיר ניט קיין פּעטש.

„— ראַבויסײַ! — האָט דער געלער פּרעזידענט אָנגע־הויבן זײַן ערשט וואָרט. — ראַבויסײַ! מיר האָבן זיך צונויפגעזאַמלט דאָ הײַנטיקע נאַכט צו פײַערן דעם יובי־ליי פון דעם עלטערן און גרעסערן פון אונדזערע שריפט־שטעלער...

— דעמ „גרעסערנ“? — האָט זיכ אָנגעכאפּט דער דיכטער מיט די שווארצע קודלעס. — דעמ „עלטערנ“ פארשטיי איכ נאָכ, אָבער דעמ „גרעסערנ“, וואָס פאר א „גרעסערנ?“

— א ביסעלע א גוזמע, — האָט אימ אונטערגעהאלט: דער דראמאטורג מיט די בלויע ברילנ.

— ניט קיינ גוזמע, נאָר א כוצפּע, — האָט זיכ אָפּגערופנ דער ראָמאנענ־שרײַבער מיט די קאליע אויגנ...

גאנצענע טעג מיט גאנצענע נעכט זיצט ער, אָט דער ראָמאנענ־שרײַבער, אונ שרײַבט ראָמאנענ. ניט אומזיסט זײַנענ אימ קאליע געוואָרנ די אויגנ. צוליב וואָס ער שרײַבט ראָמאנענ — ווייסט קיינער ניט. בעטאכאקל האָט ער אפּ זײַנ לעבנ אָנגעשריבנ עפּעס א מײַסע, אונ די „יארמלקע“ האָט זי אָפּגעדרוקט. פונ דעמלט אָנ האלט ער, אָט דער ייִד, אינ איינ שרײַבנ ראָמאנענ.

דער פּאָעט מיט די שווארצע קודלעס האָט אונטערגעכאפּט אפּ א קאָל:

— א גרויסע כוצפּע! א כוצפּע אונ אנ אידיאָטסטווע!

— איר זײַט אליינ אנ אידיאָט! — האָט שוינ דער פּרעזידענט ניט געקאָנט אריבערטראָגנ מער, אונ דער דיכטער מיט די שווארצע קודלעס האָט אזש אָנגעהויבנ צו ציטערנ פאר קאס“.

נאָכ מיט מער סארקאזמ שילדערט שאָלעמ־אליינעמ די זיטנ פונ די זשורנאליסטנ פונ דער „יארמלקע“ אונ פונעמ

„קאפעליוש". ער שילדערט ניט נאָר זײַערע קרעמערישע גענג אין דער צײַט פון זײַער ארבעט, נאָר אויך זײַער נידעריקן קולטורעלן און מאָראַלישן ניוואָ. אלע אינטערוויוערס, פעליעטאָניסטן, פובליציסטן זײַנען דאָ מענטשן אמעראַצים, וואָס באגיסן איינער דעם אנדערן מיט שמוץ.

עס איז כאראקטעריסטיש צו באמערקן, אז אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן און שאפן נאָך פאר אמעריקע קערט זיך שאָלעם-אלייכעם אום צו זײַנע אלטע טעמעס, ווידער שרײַבט ער וועגן די פאמיליען-זיצן פון דער ייִדישער בורזשואזיע („זומערדיקע ראָמאנען"), א טעמע, וואָס ער האָט באארבעט, ווי מיר ווייסן שוין, אין זײַן „סענדער בלאנק".

די לעצטע צוויי יאָר, וואָס שאָלעם-אלייכעם האָט געלעבט אין דעם טומלדיקן ניו-יאָרק, זײַנען פאר אים געווען די סאמע טונקעלע און שווערע יאָרן פון זײַן לעבן. שאָלעם-אלייכעם איז געוואָרן כוישעך, אָפּגעצערט. דער שטענדיקער פרייליכער שמייכל פארשווינדט, און דאָס פּאָנעם איז באצויגן מיט טרויער.

מיט א שטעקל אין האנט האָט שאָלעם-אלייכעם געשפּאצירט אין די נאָענטע גאסן לעבן זײַן וווינונג, א פארטראכטער, א פארטיפטער אין זיך, פארזונקען אין זיכרוינעס וועגן זײַן ווײַטער היים, ווו עס זײַנען פארגאנגען זײַנע בעסטע שאפונגס-יאָרן.

„קוקנדיק אפ אימ פונ דער זײַט, איז שווער געווענ צו גלייבנ, אז דאָס איז דער פריערדיקער שאָלעמ=אלייכעמ: אזא טיפער אומעט אינ די אויגנ, אזא געלײַטערטער טרויער אינ דעמ גאנצנ אויסדרוק פונ דעמ פריער רירעוודיקנ, ארטיסטיש=בייגעוודיקנ געזיכט!“—אזא אײַנדרוק איז פארבליבנ בא שאָלעמ=אלייכעמס קינדער וועגנ די לעצטע אָנדערהאלבנ יאָר פונ זײַנ לעבנ.

נאָכ מער באטריבט האָט שאָלעמ=אלייכעמס לעצטע טעג דער פאקט, וואָס די רעדאקטאָרנ פונ די בורזשואזע צײַטונגענ אינ ניו=יאָרק, וווּ עס האָט זיכ געדרוקט שאָלעמ=אלייכעמס „פונעמ יאריד“, פלעגנ אלצ פאָדערנ פונ אימ, ער זאָל פאר זיי בעסער שרײַבנ שפאנענדיקע ראָמאנענ, איידער זײַנ אווטאָביאָגראפיע.

איצט, צו זײַנ צווייט מאָל זײַנ אינ אמעריקע, האָט שאָלעמ=אלייכעמ נאָכ מער געליטנ פונעמ אָלרײַטניק, אונ נאָכ שטארקער איז געוואָרנ שאָלעמ=אלייכעמס סינע צו אימ. שאָלעמ=אלייכעמ ווידמעט דעמלט אייניקע סאטירישע ווערק זײַנע דעמ אמעריקאנער אָלרײַטניק.

סאָפ זומער פונ יאָר 1915 קומט פאָר אַ קאטאסטראָפע אינ שאָלעמ=אלייכעמס פאמיליע: עס שטארבט זײַנ זונ מישא אינ עלטער פונ 26 יאָר. דאָס האָט נאָכ מער באטריבט אונ פארומערט שאָלעמ=אלייכעמס לעבנ. דאָס האָט נאָכ מער געווירקט אפ זײַנ געזונט=צושטאנד. אונ

אָט אזוי האָט זיך געצויגן זײַן פּאַרומערט לעבן ביזן פֿרי־לינג פֿון קומענדיקן יאָר.

אין פֿרילינג פֿון יאָר 1916 ווערט שאָלעם־אליינעם ווי־דער קראַנק, און אצינד שוין דאָס לעצטע מאָל.

אפן טויטן־בעט

דעם 9־טן מײַ פֿון יאָר 1916 איז שאָלעם־אלייכעם אזוי שטאַרק פֿאַרשלאַפֿט געוואָרן, אז ער האָט שוין ניט גע־קאָנט אַרומגיין און האָט זיך געמוזט לייגן אפן קראַנקן־בעט. די דאָקטוירים, וואָס האָבן אים געהיילט, האָבן פֿעסטגעשטעלט, אז ער איז קראַנק מיט די נירן און מיטן האַרץ. שאָלעם־אלייכעם האָט געפֿילט, אז דאָס מאָל וועט שוין זײַן שוואַכער, אויסגעמאַטערטער אָרגאַניזם ניט זײַן אימשטאַנד בײַצוקומען זײַן שווערע קרענק.

א גאַנצן טאָג — דעם 12־טן מײַ פֿון יאָר 1916 — האָט שאָלעם־אלייכעם ניט גערעדט. איצט האָט ער אופֿ־געעפֿנט זײַנע אויגן און האָט זיך געבעטן ווי א קינד:

— איך וויל זיצן... איך וויל זיצן...

אופֿגערעגט און מיט ציטער האָט שאָלעם־אלייכעמס פֿרוי פֿאַרהאַנגען דעם שפּיגל. זי האָט זיך דערשראָקן, אז דער קראַנקער זאָל זיך איצטער ניט דערזען אינעם שפּיגל. נאָך מיט א פּאָר טעג פֿריִער, ווען עס האָט אים געטראָפֿן דער ערשטער אָנגריף פֿון זײַן לעצטן קראַנק ווערן, האָט

שאָלעמ-אלייכעמ אפנ טויטנ בעט

ער געבעטנ, מע זאָל פארהענגענ דעמ שפיגל: ער קאָנ ניט אָנקוקנ דעמ לאנגווײַליקנ, גרויזאמענ טויט, וואָס האָט זיכ צעלייגט מיט א געל-וואקסענעמ שאָטנ פונ גליווער אפ זײַנ פּאָנעמ.

די נאָענטע פרײַנט שאָלעמ-אלייכעמס זײַנענ מונטערער געוואָרנ פונ די אָנשטרענגונגענ זײַנע. ער וועט זיכ ארויס-ראטעווענ, ער וועט ווידעראמאָל באקעמפנ דעמ טויט, גלײַכ ווי מיט אכט יאָר צוריק אינ באראנאָוויטש. עס האָט דאָכ דער דאָקטער די גאנצע צײַט געטײַנעט, — האָט זיי אלעמענ פארכאפּט איינ פריידיקער געדאנק. — ער מוז

אליין באקעמפן זײַן קרענק, ער טאָר זיך דעם טויט ניט אונטערגעבן.

שאָלעם-אלייכעם האָט זיך אוועקגעזעצט און גענומען בײַסן זײַנע נעגל, האָט זיך פארטראכט, גלײַך ווי ער וואָלט געשריבן איצט זײַנס א ווערק. ער איז אָבער ווידער אנידערגעפאלן אפן קישן, ארום זײַן בעט שטייען זײַנע קינדער און זײַן פרוי. און אָט רעדט ער, שאָלעם-אליי-כעם, מיט זײַנע לעצטע קויכעס:

— וועסט מיך נעמען אהיים, אהיים אפ א קװעװער בע-סוילעם.

אין א פאָר שאָ ארום האָט דאָס הארץ אופגעהערט צו קלאפן. און עס איז אפ אייביק אנשווייגן געוואָרן שאָלעם-אלייכעמס הילכיקער געלעכטער.

* * *

די צוויי טעג, וואָס דער פארשטאָרבענער איז געבליבן ליגן אין זײַן דירע, זײַנען די טירן געווען אָפן פאר יעדן איינעם, וואָס האָט זיך געוואָלט זעגענען מיטן קערפער פון שאָלעם-אלייכעמען. און כאָטש שאָלעם-אלייכעמס דירע איז געווען זייער ווײַט פון איסט-סײַד, פון דעם הויפט-צענטער פון דער יידישער אימיגראנטישער מאסע, זײַנען פאר די צוויי טעג דורכגעגאנגען שאָלעם-אלייכעמס דירע צענדליקער טויזנטער מענטשן, וואָס זײַנען געקומען צו זעגענען זיך מיטן פארשטאָרבענעם.

באמ אָרנ האָט זיכ די גאנצע צײַט געפונענ אנ ערנ-קאראול פונ ייִדישע שרײַבער. שטיל פלעגנ ארײַנגיינ די באזוכער, וואָס פלעגנ ארײַנגעלאָזנ ווערנ לויט דער ריי אינ צימער, ווו עס איז געשטאנענ דער אָרנ מיטנ קערפער פונ דעמ פארשטאָרבענעמ. אָנ ווערטער, גאָרנישט געזאָגט, פלעגנ זיי ארומגיינ דעמ אָרנ, ווארפנדיק דינ לעצטנ בליק אפנ פּאָנעמ פונעמ ליבנ אונ נאָענטנ שרײַבער. אפ זייער אָרט פלעגנ קומענ אנדערע, אלצ נײַע אונ נײַע באזוכער. אייניקע פונ זיי זײַנענ ספּעציעל געקומענ פונ דער פּראָווינצ. אונ אזוי זײַנענ אוועקגעגאנגענ גאנצע צוויי טעג.

דעמ 15-טנ מײַ איז פאָרגעקומענ די לעווײַע. הונדערטער טויזנטער ייִדישע ארבעטער, באלמעלאָכעס אונ אָנגעשטעלטע האָבנ געוואָרפנ זייער ארבעט אונ זײַנענ געקומענ אָפּגעבנ דעמ לעצטנ כּיוווד זייער געליבטנ פאָלקס-שרײַבער.

דער טאָג איז געווענ א כמורנער, א קאלטער. דער טרויעריקער פּראָצעסיע איז אויסגעקומענ דורכצומאכנ ניט ווייניקער פונ פינפ אונ צוואנציק קילאָמעטער וועג פונ דער דירע פונעמ פארשטאָרבענעמ ביזנ בעסוילעמ. אפ דער דאָזיקער שטרעקע איז אויסגעקומענ דורכצושנײַדנ פיר ראיאָנענ, וואָס זײַנענ באזעצט דורכויס פונ ייִדנ, אונ אומעטומ אפנ וועג זײַנענ אומענדלעכע שווארצע שערענגעס פונ מענטשנ, אומעטומ, אינ די פענצטער, אפ די באלקאָנענ אונ אפילע אפ די דעכער — מענטשנ.

שאָלעמ־אלייכעמס מאציווע

די הויפּט=מאסע פונ די באגלייטער האָט זיכ אופּגעקליבנ אינ איסט=סייד, אינעמ צענטער פונ דער יידישער עמיגראנטישער באפעלקערונג.

די באוועגונג האָט זיכ אָפּגעשטעלט. עס איז אויסגעוואקסנ א וואנט פונ מענטשלעכע קעפּ אונ קערפּערס, וואָס האָט מיט גרויס מי דורכגעלאָזנ דעמ טרויעריקנ שטראָמ פונ דער פּראָצעסיע. די פּראָצעסיע, וואָס האָט זיכ געלאָזנ

אינ ווענ פונ דער דירע פונעמ פארשטאָרבענעמ אינדערפרי, איז געקומענ אפנ בעסוילעמ ערשט אינ אכט שאָ ארומ.

דער באשיידענער בעסוילעמ האָט לאנג ניט געזענ אזא פילקעפיקנ האמוינ, כאָטש נאָר אנ אומבאדײַטנדיקער טייל פונ די, וואָס זײַנענ געגאנגענ נאָכנ אָרנ, האָט געהאט די מעגלעכקײַט צו דערגרייכנ דעמ בעסוילעמ איבער דער ווײַטקײַט פונ דער שטרעקע. דעמ אָרנ מיטנ קערפער האָט מענ אינ קייווער ניט ארײַנגעלאָזנ, ווײַל לויט דער ביטע פונעמ פארשטאָרבענעמ האָט מענ זײַנ קערפער נאָכ דער מילכאָמע געדארפט איבערפירנ קיינ רוסלאנד.

אינ אמעריקע האָט זײַנ קערפער געדארפט האָבנ בלויז א צײַטווײַליקע רו. באערדיקט האָט ער געוואָלט ווערנ נאָר אינ דער אלטער היימ.

די ברייטע יידישע פאָלקס=מאסנ האָבנ באוויינט דעמ טויט פונ שאָלעמ=אלייכעמענ דעמ שרײַבער, וועלכער איז אינ פארלויפ פונ קימאט פינפ אונ דרײַסיק יאָר געווענ זייער פרײַנט, זייער יאָנטעוו, זייער פרייד, דער וועקער פונ זייער געזונטנ אָפּטימיזמ.

אינ די אויערנ פונ די, וואָס האָבנ באגלייט דעמ שרײַבער אינ זײַנ לעצטע ווענ, האָבנ געקלונגענ די ווערטער פונ שאָלעמ=אלייכעמס צוואָע, וואָס איז געלייענט געוואָרנ באמ אָנהייב פונ דער לעווײַע:

„ווו איכ זאָל ניט שטארבנ, זאָל מענ מיכ באהאלטנ ניט

צווישנ אריסטאָקראטנ, מעיוכאָסימ, אָדער גווירימ, נאָר גראָד צווישנ פּראָסטע יידנ ארבעטער, מיטנ עמעסנ פאָלק, אזוי אז די מאציייווע, וואָס מע וועט דערנאָכ אוועק־שטעלנ אפּ מײַנ קייווער, זאָל באשײַנענ די איינפאכע קוואָרימ ארומ מיר, אונ די איינפאכע קוואָרימ זאָלנ באפּוצנ מײַנ מאציייווע, אזוי ווי דאָס פּראָסטע ערלעכע פאָלק האָט פאַר מײַנ לעבנ באשײַנט זײַנ פאָלקס־שרײַבער“.

אינהאלט

זײַט

צום לעזער 7

קאפיטל איינס

דאָס יאָר טויזנט אכט הונדערט נײַן און פופציק 9
פון פערעיאסלאוו קיין וואָראָנקאָ 18
גאזלאָנים באפאלן הירשקע דעם סינ 20
גערגעלע־כאווער 24
כאָלעם און וואָר 31
נאָכעם ראבינאָוויטשנ טוט מענ אָנ א ספאָדעק 42

קאפיטל צוויי

אז טאטע־מאמע זײַנענ אוועקגעפאָרנ 49
קיינ פערעיאסלאוו 58
אפנ נײַעמ אָרט 64
באמ יעיצער־האָרע אינ די הענט 69
שאָלעמ לערנט זיכ רוסיש 73
דאָס ערשטע הומאָריסטישע ווערק 80
אָרנאָלד פונ די פידוואָרקעס און דער קאָלעקטאָר 84

קאַפּיטל דריי

זייט

אָנגעקומען אין דער „אויעזדנע״ 90

א מייסע־ביכל וועגן אייזנבאַן 91

א מייסע־דערציילער 95

צווישן קלעזמער 102

אפן שייד־וועג 106

קאַפּיטל פיר

אין סאָפּיָעווקע 110

ארויסגעטריבן 117

ער גאנוועט די „גרענעצ״ 121

די ערשטע אנטוישונגען 127

ראבינער אין לובען 132

קאַפּיטל פינף

די ערשטע יאָרן פון שאָלעם־אליכעמס ליטעראַרישער טעטיקייט . 142

איינעם וועג פון מענדעלע מויכער־ספאָרים 149

זיך ווידער באגעגנט 153

א גאַסט 154

ליטעראַרישע פּלענער 164

קאַפּיטל זעקס

צווישן די קיִעווער יידישע שרייבער 168

א קריטיקער און א רעדאקטאָר 176

שאָלעם־אליכעמס ערשטע ראָמאַנען 188

זײַט

דער אָנגריף פֿון דער בורזשואַ־נאַציאָנאַליסטישער פּרעסע . . 194
דער זיידע און דאָס אייניקל 200
באַם „זיידן“ צוגאַסט 205
א מעכאַבער 212

קאַפּיטל זיבן

אין געראַנגל פֿאַר דער „ייִדישער פֿאָלקס־ביבליאָטעק“ 223
מענאַכעם־מענדל 230
א סאַטירע אף די בירזשע־סאָכרים 235
צווישן די כּײַעס באַם לייב 236
טעוויע דער מילכיקער 252

קאַפּיטל אַכט

פֿריידן און ליידן 262
זײַן פּאָפּולערקײַט וואַקסט 266
אין בערדיטשעוו אף די „פּעסקעס“ 269
שאָלעם־אַלייכעם אין דער היים 281
דער קישעניעווער פּאָגראָם 287

קאַפּיטל נײַן

גאָרקי און שאָלעם־אַלייכעם 292
דער 9־טער יאַנוואַר 299
טעאַטער־פּלענער 303
אין האָטעל „אימפּעריאַל“ 307
אין וואַנדערונג 311

זייט

באמ אמעריקאנער אָלרייטניק 313
געפערלעכ קראנק 321

קאפיטל צענ

מע פראוועט זיינ יובילײ אָנ אימ 325
אינ אויסלאנד אינ די סאנאטאָריעס 330
„בלאָנדזענדע שטערנ” אונ „פונעמ יאריד” 340
די רוסישע איבערזעצונג פונ שאָלעמ־אליכעמס ווערק 345
ווידער אינ דער היימ 351

קאפיטל עלפ

ווידער אינ וואנדערונג 356
די לעצטע צוויי יאָר 364
אפנ טויטנ־בעט 372